STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02550

FUN UNZER ALTEN OYTSER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פון אונזער אלטען אוצר

(צווייטע זאמלונג)

געקליבענע פערל פון אונזערע אלטע קוואלען און
כל'ערליי ספרים, פון די ראשונים און אחרונים,
איינגעטיילט אויף די סדרות פון דער תורה.

געזאמעלט און בעארבייט
פון ב. יאושזאהן

פיערטער באנד:
במדבר
דברים
חמש מגלות
ימים-טובים
פרקי אבות

ווארשא תרצ"ד

אַלע רעכט, סיי פון גאַנצען ספר, סיי פון
טיילווייזען איבערדרוקען, אָדער איבערזעצען,
בעהאַלט דער מחבר פאַר זיך.

Copyright 1934 by M. JUSTMAN, Warszawa, Twarda 16/6

Printed in Poland

B. JEUSZSOHN
FUN UNZER ALTEN OJCER
Warszawa 1934.

Druk. „GRAFJA", W—wa, Nowolipki 7. || 52 געזעצט ביי ר. ראָטענבערג, וואַרשא, מילא

ספר במדבר

בְּמִדְבַּר

שאו את ראש כל עדת בני ישראל... (א. ב.)

דער בעריהמטער פרעדיגער, דר. אַהרן יעלינעק, פלעגט זאָגען אין אַ ווערטעל: „שאו את ראש כל עדת בני ישראל”. די אַנדערע טיילען פון קערפּער זענען ביי גוים בעסערע, געזונטערע, קעפּ אָבער — קעפּ זאָלט איהר זוכען ביי אידען...

למשפחותם לבית אבותם... (א. ב.)

ביי אידען האָבען זיך די קינדער מתיחס געווען לויט'ן פאָטער, אין געגענזאַץ צו אַלע אַנדערע פעלקער אין יענער צייט, ביי וועלכע דער יחוס האָט זיך גענומען פון דער מוטער, ווי מיר געפינען אין פסוק: „אלה הם בני ישמעאל וכו' שנים עשר נשיאים לאמותם” (בראשית כה. טז.), און דעריבער ווערען די אַנדערע פעלקער אָנגערופען אין תנ"ך „לאומים” און „אומים”, פון לשון „אם”, ווי אויך אין די חז"ל — „אומות העולם”...

דאָס בעווייזט, אַגב, אַז די אידען זענען שוין אין יענער צייט געשטאַנען אויף אַ פיעל העכערע מאָראַלישע שטופע אין פערגלייך צו זייערע שכנים, וועלכע האָבען נישט געקענט די פאָטערס, נאָר די מוטערס...

(אוצר השמות)

מבן עשרים שנה ומעלה... (א. ג.)

פון דאַנען ווערט געדרינגען, אַז בכלל איש איז מען נור פון צוואַנציג יאָהר אָהן און אַז כרת איז מען בידי שמים נישט מעניש פחות מבן עשרים שנה. אַזוי ווערט געזאָגט אין ירושלמי מס' בכורים, ווי אויך אין זוהר פרשת וירא אויפן פסוק „ותרא שרה את בן הגר”.

דאַגעגען שרייבט דער חכם-צבי אין זיינע תשובות סימן מ"ט, אַז ער

איז נישט מסכים מיט די, וואס זאגען, אז א בן י״ג שנה איז נישט חייב קיין כרת, ביז ער ווערט א בן עשרים, און „אף על פי שכן תפסו במושלם הרבנים הגדולים מהרא״ם ובעל יפה-תואר איני דעתי נוחה בו״, דען ווי געשיקט זיך עס, אז מלקות און ארבע מיתות בי״ד זאל ער יא חייב זיין און כרת נישט?

עס איז אבער א פלא, וואס דער חכם-צבי פעררופט זיך בלויז אויפ׳ן מהרא״ם און יפה-תואר, פערזעהענדיג, אז דאס איז א בפירושער ירושלמי אין א זוהר...

(דברי שאול)

איש ראש לבית אבותיו הוא... (א. ד.)

דאס ווארט „הוא״ ווערט אפט געדרשנט דורך די חז״ל — „הוא מתחלתו ועד סופו״.

און אויך דא איז דיזעלבע כוונה, דען עפ״י רוב, בשעת א מענש ווערט נתעלה און בעקומט א שטיקעל התמנות, הויבט ער אן בלאזען פון זיך און הערט אויף צו דערקענען מענשען. עס ווערט דעריבער אנגעזאגט: „איש ראש לבית אבותיו הוא״, אז אויך דאן, ווען ער וועט ווערען א נשיא, א „ראש לבית אבות״, זאל ער זיך נישט ענדערן און בלייבען — „הוא מתחלתו ועד סופו״, דער זעלבער, וואס פריהער...

(דן מדניאל)

לגד אליסף בן דעואל... (א. יד.)

דאגעגען אין דער ווייטערדיגער פרשה, ביי די דגלים, שטעהט: „ונשיא לבני גד אליסף בן רעואל״ מיט א ר׳, און אין פ׳ נשא, ביי חנוכת המזבח, ווידער אמאל: „נשיא לבני גד אליסף בן דעואל׳ מיט א ד׳...

א חידוש, וואס קיינער שטעלט זיך נישט דערויף.

ואתה הפקד את הלוים... (א. נ.)

דערויף ווערט געזאגט אין בעל-הטורים: „שנים במסורה וכו׳ וזהו שאמרו אין אדם נעשה שוטר מלמטה אלא אם כן נעשה רשע מלמעלה״.

אויך דער רמב״ם אין פירוש אויף אבות (פרק א׳, משנה ט׳) ברענגט דאס אלס מאמר חז״ל, שרייבענדיג: „כמו שאמרו, כיון שנתמנה אדם פרנס

על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה". אָבער רבי צבי חיות, ווי אויך רבי יאָשע בער מבריסק בעמערקען דערויף אין זייערע הגהות, אַז אַזאַ מאמר געפינט זיך כּלל נישט אין תּלמוד און אויך נישט אין די מדרשים.

באמת אָבער, ווערט אָנגעוויזען, געפינט זיך דער דאָזיגער מאמר אין „מדרש חסר ויתיר" (דפוס מאַינץ, תרל"ב), וואו עס ווערט געזאָגט: „כיון שנתמנה אדם פרנס על הצבור מלמטה נעשה רשע מלמעלה"...

אַ מערקווירדיגען מאמר געפינען מיר אין דער ערשטער אויסגאַבע פון „אמרי קדוש" (פון רבי אורי סטרעליסקער) און נעמליך: „באחרית הימים יהי' רבנים ושונאי ישראל יהי', כי מי שלא יגרר אחריהם ולא ימלא גרונם וכיסם אותו ישנאו וישטמו וימררו את חייו"...

ערשט אין די שפּעטערע אויסגאַבען פונ'ם זעלבען ספר איז דאָס בעזייטיגט געוואָרען...

עהנליכע שאַרפע ווערטער געפינען מיר ביי רבי אייזיק'ל קאָמאַרנער אין זיין ספר „אוצר החיים" פ' תצא קל"ה:

„אבל בדור הרע הזה מאד צריך לשמור נפשו וכו' לכן תדקדק מאד מענין הנסיעה אם הרבי הוא משורש בני ישראל רחמנים או משורש פורה ראש ולענה"...

די נוטריקון פון „רבי" — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — זענען „ראש בני ישראל", אָבער „רבי" איז אַמאָל אויך „נוטריקון: „רע בעיני ה'"...

אין בריסק זענען איינמאָל די אָרימעלייט פון שטאָדט געקומען צו לויפען צו רבי חיים בריסקער מיט אַ געוואַלד. געווען איז דאַמאָלס אַ הונ־גער־יאָהר, ווען די קהלה האָט זיך פערנומען מיט טיילען הילף פאַר די אָרימעלייט, זענען אָבער אייניגע פּרנסים פון דער קהלה געווען גרויסע רשעים, וועלכע האָבען זיך בעצויגען צו די אָרימעלייט זעהר ברוטאַל.

האָט רבי חיים געשיקט נאָך די פּרנסים און פערפיהרט מיט זיי אַ שמועס:

— אין דער גמרא — מאַכט ער — ווערט דערצעהלט, אַז אין אַ שנת־

בצורת איז איינער אַנ׳עם-האָרץ, יונתן בן עמרם, געקומען צום רבי׳ן און געבעטען: „רבי, פרנסני״, דערויף האָט איהם רבי געענטפערט: „בני, קרית? אמר ליה לאו. שנית? אמר ליה לאו. אמר ליה, אם כן במה אפרנסך?״ דערויף האָט אנהם יענער געענטפערט: „פרנסני ככלב וכעורב״ (בבא בתרא ה׳)... איז דאָך אייגענטליך קשה, פאַרוואָס האָט איהם רבי נישט געוואָלט אין תחילת מפרנס זיין און איהם געגומען אויספרעגען, צי ער קאָן לערנען, צי דען אויב ער קאָן נישט לערנען דאַרף מען איהם לאָזען הונגערען? מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „אין בודקין למזונות״?... נאָר די מעשה, רבותי, איז דערפון אַזוי. לעולם טאַקי האָט מען דאַן געגעבען שטיצע אַלעמען אָהן אויסנאַהם, נאָר כדי צו פערמיידען, אַז די תלמידי-חכמים און די נכבדים זאָלען נישט דאַרפען שטעהן אין איין רייה צוזאַמען מיט׳ן המון, איז די הילפס-אַרבייט פערטיילט געוואָרען: מיט דער שטיצע פאַר די תלמידי-חכמים האָט זיך רבי אַליין בעשעפטיגט און מיט׳ן המון, די עמי-הארצים, האָבען זיך פערנומען די קהלה-פרנסים. ווען יונתן בן עמרם איז אַלזאָ געקומען צו רבי׳ן און פערלאַנגט: „רבי, פרנסני״, האָט ער געוואָלט וויסען, צו וועלכע קאַטעגאָריע ער געהער, צי קאָן ער לערנען און געהער צו דער קאַטעגאָריע פון די תלמידי-חכמים, אָדער נישט, און ווען יענער האָט ערקלערט, אַז ער קאָן נישט לערנען, האָט איהם רבי דערויף געענטפערט: „אם כן במה אפרנסך״, טאָ ווי קומסטו דאָ אַהער, ווענדען דאַרפסטו זיך צו דער קהלה, צו די פרנסים. דערויף האָט איהם יענער צוריק געענטפערט: „פרנסני ככלב וכעורב״, דער פרנס מיינער פון דער קהלה איז, ליידער, אַ גרויסער כלב און ס׳איז אונמעגליך צו איהם אָנצוקומען...

מטה זבולון וכו׳ (ב. ז.)

ביי אַלע דגלים, אַרום וועלכע עס האָבען זיך גרופירט צו דריי שבטים אַרום יעדען דגל, שטעהט ביי איטליכען דריטען שבט „ומטה״ מיט אַ ו׳: „ומטה גד״, „ומטה בנימין״, ומטה נפתלי״. בלויז דאָ, אַלס אויס-נאַהם, שטעהט נישט „ומטה זבולון״, נאָר „מטה זבולון״, אָהן דעם ו׳ החבור.

מחמת דער שכן און שותף פון זבולון איז געווען יששכר, זבולון האָט געהאַנדעלט און יששכר האָט געלערנט, און אַזעלכע צוויי שותפים, אַ סוחר און אַ למדן, קאָנען זיך נישט אַזוי לייכט מתחבר זיין...

(בית דוד)

בהקריבם אש זרה וכו׳ ובנים לא היו להם... (ג. ד.)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט דער „ובנים לא היו להם״ צום „בהקריבם

אש זרה״, צי דען, אז זיי וואָלטען געהאַט קינדער וואָלטען זיי שוין דאַן יאָ געמעגט מקריב זיין „אש זרה״?

נאָר „אש זרה״ מיינט מען: נישט אויפריכטיגע התלהבות, פרעמד פייער, פרומקייט שלא לשמה. צוליעב קינדער, וועלכע מען וויל ערציהען אין רעליגיעזען גייסט, מוז מען זיך טיילמאָל בענוצען אויך מיט „אש זרה״, מיט אויסערליכע פרומקייט, כדי וואָס־מעהר אידישקייט אין זיי איינצופלאַנצען... אָבער נדב ואביהוא, נאָכוואָס האָבען זיי זיך געדאַרפט בענוצען מיט „אש זרה״ — „ובנים לא היו להם״, זיי האָבען דאָך נישט געהאַט קיין קינדער?...

(מעדני מלך)

כל פקודי הלוים אשר פקד משה ואהרן... (ג: לט.)

דעריבער, זאָגט דערויף דער אור־החיים, איז שבט לוי געוועזן קלענער אין צאָהל פון אלע אנדערע שבטים, ווייל בשעת עמרם האָט גע׳גט יוכבד׳ן, האָבען אַלע מענער פון שבט לוי נאָכגעטהון זייןביישפיעל „וזה הי׳ סיבת מיעוטם״.

„והגם — פיהרט אויס דער אור־החיים — שמצינו שעמרם החזיר גרושתו, אין ללמוד ממנו שכולם החזירו״.

אַ פלא! די גמרא זאָגט דאָך בפירוש (סוטה י״ד): „כולם החזירו נשיהם״!...

(זאב בערענט)

נָשֹא

וידבר ד׳ אל משה לאמר וכו׳ איש איש כי תשטה אשתו... (ה. יב.)

„לאמר — לדורות" (מדרש)

וואָס איז דער מדרש דערמיט אויסען?

נאָר אין יומא ע"ה ווערען אויסגערעכענט די פערשידענע מעלות, מיט וועלכע דער מן האָט זיך אויסגעצייכענט, צווישען אַנדערע זאַכען ווערט אויך דערצעהלט, אַז דער מן איז געווען מסוגל מגלה צו זיין אַלע פערבאָרגענסטע חטאים: „כשם שהנביא היה מגיד להם לישראל מה שבחורין ומה שבסדקין, כך המן מגיד להם וכו׳ איש ואשה שבאו לפני משה לדין, זה אומר היא סרחה עלי והיא אומרת הוא סרח עלי וכו׳"...

דער מדרש מיינט אַלזאָ מיט זיין בעמערקונג צו זאָגען, אַז אין דער מדבר איז לגמרי נישט נויטיג געווען דער גאַנצער ענין פון סוטה און מים המאררים, דען דער מן איז געווען דערצו דאָס בעסטע בעוואָרעניש, און געגעבען איז געוואָרען די דאָזיגע פרשה אויף די שפעטערדיגע צייטען. „לאמר — לדורות"...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

„אם אתה מעכב מתנות הכהן, חייך שתצטרך לבא אצלו להביא לו את הסוטה" (רש"י)

אויב דאָס איז אַ שטראָף צוליעב זיינע זינד, ווייל ער האָט מעכב געווען די מתנות פון כהן און נישט געגעבען קיין צדקה, טאָ פאַרוואָס קומט איהר, די פרוי, צו ליידען?

נאָר ווייזט אויס, אַז אין נישט-געבען צדקה האָט שטענדיג דאָס ווייב אַ גרויסע דעה איבער׳ן מאַן...

(אמרי חן)

„כד פתח ריש־לקיש בסוטה אמר הכי, אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו" (סוטה ב׳)

פון וואנען איז עס אַ ראיה פון פרשת סוטה?

ווייל „אם אתה מעכב מתנות הכהן — דרשנ׳ען די חז"ל — חייך שתצטרך לבא אצלו להביא לו את הסוטה", איז דאָך אין פלוג קשה: וואָס איז זי נעביך שולדיג און פאַרוואָס קומט איהר מבוזה צו ווערען דערפאַר, וואָס דער מאַן איז אַ קמצן און ער האָט נישט געוואָלט געבען דעם כהן זיינע מתנות? איז פון דאַנען אַ ראיה, אַז „אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו", און דעם קמצן איז מען באַלד לכתחילה מזכה מיט אַזאַ ווייב, ווי ער האָט זיך פערדיענט...

(חתם סופר)

זאת תורת הקנאות אשר תשטה אשה תחת אישה... (ה. כט.)

גאַנץ אָפט פאַסירט, אַז נישט די אייפערזוכט איז אַ רעזולטאַט פון פעררעַט, נאָר פערקעהרט — דער פעררעַט איז אַ רעזולטאַט פון דער איי-פערזוכט, אַז די פרוי ווערט געשטויסען צו זינד צוליעב דעם גופא טאַקי, וואָס דער מאַן האַלט איהר אין איין חושד זיין, אין איין נאָכשפירען...

„זאת תורת הקנאות"! אָט דאָס איז אָפט דער פועל-יוצא פון קנאות, פון איבערטריבענער אייפערזוכט, זי ברענגט מאַנכעס מאָל דערצו — „אשר תשטה אשה תחת אישה"...

(מלאכת מחשבת)

איש או אשה כי יפליא לנדור נדר נזיר... (ו. ב.)

„כי יפליא" — דאָס איז ווירקליך אַ פלא, אַ וואונדערליכע און אונ-פערשטענדליכע זאַך... עס זענען איהם נאָך ווייניג, דעם מענש, די אַלע הונדערטער מצוות, וואָס די תורה האָט אויף איהם אַרויפגעלעגט, נאָר ער געהט נאָך אַליין אויף זיך מוסיף זיין פרישע, אונגעוועהנליך-שווערע און אונערטרעגליכע חומרות!...

(הנ"ל)

און דערמיט, וואָס נזירות ווערט אָנגערופען מיט׳ן לשון הפלאה, ווערט אָגב פערשטענדליך, וואָס וועגען דעם מלאך, וועלכער האָט זיך בעוויזען צו מנוח׳ן ווערט געזאָגט: „והוא פלאי". (שופטים י"ג). פערשידענע מפרשים

בעמיהען זיך צו ערקלערען דעם זין און בעדייטונג פון די דאָזיגע ווערטער, באמת אָבער איז עס גאַנץ איינפאַך: כידוע, ווערט יעדער מלאך אָנגערופען אויפ'ן נאָמען פונ'ם שליחות, וואָס ער פיהרט אויס, און ווייל צו מנוח'ן האָט זיך דער מלאך בעוויזען אָנצוזאָגען איהם, אַז דאָס קינד, וואָס ער וועט געבוירען, שמשון, זאָל זיין אַ נזיר, האָט דעריבער דער מלאך בעקומען דעם נאָמען „פלא", וואָס עס בעדייט: נזירות. (חמדה גנוזה)

מגפן היין מחרצנים ועד זג לא יאכל... (ו. ד.)

גאַנץ אָפּט, בשעת די חז"ל רעדען וועגען דער נויטווענדיגקייט פון פערשידענע גדרים און סיגים, דריקען זיי זיך אויס בדרך-מליצה: „לך אמרין נזירא, סחור סחור לכרמא לא תקרב". פאַרוואָס עפּעס נעהמען זיי דוקא דעם נזיר אַלס ביישפּיעל? — ווייל אין דער גאַנצער תורה איז פרשת נזיר דער איינציגער פאַל, וואו די תורה געפינט פאַר נויטיג צו מאַכען אַ סיג אַרום דער מצוה: כאָטש דער נזיר האָט בלויז גע'אַסר'ט אויף זיך „יין ושכר", איז דאָך די תורה מחמיר אויף איהם, אַז אויך — „מחרצנים ועד זג לא יאכל"... (ווילנער גאון)

וכפר עליו מאשר חטא על הנפש... (ו. יא.)

דעריבער ווערט דער נזיר אָנערקענט אַלס חוטא, ווייל ער איז זיך פורש פון דער וועלט, ער שליסט זיך אויס פון כלל און וויל טהון פער-קעהרט, ווי אַלע אַנדערע, אַסר'נדיג אויף זיך דאָס, וואָס עס איז ביי אַלע-מען מותר... (כלי יקר)

וועגען די יעניגע, וואָס זענען עוסק אין סיגופים און תעניתים, פלעגט זאָגען דער קאָזשעניצער מגיד:

ס'איז שוין בעסער נישט צו פאַסטען און אָבצונאַרען די וועלט, אַז ער פאַסט יאָ, ווי יאָ צו פאַסטען און — אָבצונאַרען זיך אַליין...

כה תברכו את בני ישראל... (ו. כג.)

דער ליובאַוויטשער רבי, רבי ישראל נח שניאורסאָן, איז אַמאָל געווען

אין בריסק, איז דער בריסקער רב, רבי מרדכי (דער בעוואוסטער חובב ציון) געקומען צו איהם מיט אַ וויזיט. ביים געזעגנען זיך, ווענדעט זיך דער ליובאַוויטשער רבי צום בריסקער רב מיט אַ בקשה, ער זאָל איהם בענשען.

— מתנגדים — ענטפערט איהם דערויף דער בריסקער רב — קענען נישט קיין ברכות. אַדרבה, זאָגט איהר עפּעס אַ ברכה.

— השי״ת זאָל געבען — ווינשט איהם דער ליובאַוויטשער — איהר זאָלט געבענשט ווערען ברוחניות ובגשמיות.

— איך פערלאַנג בלויז — רופט זיך אָן דער בריסקער, אַז השי״ת זאָל אונז בענשען ברוחניות...

— פאַרוואָס נישט אויך אין גשמיות? — וואונדערט זיך דער ליובאַוויטשער.

— פערשטעהט איהר מיך, רבי — ענטפערט דער בריסקער רב — אַ געוועהנליכער איד נעהמט גשמיות און מאַכט דערפון רוחניות, אַז ער האָט אַ סך געלד, גיט ער אַ טייל דערפון אוועק אויף צדקה, אויף ישיבות, אויף אויסצוהאַלטען תלמידי-חכמים וכדומה, דאַרף מען איהם דעריבער ווינשען, ער זאָל געבענשט ווערען מיט וואָס מעהר גשמיות... ביי אונז אָבער, רבנים און רביים, איז דאָך פערקעהרט, מיר פערקויפען אונזער רוחניות, אונזער תורה און פרומקייט, און מאַכען דערפון גשמיות, נויטיגען מיר זיך דעריבער אין וואָס מעהר רוחניות, טאַקי אין בלויז רוחניות, כדי מיר זאָלען האָבען וואָס צו פערקויפען...

(הדת והתחיה הלאומית)

יברכך וכו׳ ויחונך... (ו. כד.)

„יברכך, שיתברכו נכסיך וכו׳ ויחונך, יתן לך חן״ (רש״י)

עס איז הא בהא תליא, אַז עס וועט זיין „יתברכו נכסיך״, וועט מען אויך האָבען חן... און אַזוי פלעגט אויך טייטשען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער: „הרחמן הוא יתפאר בנו, הרחמן הוא יפרנסנו בכבוד״. גיב אונז נור, רבונו של עולם, פרנסה, און דאַן וועסטו זעהן, וואָס פאַר אַ וואויל פאָלק אידען וועלען זיין, ווי דו וועסט זיך קאָנען ריהמען און שטאָלצירען מיט אונז.

יאר ד׳ פניו אליך... (ו. כה.)

אויף „יברכך״ דרשנ׳ען די חז״ל: „יברכך — בממון״ און אין ירושלמי (פרק א׳ דערלה) ווערט געזאָגט: „מאן דאכיל דלאו דיליה בהית לאסתכולי באפיה״, אַז דער מענש, וואָס עסט, נישט פאַר זיין געלד, טאָר מען איהם

אין זיין פנים נישט קוקען. נאָך דער ברכה פון „יברכך — בממון" ווערט דעריבער צוגעגעבען: „יאר ד' פניו אליך", אַז די ברכה „בממון" זאָל נישט זיין „בממון דלאו דיליה". מען זאָל איהם קאָנען קוקען אין פנים אריין...

(תפארת בנים)

ישא ד' פניו אליך... (ו. כו.)

„וכי לא אשא פנים לישראל, שכתבתי עליהם בתורתי ואכלת ושבעת וברכת וכו' והם מדקדקים על עצמם עד כזית עד כביצה" (ברכות ב')

נאָר על עצמם, בנוגע זיך זעלבסט, מעג מען מדקדק זיין און פער-רעכענען די אַכילה פון אַ „כזית" און „כביצה" פאַר אַ זעטיגע סעודה, אויף וועלכע מען איז מחויב בברכת המזון, דאַגעגען ווען עס האַנדעלט זיך וועגען יענעם, וועגען אַן אָרימאַן, איז דער דין — „אין פותחין לעני העובר ממקום למקום מככר בפונדיון" (פאה פ"ח), איהם דאַרף מען געבען מקיים צו זיין דעם „ואָכלת ושבעת" טאַקי אויף אַן אמת!...

(רבי חיים וואָלאָזשינער)

כי עבודת הקודש עליהם, בכתף ישאו... (ז. ט.)

„בכתף ישאו", ביי „עבודת-הקדש" מוז מען גוט האָרעווען, עס פאַלט נישט פון אַרבעט אַרויס. „לא יגעתי ומצאתי — אל תאמין"...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

וקרבנו קערת כסף וכו' מזרק אחד כסף... (ז. יג.)

דערויף ווערט געזאָגט אין מדרש רבה (פרשה י"ג):

„מזרק אחד כסף — כנגד העולם שהוא עשוי ככדור"...

אַז ביי אַ טייל פון די חז"ל איז שוין דאַמאָלס געווען אָנגענומען די מיינונג, אַז די וועלט איז קיילעכיג און „עשוי ככדור", איז אויך צו זעהן פון זהר (פ' ויקרא), וואו עס ווערט געזאָגט: „בספרא דרב המנונא סבא פריש דהא כל ישובא מתגלגלא בעיגלא ככדור, אלין לתתא ואלין לעילא וכו' אית אתר בישובא כד נהיר לאלין, לאלין חשוך לאלין, לאלין יממא ולאלין לילא וכו'...

אילים המשה עתודים חמשה... (ז. יז.)

„אילים ששים כנגד סוד שחשבונו ששים" (מ"ר פי"ג)

וואָס איז דער פשט פונ'ם דאָזיגען אונפערשטענדליכען מאמר? די ערקלערונגען, וואָס עס בעמיהען זיך דערויף צו געבען אייניגע מפרשים, לעגען זיך נישט אויפ'ן שכל.

פר אחד בן בקר... (ז. כא.)

דערויף ענטפערט דער אבן-עזרא: „קטן כמו בן יונה".

פאַרוואָס זאָגט דאָס נישט דער אבן-עזרא באַלד אויפ'ן ערשטען „פר אחד בן בקר", אין פסוק ט"ו?

(מ. ה. סלוזעווסקי)

אין שלחן-ערוך הלכות חנוכה (תר"ע סעיף ב') ווערט געזאָגט, „ויש אומרים שיש קצת מצוה ברבויי הסעודות משום דבאותן הימים הי' חנוכת המזבח (מהר"י מפראַג)".

אַ פלא! אין מדרש-רבה פ' י"ג ווערט דאָך דייטליך ערקלערט: „לפי שמלאכת המשכן נגמרה בכ"ה בכסליו ועמד המשכן מקופל עד כ"ה ניסן", אַז דער חנוכת-המשכן, הגם ער איז פערענדיגט געוואָרען בכ"ה בכסליו, איז פאַקטיש פאָרגעקומען ערשט ר"ח ניסן? און נאָך דייטליכער איז דער אויספיהר צום זעלבען מאמר אין פסיקתא רבתי פ"ה, וואו עס ווערט געזאָגט: „ומעתה הפסיד כסליו? — לאו. אמר הקב"ה עלי לשלם, מה שלם לו הקב"ה? חנוכת בית-חשמונאי שהיתה בכסליו"...

(ה. כהנא)

אין לובלין האָט מען אַמאָל פערבעטען רבי לייבעלע אייגער אויף אַ ברית, וואו מען האָט איהם מכבד געווען מיט סנדקאות. רבי לייבעלע איז געווען פון די מאחרים, וועלכער פלעגט נישט אַזוי גיך פאַרטיג ווערען מיט זיין סדר-היום און דער ברית איז צוליעב דעם אַרויסגעקומען זעהר שפעט. אייניגע לומדישע מתנגדים, וועלכע עס האָט פערדראָסען, וואָס זיי האָבען אַזוי לאַנג געדאַרפט וואַרטען אויפ'ן רבי'ן, האָבען דאַן אַוועקגעשיקט אַ שאלה קיין קראָקא צו רבי שמעון סופר, אַז ער זאָל פסקנ'ען להלכה, צי מעג מען צוליעב'ן כבוד פון אַ אָדם חשוב מוותר זיין אויפ'ן „זריזין מקדימין למצוות".

רבי שמעון האָט זיי דערויף געענטפערט מיט אַ תשובה, אין וועלכער ער האָט זיי אָנגעוויזען אויפ'ן מדרש רבה נשא פ' י"א. עס ווערט דאָרט געזאָגט:

„מי מלן? ר' ברכיה תני לה בשם רשב"י, משה מוהל ואהרן פורע ויהושע משקה".

פרעגט זיך: פאַרוואָס האָבען בלויז משה, אהרן ויהושע זיך פערנומען דערמיט? מ'ל צו זיין ששים רבוא אידען האָט דאָך געדאַרפט פערנעהמען אַ זמן רב, חדשים גאַנצע, טאָ פאַרוואָס האָט מען דערביי נישט גענומען צו־הילף דעם שבט לוי (וואָס לויט'ן מדרש זענען זיי שוין אַליין געווען גע־מל'עט אין מצרים און אַ נמול מעג דאָך מ'ל זיין) און אַזוי אַרום וואָלט מען דאָך מקיים געווען די מצוה בזריזות און מען וואָלט דערמיט אַ סך פריהער פאַרטיג געוואָרען? דערפון איז אַלזאָ משמע, אַז אויב מען וויל, אַז די מצוה זאָל אויסגעפיהרט ווערען דורך אַ אָדם חשוב, מעג מען וואַרטען...

בְּהַעֲלֹתְךָ

וזה מעשה המנורה מקשה זהב וכו׳ (ח. ד.)

„שהראהו הקב״ה באצבע, לפי שנתקשה בה״ (רש״י)

פאַרוואָס עפּיס איז משה׳ן אַזוי שווער געווען צו פאַרנעהמען די מעשה המנורה?

מחמת די מנורה האָט געמוזט זיין כולה מוקשה, אויסגעהאַקט פון איין שטיק גאָלד, כדי — ערקלערען דערויף די חז״ל — עס זאָל דיענען אַלס צייכען פאַר דער אידישער אַחדות, אַז סיי די בלומען פון פאָלק (פרחי המנורה), סיי די ווענינ חשוב׳ע טיילען מוזען זיין צווישען זיך צונויפגעגאָסען.

און דאָס איז משה׳ן שווער געווען תופס צו זיין, וואָרום היתכן? איז עס דען מעגליך, אַז צווישען אידען זאָל הערשען אַזאַ איינהייטליכע אַחדות?
(רבי שלמה קלוגער)

וידבר ד׳ אל משה וכו׳ בחדש הראשון... (ט. א.)

„שאין סדר מוקדם ומאוחר בתורה, ולמה לא פתח בזו, מפני שהוא גנותן של ישראל״ (רש״י)

רש״י פערענטפערט דאָך שוין — „שאין סדר מוקדם ומאוחר בתורה״, טאָ וואָס איז נאָכאַמאָל די פראַגע: „ולמה לא פתח בזו״?

דערויף ערקלערט רבי חיים וואָלאָזשינער, אַז דאָס וואָרט „ולמה״ איז אַ ראשי-תיבות „ולפי מדרש האגדה״, און עס זענען, אַלזאָ, צוויי גאַנץ באַזונדערע תירוצים. פריהער ברענגט רש״י דעם תירוץ וועגען מוקדם ומאוחר, וואָס עס איז אַ גמרא אין פסחים ו׳, און דאַן ברענגט ער אַ צווייטען ענטפער פון ספרי — „מפני גנותן של ישראל״.

עשה לך שתי חצוצרות... (י. ב.)

מילא, אַז מען האָט זיך בענוצט מיט די חצוצרות בשעת מען האָט

געדאַרפט צונויפזאַמלען דאָס גאַנצע פאָלק, איז פערשטענדליך, מען וועט דאָך נישט געהן צונויפרופען ששים רבוא אידען איינציגווייז, דורך ספּעציעלע שלוחים. נאָכוואָס אָבער האָט מען געדאַרפט בלאָזען אין די חצוצרות אויך ביים איינלאַדען צו זיך די נשיאים? צונויפרופען צוועלף פערזאָן איז דאָך נישט אַזאַ גרויסע טרחה?

כדי נישט אַרויסצורופען צווישען זיי קיין קנאה, מחמת ווען מען זאָל זיי געווען רופען איטליכען בעזונדער, וואָלט יעדער נשיא אַרומגעגאַנגען מיט פערדרוס, הלמאי מען שיקט פריהער נאָך י ע נ ע ם נשיא, נישט נאָך א י ה ם... האָט מען זיך דעריבער בענוצט מיט'ן מיטעל פון די חצוצרות, דורך וועלכע אַלע זענען איינגעלאַדען געוואָרען מיטאַמאָל, צוזאַמען!...

(רלב"ג)

אלה מסעי בני ישראל וכו' ויאמר משה לחובב... (י' כח.)

משל למה הדבר דומה? צו אַ בעל-שמחה, וואָס פאָהרט אויף אַ חתונה און ער פערבעט אויף דער נסיעה פערשידענע געסט, קרובים און פריינד. איז די געסט, וועלכע ער וויל באמת, זיי זאָלען מיט איהם מיטפאָהרען, שיקט ער זיי איינלאַדונגען מיט עטליכע טעג פריהער, כדי זיי זאָלען זיך קענען בעצייטענס צוגרייטען אין וועג אַריין. דאַגעגען יענע געסט, וועלכע ער בעט בלויז לשם העפליכקייט און אין האַרצען אָבער וואָלט ער וועלען, זיי זאָלען בלייבען זיצען אין דער היים, בעט ער זיי אין דער סאַמע לעצטער מינוט, ווען מען האַלט שוין ביי פאָהרען...

אויך יתרו'ן האָט משה פערבעטען נאָר צוליב העפליכקייט, נישט מיט'ן גאַנצען האַרצען, דען — „קשים גרים לישראל", און דעריבער בשעת „אלה מסעי בני ישראל לצבאותם ויסעו", אין דעם סאַמע לעצטער מינוט, ווען דער עולם האָט זיך שוין געריהרט אין וועג אַריין, ערשט דאַמאָלס — „ויאמר משה לחובב וכו' לכה אתנו"... און ווי עס איז צו זעהען, האָט יתרו פערשטאַנען די דאָזיגע איידעלע אָנצוהערעניש און — ער איז טאַקי נישט מיטגעפאָהרען...

(רבי שלמה קלוגער)

והיית לנו לעינים... (י. לא.)

דו וועסט זיין פאַר אונז אַ מוסטער און אַ ביישפּיעל. קוקענדיג אויף וועלען זיך אידען אַ מוסר-השכל אַראָבנעהמען. מה דאָך יתרו, דער

גוי, האָט אַלץ איבערגעלאָזען און איז געקומען אהער דינען דעם אידישען גאָט, דאַרפען דאָך מיר, אידען, אודאי און אודאי איהם דינען...

(כלי יקר)

זכרנו את הדגה... (יא. ה.)

אַ מאָדנע זאַך מיט אונזערע אידען. די פיש און די ציבעלעס פון מצרים, דאָס געדענקען זיי, דאָס בלייבט זיי לאַנג אין זכרון. דאַגעגען די שמיץ און די קלעפּ, וואָס זיי האָבען בעקומען אין מצרים — דאָס, ליידער, פערגעסען זיי זעהר שנעל...

(כפלים לתושיה)

אספה לי שבעים איש... (יא. טז.)

אין ילקוט שמעוני געפינען מיר אויפ׳ן דאָזיגען פסוק פאָלגענדע שטעלע: „אספה לי שבעים איש מזקני ישראל משבט ראובן וכו׳ הרי שבעים ואחד זקנים. וכתבנו אנו (אין טייל אויסגאַבען — „וכתבנו אם״) מפי רב שמואל אחי של פנחס ומרים זכור לטוב ולמד אותם בתרבץ מוצא (אין אַ טייל אויס-גאַבען — „בתחביץ מוגה״) ורבני חנינאי כהנא ראש ישיבה וגאון פנים אחרים וכו׳״...

ערקלערונגען צו דער דאָזיגער אונפערשטענדליכער שטעלע געפינען מיר אין ספר „רב פעלים״ פון רבי אברהם בן הגר״א, אין „כרם חמד״ פון שי״ר, אין ספר על הדרשות פון צונץ, ווי אויך אין אַ ספּעציעלען מאַמר פון ר׳ שלמה בובער אין „כנסת״ פון תרמ״ו. דער תמצית פון זייערע ערקלע-רונגען איז פאָלגענדער: די שטעלע אין „ילקוט-שמעוני״ איז גענומען פון מדרש אספה״ (דער דאָזיגער מדרש ווערט עטליכע מאָל געבראַכט אין רבינו בחיי, ווי אויך אין רוקח), וועלכער איז מיוסד אויפ׳ן פסוק „אספה לי שבעים איש״. דעם דאָזיגען מדרש האָט מעתיק געווען ר׳ שמעון קאַיאָרא, וועלכער האָט געלעבט בימי הגאונים; און דער ריכטיגער נוסח, אין וועלכען עס זע-נען אין די שפּעטערדיגע דפוסים אַריינגעפאַלען עטליכע טעותים, דאַרף זיין אזוי:

„וכתבנו אותם מפי רב שמואל אחי של פנחס ומרי (אַנשטאַט „ומרים״) זכור לטוב, ולמד אותם בתרביץ מוצא („תרביץ״ מיינט מען ישיבה, ווי מיר געפינען אין מנחות פ״ב), מרנא ורבנא חנינאי כהנה ראש-ישיבה וגאון בפנים אחרים״. (עס הייסט, אַז רבנא חנינאי האָט די דאָזיגע פסוקים גע׳דרשנ׳ט אויף פערשידענע אַנדערע אופנים).

ויחר אף ד׳ מאד ובעיני משה רע... (יא. י.)

דעריבער איז געווען „ויחר אף ד׳ מאד״, ווייל „ובעיני משה רע״, הלמאי משה האט דאסמאל נישט מלמד-זכות געווען אויף די אידען...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

אלדד ומידד מתנבאים במחנה... (יא. כז.)

„משה מת ויהושע מכניס את ישראל לארץ (רש״י)

און אין מדרש ווערט דערויף צוגעגעבען: „היינו דאמרינן, מלה בסלע משתוקא בתרין״.

וואס איז די כונה דערפון?

נאר כידוע האט דעריבער משה רבינו נישט זוכה געווען אריינצופיהרען די אידען קיין ארץ-ישראל און איז געשטארבען אין דער מדבר, צוליעב דעם חטא, ווייל ער האט געשלאגען דעם שטיין, אנשטאט צו רעדען צו איהם. און דאס איז אלזא דער פשט: „מלה בסלע״, ווען משה וואלט גערעדט צום סלע, צום שטיין, דאן — „משתוקא בתרין״, וואלטען דאן געשוויגען די צוויי נביאים, אלדד ומידד, און זיי וואלטען נישט אויסגערופען: משה מת ויהושע מכניס״!...

(רבי העשעל אפטער)

ויען יהושע בן נון משרת משה... (יא. כח.)

דעריבער — שרייבט דערויף בדרך-הלצה רבי יוסף שאול נאטאנזאהן אין „דברי שאול״ — איז יהושע געווען אין כעס, ווייל אלס משרת משה, פון וועלכען ער איז נישט אבגעטראטען מיום עמדו על דעתו, האט ער דאך געוואוסט, וויפיעל זיין רבי משה האט געדארפט דורכמאכען, ביז ער איז צוגעקומען צו דער מדרגה פון א נביא, און דא דערזעהט ער פלוצלינג, ווי די צוויי יונגעלייט, אלדד ומידד, וועלכע קיינער האט גאר פריהער נישט געקענט, זענען איבער נאכט געווארען נביאים!... און דאס זעלבע — פיהרט ער אויס — איז אויך אין אונזערע צייטען. אמאל האט א איד געדארפט דורכמאכען אהן א שיעור סיגופים ותעניתים, ביז ער האט דערגרייכט צו דער מדרגה פון א חסיד, היינט אבער וואקסט מען אויס איבער נאכט א פארטיגער רבי!...

אדני משה כלאם... (יא. כח.)

„הטל עליהם צרכי צבור... ד"א תנם אל בית הכלא" (רש"י)

צוויי עצות זענען פאראן אין אזעלכע פאלען. אדער — תנם אל בית הכלא", פערשפארען זיי אין תפיסה, ווי מען איז זיך נוהג מיט מורדים, אדער — „הטל עליהם צרכי צבור", איינטיילען צווישען זיי פערשידענע התמנות'ן, כיבודים און „בענקלעך". אויך דאס איז אפט א סגולה, מען זאל זיך אויפהערען צו בונטעווען...

(שיחת חכמים)

והאיש משה ענו מאד... (יב. ג.)

משה רבינו האט דאך פערמאגט אין זיך נאך א סך אנדערע מעלות און מדות טובות, און וויבאלד די תורה האט פון זיי אלע אויסגעקליבען צו לויבען איהם בלויז מיט דער מדה פון ענוות, איז דערפון געדרינגען, אז דאס איז די בעסטע און שענסטע מדה...

(רבי מאיר יחיאל ממאגלניצע)

אויף ענוות — פלעגט זאגען רבי יחיאל מאיר גאסטינינער — איז נישטא קיין בעזונדערע מצוה, נאר די תורה דערצעהלט עס בלויז אלס שבח.

ווארום ווי אזוי איז דא שייך א מצוה? ווען די תורה זאל שרייבען: זאלסט נישט זיין גרויס ביי זיך, האלט זיך שפל'דיג! וואלט דאך עס געהייסען, אז לעולם אין דער אמת'ן, ביזטו טאקי עפיס, נאר עפ"י דין ביזטו מחויב צו האלטען זיך פאר א שפל. דאס איז אבער נישט קיין ענוות. אמת'ע ענוות איז משמע, דו זאלסט זיין דורכגעדרונגען מיט'ן געדאנק און וויסען ביי זיך, אז דו ביזט טאקי באמת גארנישט...

מיר געפינען נישט אין דער תורה קיין ספעציעלע מצוה אויף ענוות, ווארום ווען דאס וואלט געגעבען געווארען אלס א בעזונדערע מצוה, וואלט דאן אויסגעקומען, אז ביים געהן טהון די מצוה, וואלט מען זיך אוועקגעשטעלט זאגען „לשם יחוד" און „הנני מוכן ומזומן לקיים מצות עשה של ענוות"... וממילא וואלט עס שוין קיין ענוות נישט געווען...

(רבי יחיאל מיכל זלאטשעווער)

דער הרב מלאדי, דער בעל התניא, איז אמאל אריינגעקומען צו א

געוויסען מתנגדישען גאון און ער האט דערזעהען, ווי אונטער'ן שאנק, אויף דער הוילער פאדלאגע, ליגט דער „מדרש פינחס" פון רבי פינחס קאָריצער. ער האט שנעל אויפגעהויבען דאס ספר און עס א קוש געטהון.

— ווער איז ער דאס, דער מחבר פונ'ם דאזיגען ספר? — פרעגט איהם דער מתנגדישער גאון.

— דאס איז אזא איד — ענטפערט איהם דער „תניא" — וואס ווען איהר זאלט אפילו איהם אליין אוועקלעגען אונטער דער שאנק, וואלט ער אויך געשוויגען...

ויאמר ד' פתאם אל משה ואל אהרן... (יב. ד.)

ר' מרדכי בן הלל הכהן דערצעהלט אין זיינע זכרונות דעם פאלגענדען עפיזאד, וואס ער האט בייגעוואוינט ביים מלבי"ם אין הויז: עס איז אריינגעקומען צו איהם א מחבר בעטען א הסכמה אויף זיין ספר. דער מלבי"ם האט גענומען דורכבלעטערען דעם חבור און זיך אבגעשטעלט אויף א הארבע קשיא, וואס דער מחבר פרעגט אויפ'ן מדרש, וואו עס ווערט געזאגט, אז זיעבצעהן מאל געפינען מיר אין דער תורה, אז השי"ת האט גערעדט מיט משה ואהרן, וועהרענד באמת — פרעגט דער מחבר — געפינען מיר דאך נישט מעהר, ווי זעכצעהן מאל? — און דער מחבר צושפרייט זיך דערביי מיט גאר לאנגע חקירות און פשט'לעך.

— האט קיין פראיבעל נישט — ווענדעט זיך צו איהם דער מלבי"ם — איהר האט טאקי אליין איבערגעצעהלט?

— וואס הייסט — שטאמעלט דער מחבר — למאי נפקה מינה, אליין, צי נישט אליין... עס איז פארט נישטא מעהר ווי זעכצעהן מאל...

— ניין — ענטפערט איהם דער מלב"ים — עס איז ביי מיר זיכער, אז איהר האט אליין נישט געצעהלט, נאר איהר האט זיך פערלאזט אויף דער מסורה, וועלכע זאגט, אז עלף מאל שטעהט אין דער תורה: „ויאמר ד' למשה ולאהרן" און פינף מאל — „וידבר ד' למשה ולאהרן". איהר האט זיך אבער דערביי געפוילט נאכצוקאנטראלירען... די מסורה האט נישט גערעכענט דעם פסוק „ויאמר ד' פתאום אל משה ואל אהרן", ווייל דאס ווארט „פתאום" איז מפסיק, און צוזאמען מיט'ן דאזיגען פסוק איז טאקי פארהאן זיעבצעהן מאל...

והענן סר וכו' והנה מרים מצורעת כשלג... (יב. י.)

און נאכהער שטעהט: „ויפן אהרן אל מרים והנה מצורעת", פארוואס ווערט אויך דא נישט געזאגט, פונקט ווי פריהער, „מצורעת כשלג"?...

דען דער דין איז אין מס׳ נגעים: „אין רואים נגעים בתחלת היום או בתחלת הלילה, מפני שעזה נראית כשלג״, און אין תוספות אין מנחות ווערט געזאָגט, אַז דער סילוק הענן איז תמיד פאָרגעקומען אָדער בתחילת היום, אָדער בתחילת הלילה, און דעריבער בשעת עס איז געווען „והענן סר מעל האהל״ האָט דאָן אהרן געזעהען בלויז, אַז „והנה מצורעת״, דאַגעגען דעם געוויעם סימן, אַז זי איז „מצורעת כשלג״, דאָס האָט ער שוין דאָן נישט געקענט זעהען, ווארום — „אין רואים נגעים בתחילת היום או בתחילת הלילה״...

(ווילנער גאון)

ואביה ירק ירק בפניה הלא תכלם שבעת ימים... (יב. יד.)

„קל-וחומר לשכינה י״ד יום״ (רש״י)

אין הגהות אשר״י, מועד קטן פרק ג׳, ווערט געבראַכט, אַז רבינו גרשום מאור הגולה איז געזעסען פיערצעהן טעג אבילות אויף זיין זוהן, וועלכער האָט זיך געטויפט — צוליעב׳ן דאָזיגען קל-וחומר פון „לשכינה י״ד יום״...

שְׁלַח

אִישׁ אֶחָד אִישׁ אֶחָד לְמַטֵּה אֲבוֹתָיו תִּשְׁלָחוּ כֹּל נָשִׂיא בָהֶם... (יג. ב.)

„איש אחד איש אחד למטה אבותיו תשלחו" — אונבעדינגט, נישט מעהר, ווי איינעם פון אַ שבט, וואָרום „כל נשיא בהם", ביי אידען וויל איטליכער זיין אַ נשיא און קוים זאָל מען ערלויבען צו שיקען אַן אומבע־גרענעצטע צאָהל שלוחים פון יעדען שבט, וועלען דאַן אַלע קומען צו לויפען און יעדער איינער וועט וועלען זיין אַ דעלעגאַט...

(רבי משה חפץ)

וַיִּקְרָא מֹשֶׁה לְהוֹשֵׁעַ בִּן נוּן יְהוֹשֻׁעַ... (יג. טז.)

„וכד חמא משה ענותנותיה קרא משה להושע בן נון יהושע" (תרגום יונתן בן עוזיאל)

אין סוף פון דער פאַריגער סדרה, אין פסוק „והאיש משה ענו מאד", איז דאָס וואָרט „עניו" געשריבען חסר, אָהן אַ י', און דאָס אַלזאָ — האָט געזאָגט דערויף רבי יעקב יצחק מפשיסכע — איז די כונה פון תרגום יונתן: „וכד חמא משה ענותנותיה", בשעת משה האָט דערזעהן דאָס וואָרט „ענו", אַז עס איז געשריבען אָהן אַ י', „קרא משה להושע בן נון יהושע", האָט ער די י' אַוועקגעגעבען יהושע'ן...

וַיְסַפְּרוּ לוֹ וַיֹּאמְרוּ בָּאנוּ אֶל הָאָרֶץ וְכוּ' (יג. כז.)

אייגענטליך איז דאָס אַלץ, וואָס די מרגלים האָבען דערצעהלט, געווען אמת, זיי האָבען זיך קיין שום זאַך נישט אויסגעטראַכט, אָבער צו ארץ־ישראל קאָן מען נישט צוגעהן מיט'ן אויבערפלעכליכען אמת, מיט דעם, וואָס מען זעהט בלויז מיט'ן אויג, מיט'ן געוועהנליכען חשבון פון „אפס כי עז העם היושב בארץ וכו'"... בנוגע צו ארץ־ישראל גילט פאַר אונז אידען

אַ פיעל טיפערער אמת, דער אמת פון דער געטליכער הבטחה... און דאָס איז געווען דער חטא פון די מרגלים.

(נפלאות חדשות)

רבי יצחק אלחנן, דער קאָוונער רב, איז אַליין, ווי בעקאַנט, געווען אַ חובב-ציון, אָבער אַ סעקרעטאַר האָט ער געהאַט, ר׳ יאַנקעלע ליפשיץ, וועלכער איז געווען ווייט פון חיבת ציון...

ויהי היום, איז רבי שמואל מאָהילעווער געקומען קיין קאָוונא און האָט גע׳פועל׳ט ביי זיין פריינד, דעם קאָוונער רב, ער זאָל איינאָרדנען ביי זיך אין הויז אַ פערזאַמלונג פון די חובבי-ציון. אין דער לעצטער מינוט אָבער, ווען די פערזאַמלונג האָט שוין געזאָלט צושטאַנדקומען, האָט רבי יצחק אלחנן, אונטער׳ן דרוק פון זיין סעקרעטאַר, אַוועקגעשיקט צו רבי שמואל׳ן אַ בריוועלע, מיט׳ן בעקאַנטען נוסח, אז „צוליב אַנ׳אונפאָראויסגעזעהענער סיבה קאָן ליידער די פערזאַמלונג ביי מיר נישט פאָרקומען״.

צומאָרגענס איז דער קאָוונער רב אַוועק מיט אַ בעזוך צום מאָהילעווער רב און איהם איינגעלאַדען צו זיך אויף שבת.

— ליידער — ענטפערט איהם רבי שמואל מאָהילעווער — קאָן איך אייער איינלאַדונג נישט אָננעהמען.

— פאַרוואָס עפּעס? — פיהלט זיך רבי יצחק אלחנן בעליידיגט.

— גאָר פשוט. איך געפין זיך דאָ אין אַנ׳אָרימע אַכסניא, וואו יעדע סעודה מוז איך פריהער בעשטעלען. ווען איך זאָל אַלזאָ אָננעהמען אייער איינלאַדונג און נישט בעשטעלען דאָ די שבת׳דיגע סעודה, פערלאָזענדיג זיך אויף אייך, קאָן מיר אַמאָל אויסקומען אַ גאַנצען שבת צו הונגערן. אין דער סאַמע לעצטער מינוט קאָן איך דערהאַלטען פון אייך אַ בריוועלע, אַז — „צוליב אַנ׳אונפאָראויסגעזעהענע סיבה קאָן ליידער די שבת׳דיגע סעודה ביי מיר נישט פאָרקומען״...

(הדת והתחיה הלאומית)

וכל העם אשר ראינו בתוכה אנשי מדות... (יג. לב.)

אויך דאָס געהער צום „דבת הארץ״, צו די חסרונות פון לאַנד. בלויז אַנשי-מדות — האָבען די מרגלים ערקלערט — קאָנען דאָרט עקזיסטירען, בלויז גבורים, דען ס׳איז אַ „ארץ אוכלת יושביה״, וואו די שוואַכערע מוזען אויסשטאַרבען...

(אהל יעקב)

ותשא כל העדה ויתנו את קולם ויבכו... (יד. א.)

דערויף געפינען מיר אין ילקוט שמעוני פאלגענדע אונפערשטענדליכע שטעלע: „כאדם שיש לו מת והוא צווח ובוכה וכו׳ כדן בלום לאמו של משה יכולה לבלום צפורנו של אחד מהם אני יודע מה ראיתי, מיד הם כולן גועין בבכיה וכו׳"...

אייניגע מבארים פרובען עס מסביר זיין מיט פערשידענע פשטים און ערקלערונגען, אבער קיין איינע פון זיי בעפרידיגט נישט.

טובה הארץ מאד מאד... (יד. ז.)

אין „שיחות הר״ן" ווערט דערצעהלט: רבי נחמן בראסלאווער האט אמאל אין א שמועס מיט זיינע תלמידים זיי מעורר געוועזן, אז מען דארף זיך זעהר און זעהר בעמיהען צו צוברעכען אלע מניעות און צו זיין אין ארץ-ישראל, און זעהענדיג, ווי די תלמידים זוכען רמזים אין זיינע ווערטער, האט ער צוגעגעבען: כ׳מיין ארץ-ישראל אהן רמזים, נישט דאס ארץ-ישראל של מעלה, נאר דאס ארץ-ישראל של מטה, טאקי דאס פשוטע ארץ-ישראל מיט איהרע הייזער, פעלדער און גערטנער...

„עשרה יוחסים עלו מבבל, כהני לויי ישראלי חללי גיורי וחרורי ממזרי וכו׳" (קדושין ס״ט)

נישט נאר די כהנים און לוים, נאר אויך די, וואס ווערען אויסגערעכענט צום סוף, ווערען בעצייכענט, ווי מיר זעהען, מיט׳ן געהויבענעם טיטול „יוחסים", ווארום דער געמיינסטער איד, קוים פאהרט ער זיך בעזעצען אין א״י, ווערט ער שוין דערמיט אליין נתעלה צו דער מדרגה פון א „יחסן"...

(הרב אברהם גאלאנט)

„יגער ד׳ בך השטן וכו׳" (זכריה ג׳ ב׳)

זאל השי״ת אנשרייען אויפ׳ן שטן, „ויגער ד׳ בך הבוחר בירושלים" — זאל ער אנשרייען אויף איהם, הלמאי ער האט זיך מיט זיין קטרוג אנגעזעצט דוקא אויף דער הייליגער שטאדט ירושלים, אויסרעדענדיג כל דאס בייז אויף די דארטיגע אידישע קינדער, באשר זיי זענען נישט געגוג פרום, באשר זיי לעבען נישט ברוח-התורה וכדומה... מען דארף דאך נישט פערגעסען, אז „הלא זה אוד מוצל מאש", אז די דאזיגע אידישע בחורים זענען דערפאר נעביך אזוי שטארק אבגעזענגט אין אידישקייט, ווייל זיי זענען

קוים אין דער לעצטער מינוט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרען פון פייער, אַז ווען זיי וואָלטען אויף ווייטער פערבליבען אין די גלות-לענדער, וואָלטען זיי דאָרט מיט דער צייט, חלילה, אינגאַנצען פערברענט געוואָרען און עס וואָלט לגמרי ביי זיי ח״ו קיין זכר פון אידישקייט נישט געבליבען... איצט ע״פ אַרבייטען זיי כאָטש לטובת אונזער לאַנד און פאָלק און מיט דער צייט, קענען מיר דעריבער האָפען, וועלען זיי זיך בעז״ה אומקעהרען אינ-גאַנצען צו אונז...

(רבי אלי׳ קלאצקין)

„ז׳ מאות מיני דגים טהורים וח׳ מאות מיני חגבים טהורים היו בא״י וכלן גלו עם ישראל וכשחזרו חזרו עמהן חוץ מדג אחד ששמו שיבוטא״ (מדרש רבה איכה)

בלויז דער „שיבוטא״ האָט זיך נישט געוואָלט צוריק אומקעהרען קיין ארץ-ישראל.

דען וועגען דער „שיבוטא״ זאָגען די חז״ל (חולין ל״ט): „חזיר — מוחא דשיבוטא״, אַז דער דאָזיגער פיש האָט אַ חזיר׳שען מוח...

(ילקוט פנינים)

כי לחמנו הם סר צלם מעליהם... (יד. ט.)

וועגען מן ווערט געזאָגט אין דער תורה: „וחם השמש ונמס״, אַז מיט׳ן אויפשיינען פון דער זון איז דער מן צורינען געוואָרען. וועלענדיג אַלזאָ בערוהיגען דאָס פאָלק און בעזייטיגען דעם פחד פון די מרגלים וועגען דער איבערגעטריבענער שטאַרקייט פון דער ארץ-ישראל׳דיגער בעפעלקערונג, האָבען יהושע וכלב זיך אויסגעדריקט בדרך משל און געזאָגט: „ואתם אל תיראו את עם הארץ״, איהר האָט פאַר זיי נישט וואָס מורא צו האָבען, „כי לחמנו הם״, זיי זענען געגליכען צו אונזער ברויט, צום מן, „סר צלם מעליהם״, עס איז ווי דער שאָטען וואָלט זיך פון זיי אָבגעקעהרט, ווי זיי וואָלטען זיך געפינען אונטער דער ברענענדער זון, וואו מען קאָן לאַנג נישט אויסהאַלטען, און פונקט ווי ביים מן וועט אויך ביי זיי זיין — „וחם השמש ונמס״...

(כלי יקר)

ואתם אל תיראו את עם הארץ כי לחמנו הם (יד. ט.)

„כי לחמנו הם״, עס איז פאַר אונז אַ ברויט-פראַגע. ארץ-ישראל איז אונז נויטיג ווי ברויט, אָהן וועלכען עס איז אונמעגליך אויסצוקומען, און

מיר טאָרען דעריבער אויף קיין זאַך נישט קוקען און זיך מיט קיינע שווע־ריגקייטען און שטערונגען נישט רעכענען...

(רבי שלום מרדכי מבזעזאַן)

עד אָנה ינאצוני העם הזה ועד אָנה לא יאמינו בי... (יד. יא.)

אַ מערקווירדיגע זאַך מיט זיי: „ינאצוני העם הזה" און גלייכצייטיג — „לא יאמינו בי". ממה־נפשך: דערצערנען זיי דעם אויבערשטען, הייסט דאָך עס, אַז זיי גלויבען אין איהם און אין זיין עקזיסטענץ; און אויב זיי גלויבען ווידער, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, טאָ ווי־אַזוי האָבען זיי קיין מורא נישט איהם צו דערצערנען?...

(בינה לעתים)

ד' ארך אַפים ורב חסד וכו' ונקה לא ינקה... (יד. יח.)

„כל זמן שישראל עושים לפני כסדר הזה מיד הם נענים" (מדרש)

וואָס עפּיס „כסדר הזה"? דען פון אַלע געטליכע מדות, אויף וועלכע עס ווערט געזאָגט „הדבק במדותיו", זענען די מענשען עפ"י רוב נוטה אויסצוקלויבען די סאַמע לעצטע מדה, דעם „ונקה לא ינקה", דאָס נעהמען נקמה... און דערויף קומט אַלזאָ דער דיוק: „כסדר הזה"! אָנהויבען זאָלסטו פון „רחום וחנון", נישט פון „ונקה לא ינקה"...

(אמרות טהורות)

וטפכם אַשר אמרתם לבז יהיה וכו' וידעו את הארץ... (יד. לא.)

פון דאַנען איז צו זעהען, אַז אויך דאַמאָלס איז מיט'ן גאולה-רעיון און מיט דער תשוקה צו ארץ-ישראל אַממעהרסטען געווען דורכגעדרונגען די יוגענד...

(דרשות הר"ן)

הננו ועלינו אַל המקום אַשר אָמר ד' כי חטאנו (יד. מ.)

דעריבער איז זייער תשובה נישט אָנגענומען געוואָרען און ס'איז גע־קומען דער ענטפער: „אַל תעלו כי אין ד' בקרבכם", ווייל ווי עס איז צו

זעהען אינ׳ם דיוק פון פסוק האָבען זיי בלויז ערקלערט: „אֲשר אָמר ד׳ פּי חטאנו״, גאָט זאָגט, אַז מיר האָבען געזינדיגט. זיי אַליין אָבער האָבען זיך צו די זינד נישט מודה געווען...

(ארון עדות)

למה זה אתם עוברים וכו׳ והיא לא תצלח... (יד. מא.)

אין ספר „צדקת הצדיק״ (אות מ״ו) ווערט געבראַכט אויפ׳ן דאָזיגען פּסוק אַ וואונדערליכע שטעלע פון לובלינער רבי׳ן, דער בעריהמטער גאון און צדיק רבי צדוק הכהן, נעמליך:

...„די מעפּילים, וועלכע האָבען געוואָלט געהן קיין א״י געגען ווילען פון דער השגחה, האָבען זיך געהאַלטען אינ׳ם כלל: „כל מה שיאמר לך בעה״ב עשה חוץ מצא״, אַז אין אַלעם, הייסט עס, דאַרפסטו פאָלגען דעם בעה״ב, אַ חוץ ווען ער וויל דיך אַרויסטרייבען פון זיין הויז... „והיא לא תצלח״, דאָס געגענשטעלען זיך איז זיי דאַמאָלס נישט געלונגען. עס וועט אָבער קומען אַ צייט, ווען דאָס וועט יאָ געלינגען, און דאָס איז אין אונזער היינטיגער צייט, בעקבתא דמשיחא״...

קֹרַח

ויקח קרח בן יצהר... (טז. א.)

„ויקח קרח — לקח את עצמו" (רש"י)

קרח — פלעגט דערויף זאָגען דער רבי ר' בונם פון פשיסכע — וועלכער איז געווען געבענשט מיט אַזוי פיעל מעלות, זייענדיג אי אַ מיוחס, אי אַן עושר, אי אַ פקח, איז אפשר טאַקי ראוי געווען צו זיין אַ מנהיג ביי אידען. די מעשה איז אָבער, וואָס „ויקח קרח — לקח את עצמו", וואָס ער האָט נישט געוואַרט, מען זאָל איהם געבען דאָס נשיאות, נאָר ער האָט זיך עס אַליין געוואָלט נעהמען, און — אַזעלכע זאַכען נעהמט מען זיך נישט אַליין...

רב לכם בני לוי... (טז. ז.)

„וקרח שפקח היה מה ראה לשטות זה? עינו הטעתו, ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו, שמואל וכו'" (רש"י)

מיט וואָס ווערט שוין דערמיט די קשיא פערענטפערט? און אַז „ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו" איז עס שיין נישט קיין שטות?

נאָר עס איז דאָך אַ כלל, אַז „אין ממנין פרנס על הצבור אלא אם כן קופה של שרצים תלויה לו מאַחוריו" און צוליעב דעם אליין אייגענטליך האָט שוין קרח נישט געקענט זיין קיין מנהיג, שטאַמענדיג פון לויטער יחוס — „בן יצהר, בן קהת, בן לוי". ער האָט זיך עס אָבער מתיר געמאַכט צוליעב דעם, ווייל „ראה שלשלת גדולה יוצאה ממנו שמואל", אויך שמואל האָט דאָך נישט געהאַט הינטער זיך קיין „קופה של שרצים" און דאָך איז ער געוואָרען מנהיג...

אָבער „עינו הטעתו", ער האָט אַ טעות געהאַט און פערזעהען, אַז שמואל'ס „קופה של שרצים" איז טאַקי ער אַליין, דער זיידע זיינער—קרח...

(אמרי חן, בדרך הלצה)

ובקשתם גם כהונה... (טז. י.)

בשעת אַן'אָנגעשטעלטער ווענדעט זיך צום בעל-הבית מיט אַ בקשה ער זאָל איהם טהון די טובה און איהם מוסיף זיין פאַר די זעלבע שכירות נאָך עפּיס אַ ביסעל אַרבייט, מחמת ער אַרבייט נעביך צו-ווענינ, דערוועקט עס, זעלבסטפערשטענדליך, דעם חשד, אַז דאָס איז נישט סתם פון בלויז געטריישאַפט, מחמת קיין מענש וויל נישט אַרבייטען אומזיסט, נאָר אַז מסתמא האָט ער אויסזיכטען צו ציהען פאַר זיך פון דער דאָזיגער פּריש-פערלאַנגטער אַרבייט מאַטעריעלע נוצען...

אויך משה'ן איז דאָס געווען פערדעכטיג און ער האָט זיי געפרעגט די זעלבע קשיא: „המעט מכם וכו' לעבוד את עבודת משכן וכו' ובקשתם גם כהנה", איהר אַליין קומט גאָר פאָדערען און פערלאַנגען, מען זאָל אייך געבען נאָך אַרבייט?! ניין, דאָס איז נישט מסתמא פון בלויז גוטפריינדשאַפט און נישט דאָס מסתמא זענט איהר אויסען...

(דובנער מגיד)

כי תשתרר עלינו גם השתרר... (טז. יג.)

היתכן? ווי אַזוי איז עס מעגליך געווען אויסצוטראַכטען אויף משה רבינו אַזאַ שקר-בלבול, צו בעשולדיגען איהם אין תאוה צו הערשאַפט, איהם, דעם „עניו מכל האדם"? — נאָר אַזוי איז שוין די טבע פון מחלוקת, אָהן שקר קאָן זי נישט עקזיסטירען, מחלוקת און שקר מוזען שטענדיג געהן צוזאַמען... ווי מיר געפינען ביי בריאת-האדם. בשעת דער אמת האָט גע-טענה'ט: „אל יברא שכלו שקר", האָט דער שלום תיכף דערויף מסכים גע-ווען און אָבגעענטפערט: „אל יברא דכוליה קטטות", וואָרום דאָרט וואו שקר מוז זיין מחלוקת און דאָס זעלבע פערקעהרט...

(רבי אלי' חיים מייזעל)

ולא הרעותי את אחד מהם... (טז. טו.)

אויפ'ן פסוק „והנה שני אנשים עברים נצים" זאָגען די חז"ל, אַז דאָס זענען געווען דתן ואבירם. איז מילא אויף דתנ'ען איז קיין קשיא נישט, פאַרוואָס ער פיהרט געגען מיר מחלוקת, דאָס איז ער זיך נוקם דערפאַר, ווייל איך האָב דאַמאָלס געשריען צו איהם: „רשע למה תכה רעך", אָבער — „ולא הרעותי את אחד מהם", איינעם פון זיי, אבירם'ן, האָב איך דאָך זיכער קיין שלעכטס נישט געטהון, פערקעהרט, כ'האָב זיך דאָך איינגעשטעלט

פאר איהם און איהם געראטעוועט פון שלעגערס הענד, טא וואס וויל ער פון מיר? פארוואס איז ער מיר אזא שונא?...

(דבר בעתו)

„ולא הרעותי, לא חייבתי את הזכאי ולא זכיתי את החייב" (מדרש)

ווייל „לא חמור אחד מהם נשאתי", ווייל כ'האב פון זיי נישט נהנה געוועזן און קיין זאך ביי זיי נישט גענומען, דעריבער „ולא הרעותי את אחד מהם, לא חייבתי את הזכאי ולא זכיתי את החייב", האב איך געקענט זיין אנ'עהרליכער און אביעקטיווער שופט, אהן פניות און אהן נגיעות...

(דברי שאול)

בשעת רבי יחזקאל לאנדוי, דער „נודע ביהודה", האט געזאלט אנקומען אלס רב קיין פראג, האט אויפ'ן כסא-רבנות פרעטענדירט נאך א צווייטער קאנדידאט — רבי זרח איידליץ. דער לעצטער איז אונטערגעשטיצט געווארען דורך א גרופע פראגער לומדים, דאגעגען דער רוב פון דער בעפעלקערונג און אויך דער פראסטער המון איז געווען אויפ'ן צד פון נודע-ביהודה. ווען ער איז ענדליך געוועהלט געווארען אלס רב האט ער גענומען שטארק מקרב זיין די פריהערדיגע געגנער זיינע, די פראגער לומדים. די דאזיגע התקרבות האט אבער שטארק פערדראסען איינעם פון פראסטען עולם, א איד א שניי־דער, וועלכער האט בשעת די וואהלען שטארק געארבייט לטובת דעם נודע-ביהודה'ס קאנדידאטור און ער ווענדעט זיך צו איהם מיט א שאלה:

— רבי — פרעגט ער — היתכן? די שונאים אייערע זענט איהר מקרב, דאגעגען מיט אונז בעלי־מלאכות, וואס מיר האבען אייך געהאלפען ווערען רב, זענט איהר גאר פונדערווייטענס. ווי געשיקט זיך עס?

— אין דער וועלט — ענטפערט איהם דערויף דער נודע-ביהודה — איז טאקי אזוי אנגענומען. בשעת עס בייט זיך ערגיץ-וואו די ממשלה און א נייע רעגירונג קומט צו דער מאכט, איז די ערשטע זאך איהרע צו טוישען די בעאמטע, צו געבען די געגנער דעמיסיע און ארויפצוזעצען אויף זייער ארט די אנהענגער, די מקורבים, מעגען זיי אפילו נישט זיין ראוי דערצו. אנדערש אבער האט זיך געפיהרט משה רבינו, וועלכער האט ער־קלערט: „לא חמור אחד מהם נשאתי", איך האב קיין אייזעל־קאפ פון זיי נישט דערהויבען אויף א הויכע שטעלע דערפאר, ווייל ער איז געווען פון מיינע אנהענגער, „ולא הרעותי את אחד מהם", און דעם חשוב, דעם „אחד מהם", האב איך קיין שלעכטס נישט געטהון דערפאר, ווייל ער איז געווען פון מיינע געגנער.

און אויך ביי מיר — פערענדיגט דער נודע-ביהודה — איז דאָס זעלבע, דער חשוב בלייבט חשוב און דער אייזעל — בלייבט אייזעל...

(עולת חדש)

כידוע, איז דער לעצטער ווילנער רב, רבי שמואל, אויסגעשטאַנען אין די לעצטע יאָהרען גרויסע מחלוקת און בזיונות פון זיינע געגנער, די דאַמאָלסדיגע ווילנער פרנסים, וועלכע האָבען איינמאָל געשיקט צו איהם פיער שמשים און אַריינקומענדיג אין זיין הויז האָבען זיך די שמשים אָבגערוקט פון איהם אויף אַ מרחק פון ד׳ אַמות און האָבען אויסגעטהון די שיך אַלס סימן, אַז ער איז ענטזאַגט פון רבנות... חוץ לזה האָבען דאַן די פרנסים געשוואוירען ביי אַ ספר-תורה, וועלכע זיי האָבען פריהער עטליכע מאָל געלאָזט מגיה זיין, אַז זיי וועלען איהם נישט לאָזען מעהר זיין קיין רב...

בעת רבי שמואל, וועלכער איז געווען באמת אַ צדיק-תמים און אַ גאון-מפורסם, איז נפטר געוואָרען, האָט רבי נח מינצעס, דעם ווילנער גאונ׳ס מחותן, איהם מספיד געווען און ער האָט געזאָגט אין זיין הספד: די חז״ל און אָבות דערמאָהנען וועגען צוויי מיני מחלוקת: „מחלוקת הלל ושמאי״ און „מחלוקת קרח ועדתו״. פרעגט זיך: פאַרוואָס שטעהט עפּיס „מחלוקת קרח ועדתו״, נישט „מחלוקת קרח ומשה״, פונקט אַזוי ווי עס ווערט געזאָגט „מחלוקת הלל ושמאי״? נאָר הלל ושמאי זענען ביידע גלייך געווען מחולק צווישען זיך, הלל איז געווען מחולק מיט שמאי און שמאי מיט הלל. ביי משה רבינו דאַגעגען איז די מחלוקת געפיהרט געוואָרען נור פון איין צד, פון קרח׳ס צד. משה אַליין האָט זיך לגמרי אין דער מחלוקת נישט בעטייליגט, ער איז מיט קיינעם נישט געווען מחולק. „ולא הרעותי — האָט ער בפירוש ערקלערט — את אחד מהם״... דאָס זעלבע — האָט אויסגעפיהרט דער ספדן — איז אויך געווען מיט אונזער גרויסען נפטר, רבי שמואל. אין דער מורא׳דיגער מחלוקת, וואָס איז געגען איהם געפיהרט געוואָרען, האָט זיך בלויז בעטייליגט איין צד, דער צווייטער צד. ער זעלבסט האָט זיך די גאַנצע צייט צו דער דאָזיגער מחלוקת, חלילה, נישט צוגעריהרט...

(קריה נאמנה פון רש״י פין)

עפ״י רוב — פלעגט זאָגען רבי שלמה קלוגער — ווערען מחלוקת געפיהרט, אָדער דורך גבירים, דען „עשיר יענה עזות״, אָדער דורכ׳ן נידריגען המון, דורך די אָרימע לייט, וועלכע האָבען נישט וואָס צו ריזיקירען און וואָס צו פערלירען. דער מיטעלמאַן שטעהט מעהרסטענטייל אין אַזעלכע פאַלען פון דערווייטען. און אַזוי געפינען מיר אויך ביי מחלוקת קרח ועדתו. די דאָזיגע מחלוקת איז אָנגעפיהרט געוואָרען פון איין זייט דורכ׳ן גביר,

קרח, און פון דער צווייטער זייט דורך די אָרימעלייט, דתן ואבירם, וועגען וועלכע די חז״ל ערקלערען: „כי מתו האנשים — שירדו מנכסיהם״...

„תא ואחוי לך בלועי דקרח וכו׳ ושמעית דהוו אמרין משה ותורתו אמת והן בדאין״ (ב״ב ע״ד)

דערפון — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער אויף זיין שטייגער בדרך־הלצה — זעהט מען, אז „רשעים אפילו על פתחו של גיהנם אינם חוזרים בתשובה״. נאָכדעם ווי זיי ערקלערען, אז „משה אמת ותורתו אמת״, פיהרען זיי אויס צום סוף: „והן בדאין״, אז מען זאָל זיי נישט גלויבען, וואָס זיי האָבען דאָ ערשט געזאָגט, וואָרום זיי זענען ליגנער...

דער זעלבער רבי אייזיל סלאָנימער פלעגט זאָגען אויפ׳ן מאמר חז״ל: „שני תלמידי־חכמים הדרין בעיר אחת ואין נוחין זה לזה אחד מת ואחד גולה״ (סוטה מ״ט). וויבאלד איינער פון זיי איז געשטאָרבען און די שנאה צווישען זיי האָט זיך שוין ממילא אָבגעשטעלט, טאָ פאַרוואָס קומט דעם צווייטען פערטריבען צו ווערען? נאָר די מעשה איז, עס טרעפט גאַנץ אָפט, אז אַ שטאָדט האַלט אויס צוויי רבנים, נישט דערפאַר, ווייל זי קאָן מיט איין רב נישט יוצא זיין, נאָר צוליעב דער מחלוקת פון די צדדים. קוים איז דער און דער מסכים אויף יענעם רב, נעהמט דער צד־שכנגד און ברענגט אַראָב צו־להכעיס אַ צווייטען רב. וויבאלד אָבער „אחד מת״, איינער פון זיי שטאַרבט און איין צד איז אָהן אַ רב געבליבען, ווערט שוין דאַן ממילא אויך דער לעבעדיגער רב פון צווייטען צד אַנ׳איבעריגע זאַך, מען הערט אויף צו זאָרגען פאַר איהם, צו געבען איהם אויף חיונה, ביז ער ווערט נעביך געצוואונגען פון דאָרט אויסצעוואַנדערען...

ויקהל עליהם קרח... (טז. יט.)

„בדברי ליצנות״ (רש״י)

מיט׳ן דאָזיגען מיטעל בענוצען זיך די אינטריגאַנטען און מחרחרי־ריב ביז׳ן היינטיגען טאָג. בשעת זייערע זאַכליכע, קאָנקרעטע בעשולדיגונגען זענען צו־שוואַך אויף צו דיסקרעדיטירען דעם געגנער, פרובען זיי איהם בעקעמפען דורך ליצנות, דורך סתם אויסלאַכען און אָב׳חוזק׳ן פון איהם... (דברי שלמה)

ותבלע אותם וכו׳ ואת כל הרכוש... (טז. לב.)

דעריבער איז אויך דער רכוש, דאָס פערמעגען, געוואָרען איינגעזונקען, ווייל דאָס איז געווען די סיבה פון דער טרויעריגער מחלוקת. די העזה, וואָס האָט זיך גענומען צו קרח׳ן ארויסצוטרעטען געגען משה׳ן, איז געווען נור אַ דאַנק זיין עשירות, אַ דאַנק דעם — „ועשיר יענה עזות״...

(אסם בשם)

אין זוהר אויף דער היינטיגער סדרה (רעיא מהימנא קע״ט) געפינען מיר פאָלגענדע שטעלע: „מעולם לא זזה שכינה מישראל בשבתות וימים־טובים ואפילו בשבתות של חול״.

וואָס איז דער פשט פון די ווערטער „בשבתות של חול״?

אין „פרשת דרכים״ ווערט געגעבען דערויף פאָלגענדע ערקלערונג:

דער דין איז, אַז בשעת אַ מענש געהט אין דער מדבר און ער האָט פערגעסען דעם חשבון פון די טעג און ווייסט נישט ווען שבת איז, דאַרף ער אָנהויבען צעהלען די וואָך פון יענעם טאָג אָן און איינ׳ם זיבעטען טאָג רוהען. די כונה, אַלזאָ, פונ׳ם דערמאָהנטען מאַמר איז, אַז אפילו אין אַזאַ „שבת של חול״, וועלכער ווערט געמאַכט פון אַ יחיד משום ספק, אויך אויף אַזאַ „שבת״ רוהט די שכינה...

דאַגעגען אין „אהל יעקב״ פון רבי בעריש פלאָם ווערט אָנגעוויזען, אַז עס איז דאָ אַ קליינגעפאַלען אַ קליינער טעות-הדפוס און דאָס וואָרט „חול״ איז אַ ראשי-תיבות פון „חוץ לאָרץ״. דען עס איז דאָך ידוע דער מאַמר חז״ל: „כל הדר בחוץ לאָרץ דומה כמי שאין לו אלוה״, און דערויף ווערט דאָ געזאָגט, אַז וואָס ס׳איז שייך שבת ויום-טוב איז „לא זזה שכינה מישראל בשבתות וימים טובים ואפילו בשבתות של חוץ לאָרץ״...

חֻקַּת

זאת חקת התורה... (יט. ב.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „סמך חקת התורה ובהרימכם את חלבו ממנו, רמז לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן, שניה לה לאוכלי תרומה".

ווי אַזוי און פון וואַנען איז פון דער דאָזיגער סמיכות אַ ראַיה אויף „לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן"?...

עס איז אַן אַלטע וועלט-קשיא און געענטפערט ווערט דערויף, אַז די כוונה פון בעל-הטורים איז: „ובהרימכם את חלבו ממנו", אַז ווען מען נעהמט אַראָב דאָס וואָרט „חלבו", וואָס בעטרעפט די צאָהל 46, פונ'ם וואָרט „ממנו", בלייבט דאַן איבער דאָס וואָרט — „מן".

אָבער דאָס איז נישט מעהר, ווי אַ ווערטעל. פיעל לאָגישער זעהט אויס צו זיין פאָלגענדע ערקלערונג: דער מקור פונ'ם מאַמר „לא ניתנה התורה אלא לאוכלי המן" איז אין מכילתא פ' שלח און דער אייגענטליכער נוסח איז דאָרט: „לא ניתנה התורה אלא לאוכלי המן, כיצד? הי' יושב ודורש ולא הי' יודע מהיכן אוכל ושותה, הא לא ניתנה התורה אלא לאוכלי המן, ושניים להם אוכלי תרומה". די כוונה פונ'ם מאַמר איז, אַז „אם אין קמח אין תורה" און אַז עוסק זיין בתורה בקביעות קענען נאָר אָדער די אוכלי-המן, אָדער די כהנים, די אוכלי תרומה, וועלכע דאַרפען נישט זאָרגען אויף פרנסה און דאָס איז אויך די כוונה פון בעל-הטורים וועגען דער סמיכות פון „ובהרימכם את חלבו ממנו" און „זאת חקת התורה", אַז עוסק זיין אין די חקת התורה קענען נאָר די צוויי קאַטעגאָריעס: די אוכלי המן און די אוכלי תרומה...

פאַרהאַן נאָך אַן ערקלערונג, אַז דער בעל-הטורים, ציטירענדיג דעם גאַנצען מאַמר פון מכילתא, איז דאָ בעיקר נאָר אויסען דעם סוף פונ'ם מאַמר — „שניה לה לאוכלי תרומה".

ויקחו אליך פרה אדומה תמימה... (יט. ב.)

„אמרתי אחכמה והיא רחוקה ממני, זו פרה" (מדרש)

דער מדרש וויל אונז דערמיט זאָגען, אַז עס איז נישט מעגליך צו געפינען קיין שום טעם אויף דער מצווה פון דער פרה-אדומה און אַז אויך דער טעם פון רבי משה הדרשן, אַז דער זין פון דער פרה-אַדומה איז מכפר צו זיין אויפ'ן חטא פון עגל, איז בעצם נישט אויסגעהאַלטען... „אמרתי אחכמה — אויב איך וועל מיר וועלען איינרעדען, אַז מיט'ן דאָזיגען דרש בין איך שוין דערגאַנגען דעם אמת'ן טעם, איז עס נישט ריכטיג, וואָרום — „והיא רחוקה ממני", די מצווה פון פרה-אדומה איז דאָך באמת געגעבען געוואָרען אין מרה, אַלזאָ אַ סך וויטער און פריהער, איידער עס איז גע-שעהן דער חטא פון עגל...

(דבר בעתו)

זאת התורה אָדם כי ימות באהל... (יט. יד.)

„קברי עכו"ם אין מטמאין באהל, דכתיב אדם כי ימות באהל וכו' אתם קרויים אדם ואין העובדי כוכבים קרויים אדם" (יבמות ס"א)

דער פשט איז נישט, אַז די עכו"ם זענען נישט בכלל בני אדם, אַז זיי זענען גאָר קיין מענשען נישט, וואָרום אויסער וואָס דאָס איז אין סתירה צו פילע דרשות חז"ל, וועלכע דרינגען, אַז אינ'ם וואָרט „אָדם" זענען אויך עכו"ם אין כלל, געפינען מיר אין אַ סך פסוקים דעם אויסדרוק „אדם" דוקא אין בעצוג צו די עכו"ם, ווי „בקום עלינו אָדם", „ואתה אָדם ולא אל", „עצביהם כסף וזהב מעשי ידי אָדם" א. ד. גל.

באמת אָבער איז די כונה פונ'ם „אתם קרויים אָדם" אַ גאַנץ אַנדערע, עס ווערט געמיינט דערמיט צו בעטאָנען, אַז הגם „אָדם" איז דאָך כולל אַלעמען, אפילו נישט-אידען אויך, איז אָבער דאָרט, וואו דאָס וואָרט „אָדם" ווערט דערמאָהנט אין דער תורה אין צוזאַמענהאַנג מיט פערשיעדענע מצוות, דאַן — „אתם קרויים אָדם", דאַן בעציהט זיך עס נאָר אויף אייך, אויף אידען, וואָרום אויף די עכו"ם זענען די אַלע מצוות נישט חל...

(רבי צבי חיות)

די תורה האָט מען ליעב, גאָר שטאַרק ליעב, בשעת זי ליעגט אין אָרון, אין אָרון-קודש, און דעם לומד-התורה האָט מען ליעב — בשעת ער ליעגט שוין אין „אוהל", נאָכ'ן טוידט.ביים לעבען אינטערעסירט מען זיך גאַנץ ווענינ מיט איהם...

(נחלי דבש)

און דאָס — טייטשט מען — איז אויך דער פשט: „חכם שמת הכל קרוביו" (שבת ק"ה). ערשט נאָכדעם, ווי דער תּלמיד-חכם שטאַרבט, ווערען אַלע מיטאַמאָל זיינע קרובים און אַלע נעהמען זיך מיט איהם יחוס'ן, ווערענד ביים לעבען וויל זיך קיינער אויף איהם נישט אומקוקען...

פון די פערשידענע מיני גמילות-חסדים, וואָס די חז"ל לערנען ארויס פונם פסוק „את הדרך אשר ילכו בה", ווי גומל-חסד זיין מיט אַן אָרימאַן און איהם לייהען אַ הלוואה, גומל-חסד זיין און העלפען אַ קראַנקען א. אַ. וו. איז ביי די מענשען אַמשטאַרקסטען אָנגענומען די מצוה פון גומל-חסד זיין מיט אַ מת, און דעריבער ווערט דוקא דער דאָזיגער חסד אָנגערופען „חסד של אמת", ווייל מענשען האָבען בטבע זעהר ליעב דעם אמת. איז בעת עס האַנדעלט זיך וועגען העלפען אַן אָרימאַן און ראַטעווען אַ חולה, זענען זיי אין ספק: טאָמער איז דער אָרימאַן גאָר קיין אָרימאַן נישט, און טאָמער איז דער חולה גאָרנישט קראַנק... אָבער, אַז יענער איז געשטאָרבען, דאָס זעהט מען דאָך, דאָס איז דאָך זיכער אמת — און פאַר אַן אמת, פאַר אַ „חסד של אמת" זענען זיי גרייט דעם האַלז צו שטרעקען...

(רבי שלמה קלוגער)

ר' ברוך מרדכי שעדלעצער פלעגט זאָגען:

פונוואַנען נעהמט זיך עס, וואָס די חברא-קדישא-לייט זענען אַזעלכע שטאַרקע אָנהענגער פונ'ם „ביטערען טראָפּען"? דען די חז"ל זאָגען: „כּתיב לד' הארץ ומלואה וכתיב והארץ נתן לבני אדם, כאן קודם ברכה, כאן לאחר ברכה". איז דעריבער, איידער זיי מאַכען אַ „ברכה", האָבען זיי קיין רעכט נישט צו פאָדערען געלד פאַר אַ קרקע, דען די ערד געהער דאָך צום אויבערשטען, דאַגעגען נאָך דער „ברכה", דעמאָלס איז דאָך שוין די ערד זייערע, מעגען זיי זיך שוין הייסען געבען פאַר איהר וויפיעל זיי ווילען...

אַז די מתעסקים און חברה-קדישא-לייט האָבען שוין אין די גאָר אַלטע צייטען, נאָך בימי התלמוד והמשנה, נישט פיינד געהאַט קיין כוסה, האַלטענדיג, אַז זיי איז דאָס ערלויבט מעהר ווי יעדען אַנדערען בשר-ודם, איז צו זעהן פון נזיר פרק ב' משנה ד': „יודע אני שהנזיר אסור ביין, אבל סבור הייתי שחכמים מתירים לי מפני שאין אני יכול לחיות אלא ביין, או מפני שאני קובר את המתים"...

ותמת שם מרים וכו׳ וירב העם עם משה... (כ. א. ג.)

אויף מנצח צו זיין דעם יצר-הרע געבען די חז״ל דריי עצות: תורה, קריאת-שמע און יום-המיתה. „אם פגע בך מנוול זה משכהו לבהמ״ד, נצחהו מוטב ואם לאו יקרא ק״ש, נצחהו מוטב ואם לאו יזכיר לו יום-המיתה״. דאָס לעצטע מיטעל איז, אַלזאָ, דאָס שטאַרקסטע, דאָס ראַדיקאַלסטע... ווי עס ווייזט אָבער אויס, איז אַנטקעגען דעם יצר-הרע פון מחלוקת פועלט אפילו דאָס דאָזיגע מיטעל אויך נישט. „ותמת שם מרים ותקבר שם״, און פונדעסטוועגען, איז תיכף-ומיד — „וירב העם עם משה״...

(הרב משה שמעון זיוויץ)

ותמת שם מרים וכו׳ ולא היה מים לעדה...

דערויף — ווערט ערקלערט — שטיצט זיך דער מנהג, וואָס ווערט געבראַכט אין יורה-דעה ס״י של״ט, אַז בשעת עס שטאַרבט אַ מת ווערט אין דער גאַנצער שכונה, וואו דער מת געפינט זיך, אויסגעגאָסען דאָס וואַסער פון אַלע כלים; און ווי דער ש״ך ערקלערט דאָרט אויפ׳ן אָרט, איז דער זין פונ׳ם דאָזיגען מנהג גאַנץ איינפאַך: דאָס דיענט פאַר אַלעמען אַלס סימן און צייכען פונ׳ם טרויעריגען געשעהעניש, כדי צו פערשפּאָרען צו זיין אַ „מוציא דבה״, כדי איינער דעם צווייטען זאָל נישט דאַרפען מודיע זיין און אַרויסברענגען די דאָזיגע טרויעריגע בשורה פאַר׳ן מויל...

גערער חסידים דערצעהלען: בשעת דער גערער רבי איז געוועזען איינמאָל אין קאַרלסבאַד, האָט איהם אַ געוויסער רב פון אויסלאַנד געפרעגט אויף איינעם אַ בעקאַנטען איש-נכבד פון פוילען, וועגען וועלכען ער האָט געהאַט אַ ידיעה, אַז ער איז שווער קראַנק, וואָס ער מאַכט... דער דאָזיגער איש-נכבד איז שוין דאַן געווען אויפ׳ן עולם-האמת און דער גערער רבי, נישט וועלענדיג דעם רב מצער זיין, האָט איהם געענטפערט, אַז יענער דאַרף האָבען גרויס רחמים... אויף צו-מאָרגענס האָט זיך דער רב דערוואוסט פונ׳ם טרויעריגען אמת, און בעגעגענענדיג זיך אַ צווייט מאָל מיט׳ן גערער רבי׳ן, האָט ער אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג, הלמאַי ער האָט איהם געזאָגט אַנדערש, ווי עס איז... דערויף זאָל איהם דער גערער רבי האָבען געענטפערט, אַז ער האָט איהם חלילה כלל נישט גענאַרט, דען אויך אַ מת דאַרף האָבען גרויס רחמים, ווי מיר זאָגען עס דריי מאָל אַ טאָג אין דער שמונה-עשרה: „מחיה מתים ברחמים רבים״...

ולמה העליתנו ממצרים להביא אותנו וכו׳ לא | מקום זרע ותאנה וגפן ורמון ומים אין לשתות... (כ. ה.)

ווי געשיקט זיך עס, אָוועקצושטעלען זיך קלאָגען וועגען „תאנה גפן ורמון״, אַז זיי האָבען נישט קיין פייגען, ווייַן און מילגרוימען, אין דער צייט ווען עס פעהלט זיי דאָס סאַמע נויטיגסטע — וואַסער?...

נאָר, ווי עס איז צו זעהען, איז צווישען דעם וואָרט „לא״ און דעם וואָרט „מקום״ פאַרהאַן אַ פּסיק, וואָס בעדייט אַלס הפסק צווישען די פּער־בינדונגס־ווערטער און די כונה פון פּסוק איז אַזוי: „לא״! מיר רעדען שוין נישט פון — „מקום זרע תאנה גפן ורמון״, נאָר — „ומים אין לשתות״, עס איז נישטאָ אפילו קיין ביסעל וואַסער צום טרינקען...

קח את המטה... (כ. ח.)

דער אבן־עזרא, אין זיין ערקלערונג צום דאָזיגען פּסוק, ברענגט דאָ דעם פּסוק פון דברי הימים ב׳ (כב. י.): „ותקם ותדבר את כל זרע הממלכה״ און זאָגט: „והנה פי׳ ותדבר כמו ותאבד וכן בספר השני״.

וועגען דער בעדייטונג פון די ווערטער „וכן בספר השני״ ברענגען די מבארים פערשיעדענע פּשטים און השערות. באמת אָבער איז דאָ דער פּשט גאַנץ איינפאַך: דער זעלבער פּסוק ווערט אויך געבראַכט אין אַ צווייט ספר, אין מלכים ב׳ (יא. א.), נאָר אַנשטאָט „ותדבר״ שטעהט דאָרט „ותאבד״ — „ותקם ותאבד את כל זרע הממלכה״, וואָס עס בעווייזט, אַלזאָ, אַז דער אויס־דרוק „ותדבר״ אין דברי־הימים האָט די בעדייטונג פון איבוד, פערניכטונג...

(כנסת הגדולה)

ויבכו את אהרן שלשים יום כל בית ישראל... (כ. כט.)

דאַגעגען נאָך דער פּטירה פון משה רבינו שטעהט „ויבכו בני ישראל את משה״, נישט „כל בית ישראל״, ווייל נאָך אהרנ׳ס טויט האָט קיינער נישט געקענט ערוואַרטען צו פערנעהמען זיין פּאָסטען אַלס כהן־גדול, דען אַ זר קאָן באין־אופן קיין כהן־גדול נישט ווערען, איז דעריבער האָבען טאַקי אַלע אויפריכטיג בעדויערט זיין טויט און אַלע האָבען געוויינט, נאָך משה׳ן אָבער האָבען נישט אַלע געוויינט; עס זענען געווען אַזעלכע, וועלכע האָבען געהאָפט, אַז זיי וועלען פיליכט ווערען קאַנדידאַטען איבערצונעהמען דאָס נשיאות...

(תפארת יהונתן)

על כן יאמר בספר מלחמות ד׳ את והב בסופה (כא. יד.)

דערויף זאָגען די חז״ל: „שני מצורעים היו (פון וועלכע איינער האָט געהייסען „את״ און דער צווייטער „הב״) שהיו מהלכין בסוף מחנה ישראל״ (ברכות דף נ״ד).

דאַגעגען דער תרגום אונקלוס טייטשט: „על כן יתאמר בספרא, קרבין דעבד ד׳ על ימא דסוף״.

פאַרוואָס געפעלט נישט דעם אונקלוס צו טייטשען ווי די חז״ל?

דען אין מגילה ג׳ ווערט געזאָגט, אז „אונקלוס מפי רבי אליעזר אמרו״, און אין מנחות צ״ה האַלט רבי אליעזר, אַז בשעת די מסעות אין דער מדבר, האָבען זיך די מצורעים געמעגט געפינען אין דער מחנה ישראל, וממילא קאָן דאָ אונקלוס נישט מסכים זיין צום דרש, אַז דאָ רעדט זיך וועגען „שני מצורעים״, וועלכע זענען געגאַנגען „בסופה״, אין סוף פון דער מחנה, וואָרום לויט רבי אליעזר׳ן האָבען דאָך דאַן די מצורעים געמעגט געהן אין דער מחנה גופא...

(צל״ח)

וממדבר מתנה... (כא. יח.)

דערויף דרשנ׳ען די חז״ל: „מאי דכתיב וממדבר מתנה וכו׳ כיון שעושה אדם עצמו כמדבר שהוא הפקר לכל, תורה ניתנה לו במתנה״.

פאַרהאַן אָבער — פלעגט זאָגען דערויף דער רבי ר׳ בונם — אזעלכע אידען, וועלכע האָבען אַ שטיקעל טעות און מיינען, אַז מפקיר זיין פאַר דער תורה דאַרף מען נישט זיך, נאָר יענעם...

בָּלָק

מן ארם ינחני בלק מלך מואב... (כג. ז.)

פון „אֲרָם — האט בלעם אויסגערופען מיט איראָניע — האט מיך בלק אראָבגעבראַכט צו מוסר'ן און צו שעלטען די אידען. פון אֲרָם, די שטאָדט פון זינד און אויסגעלאַסענהייט, זאָל איך קומען פרעדיגען די אידען מאָראַל. איז עס נישט צום לאַכען ?...

(דובנער מגיד)

אויפ'ן פסוק „מזמור לאסף באו גוים בנחלתך" ווערט געפרעגט אין מדרש שוחר טוב: „מזמור לאסף ? קינה לאסף מיבעי ליה" !

נאָר דער מזמור איז, וואָס אַז „באו גוים בנחלתך", וואָס בשעת די גוים וועלען אַריינקומען קיין ציון, פון וואַנען דו האָסט פערטריבען די אידען צוליעב זייערע זינד, וועסטו זעהען, רבונו של עולם, אַז זיי, די דאָזיגע גוים, זענען לאין-ערך פיעל ערגער און זינדיגער פון די אידען, אַז עס האָט פאַר קיין פאַל נישט געלוינט דער חילוף און מען מוז זיך דערי- בער מיט די אידען צוריק איבערבעטען...

(דעת זקנים)

מי מנה עפר יעקב ומספר את רובע ישראל... (כג. י.)

מעגליך, אַז דאָס וואָרט „ומספר", פון וועלכען דער פשט איז אין פלוג אונפערשטענדליך, איז אַ צוזאַמענשלוס פון צוויי ווערטער: „מי ספר", עהנ- ליך צום „מזה בידך" אַנשטאָט — „מה זה", אָדער „מלכם" (ישעי' ג') אַנ- שטאָט — „מה לכם" און נאָך אַזעלכע עהנליכע שטעלען, און דער פשט אין פסוק וועט אַלזאָ זיין: „מי מנה עפר יעקב ומי ספר את רובע ישראל"...

(רבי ברוך עפשטיין)

לא הביט און ביעקב ולא ראה עמל בישראל (כג. כא.)

„לא הביט און ביעקב" — פלעגט זאגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — אפילו ווען א איד זינדיגט מאכט זיך אויך דער רבונו של עולם כביכול גאנץ אפט נישט זעהען... און מה דאך — האט ער דערביי אויסגעפיהרט — השי"ת, דער יודע נסתרות, מאכט זיך אוועקקוקען פון אידישע חטאים, מכל-שכן א בשר-ודם, וואס קאן לייכט א טעות האבען, ווערלכען עס קאן זיך בלויז אויסדוכטען, אז יענער זינדיגט ובאמת זאל עס גאר קיין חטא נישט זיין, טאר ער דאך אודאי נישט זיין קיין „הביט און ביעקב"...

רבי מענדעלי ווארקער פלעגט זאגען:

אין זוהר הקדוש (אמור ע"ג) ווערט געזאגט: „אוריתא וקוב"ה וישראל חד הוא", איז פונקט אזוי ווי מען טאר נישט פרעגען קיין קשיות אויף השי"ת און אויף דער תורה, צו זאגען: דאס געפעלט מיר נישט און יענץ געפעלט מיר נישט, אזוי דארף מען אויך נישט זוכען קיין קשיות אויף אידען, נאר תמיד זיי דן זיין לכף-זכות...

(שיח שרפי קדש)

„לא הביט און ביעקב וכו' ד' אלקיו עמו."

דעריבער — פלעגט טייטשען רבי ישראל'טשע ריזשינער — איז „לא הביט און ביעקב", ווייל ווען אפילו א איד זינדיגט, איז „ד' אלקיו עמו", האט ער דאן אויך גאט אין הארצען...

כידוע — פלעגט זאגען דער רבי ר' זישא — איז פון איטליכע מצוה, וואס א איד טהוט, ווערט בעשאפען א מלאך-טוב, און פערקעהרט, חלילה, פון איטליכע עבירה — א מלאך-רע... נו, איז מיר אמאל אויסגעקומען צו זעהען די מלאכים, וואס זענען בעשאפען געווארען פון אידישע עבירות, זענען זיי אלע ל"ע וויסטע קאליקעס, אהן הענד און אהן פיס... מחמת בשעת א איד טהוט שוין יא אמאל אן עבירה, איז זעלטען, אז עס זאל איהם בשעת מעשה נישט א ציפ טהון ביי'ם הארצען, עס זאל איהם נישט אויף א רגע דורכלויפען א פונק פון חרטה און בושה, צוליעב וואס די עבירה קומט נישט ארויס בלב-שלם וממילא ווערט דערפון בעשאפען א מלאך — א קאליקע...

(בוצינא קדישא)

בעת יאמר ליעקב וכו׳ (כג. כג.)

„א״ר חנינא בריה דר׳ אבהו, כבחצי ימיו של עולם היה אותו רשע עומד״
(ירושלמי שבת פ״ו ה״ט)

אין איינעם פון זיינע בריעף ברענגט דער רמב״ם די דאָזיגע אגדה, ערקלערענדיג, אז לויט׳ן חשבון פון די דורות איז בלעם דאַן געשטאַנען אין יאָהר ב׳ אלפים תפ״ו לבריאת העולם, און ער האָט אַלזאָ אויסגערופען: „כעת״, ווען עס וועט פאַראיבער נאָך אַזאַ צייט, דאָס הייסט אין יאָהר ד׳ אלפים תתקע״ב, „יאמר ליעקב ולישראל מה פעל אל״, (אגב טאָקי: די יאָהרען, אין וועלכע דער רמב״ם האָט געלעבט), וועט זיך דאַן אומקעהרען די נבואה צו אידען... אָבער „ובעונינו שרבו — פיהרט דערביי אויס דער רמב״ם — עברו מה שעברו״..

מה טובו אהליך יעקב משכנותיך ישראל... (כד. ה.)

מה טובו אהליך יעקב — צו בויען געצעלטען פאַר יעקב׳ן, שוהלען און בתי-מדרשים, אָבער בתנאי, אַז — משכנותיך ישראל — מען זאָל אין זיי שטענדיג געפינען אידען, נישט קיין שוהלען צוליעב שענקייט, שוהלען מוזעאומס, וועלכע שטעהען אַ גאַנצע וואָך און פוסטעווען און מען קאָן קוים צונויפקלויבען אין זיי אַ מנין...

(תולדות יעקב יוסף)

אַ רעפאַרמירטער ראַבינער האָט אַמאָל געפרעגט דעם רב רבי עזריאל הילדעסהיימער: פאַרוואָס — מאַכט ער — זענען אונזערע טעמפּלען אַזוי שען און עסטעטיש, אַזוי זויבער און ציכטיג, אַז עס שמעקט אין אַלע ווינ-קעלעך, דאַגעגען זענען אָפט אייערע שוהלען און בתי-מדרשים אַזוי אָבגע-לאָזען און די מתפללים אין זיי פיהרען זיך נישט אויף מיט דעם געהעריגען רעספּעקט, וואָס דאַרף הערשען אין אַ מקום קדוש?

— דאָס איז דערפאַר — ענטפערט איהם הרב הילדעסהיימער — ווייל אין אייערע טעמפּלען ווערט נאָר געדאַווענט שבת ויום-טוב, האָבען זיי דע-ריבער ביי אייך שטענדיג אַ יום-טוב׳דיג אויסזעהן, ביי אונז אָבער דאַווענט מען און מען לערנט יעדען טאָג, אַ גאַנצע וואָך — זענען זיי דערפאַר ביי אונז וואָכעדיג...

אַ גרופּע רעפאַרמאַטאָרען האָט אַמאָל אין אַ שמועס מיט׳ן זעלבען הרב

הילדעסהיימער געפרובט איהם אויפקלערען, ווי נויטיג עס איז איינצופיהרען געוויסע רעפארמען אין די תפלות, צו פערקירצען דאס דאווענען און צו פערשענערען עס, בכדי צוצוציהען די יוגענד, וועלכע וועט דאן מעהר חשק האבען צו קומען אין שוהל אריין.

— פערשטעהט איהר מיך — רופט זיך אן צו זיי הרב הילדעסהיימער — עס האט אמאל א איד באנקראטירט און נאך לאנגע אונטערהאנדלונגען מיט'ן בעל-חוב האט יענער ענדליך מסכים געווען צו רעגולירען מיט איהם און צו נעהמען פופציג פראצענט. עס קומט צום בעצאהלען נעהמט דער באנקראטניק און דערלאנגט דעם בעל-חוב א פריש וועקסעל, א וועקסעל אויף דער האלבער סומע...

— ניין, מיין ליעבער איד — ענטפערט איהם דערויף דער בעל-חוב — אויב קיין געלד גיט איהר ווייטער נישט, נאר א וועקסעל, קאן דאך שוין בעסער ביי מיר ליעגען דער אלטער וועקסעל, אויף דער גאנצער סומע...

כך, אזוי איז אויך מיט אונזער ענין. איך ווייס דאך וואויל, אז אפילו די פופציג פראצענט, וואס איהר ווילט רעגולירען און רעפארמירען, וועט איהר אויך נישט צאהלען, אז עס איז נישט מעהר ווי סתם א פריש וועקסעל, וואס וועט ווידעראמאל געהן צו פראטעסט, איז אויב אזוי, טא זאל שוין גלייכער בלייבען דער אלטער וועקסעל, די אלטע, פריהערדיגע תקנות...

וירא פינחס בן אלעזר... (כה, ז.)

„ראה מעשה ונזכר הלכה, אמר לו למשה מקובלני ממך וכו'" (רש"י)

וויבאלד — האט דערויף איינער געפרעגט דעם חדושי הרי"ם — פינחס האט געוואוסט די הלכה, טא נאכוואס האט ער זיך געדארפט ווענדען מיט א שאלה צו משה'ן?

האט איהם דער חדושי הרי"ם אויף דעם געענטפערט:

איידער מען געהט אבטהון א מעשה, מעג עס אפילו זיין עפ"י דין, דארף מען זיך פריהער מיישב זיין מיט'ן רבי'ן...

פִּינְחָס

פינחס בן אלעזר וכו׳ השיב את חמתי וכו׳ (כה. יא.)

צוויי זאַכען האָט פּינחס אויפגעטהון מיט זיין טהאָט. ערשטענס, „השיב את חמתי מעל בני ישראל״, וואָס ער האָט מקנא געווען קנאַת השם און דערמיט געשטילט דעם כעס, כביכול, פון השי״ת, און צווייטענס — „ולא כליתי את בני ישראל בקנאתי״, וואָס ער האָט דאַדורך אָבגעראַטעוועט דעם כלל־ישראל פון דעם גרויסען עונש, פון כליון. זיין שכר איז דעריבער געוועזען אַ דאָפּעלטער: פאַר זיין עבודת־השם איז — „לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום״, און פאַר זיין עבודת־ישראל — „ונתתי לו ולזרעו אחריו ברית כהונת עולם״, און אַזוי איז אויך דער אויספיהר: „תחת אשר קנא לאלקיו״ און — „ויכפר על בני ישראל״. פאַר ביידע זאַכען!...

(רעיונות וחומר לדרוש)

לכן אמור הנני נותן לו את בריתי שלום... (כה. יב.)

נאָכדעם, ווי פּינחס האָט אַרויסגעוויזען אַזאַ העלדישקייט און אַזוי פיעל מסירת־נפש פאַר׳ן פאָלק ישראל און זיין תורה, איז די נויטיגסטע ברכה געווען פאַר איהם: „שלום״, מחמת עפ״י רוב איז דער [ל]ויהן, וואָס אַזעלכע אידען בעקומען ביי אונז פאַר זייער אַרבייט — מחלוקת, רדיפות...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

אָבינו מת במדבר וכו׳ כי בחטאו מת ובנים לא היו לו... (כז. ג.)

וואָס פאַר אַ סמיכות האָט דאָ דער אויספיהר „ובנים לא היו לו״ צום „והוא לא הי׳ וכו׳ בעדת קרח כי בחטאו מת״?

נאָר — האָט דערויף געענטפערט דער רבי ר׳ העשיל בדרך־צחות — אויפ׳ן פסוק „ויקנאו למשה במחנה״ ווערט געזאָגט אין מדרש: „מלמד שכ״א

קינא לאשתו ממשה״, און אין סוטה זאָגט די גמרא: „ונקתה ונזרעה זרע — אם יולדות נקיבות יולדות זכרים״, קומט דאָך בכן אויס, אַז די אַלע ווייבער, וועלכע די מענער פון עדת קרח האָבן חושד געווען במשה׳ן, זענען נאָכהער פאַר דעם פאַלשען חשד געבענשט געוואָרען מיט זכרים, און דאָס אַלזאָ האָבען זיי געפּעטנה׳ט: „והוא לא הי׳ בתוך העדה הנועדים וכו׳ בעדת קרח״, ער האָט נישט געקערט צו דער דאָזיגער עדה, וועלכע האָבען חושד געווען זייערע ווייבער, וואָרום אַ ראַיה — „ובנים לא היו לו״, און ווען ער וואָלט געווען פון די חושדים, וואָלט ער דאָך אויך נאָכהער געהאַט זיהן...

ויקרב משה את משפטן לפני ד׳... (כז. ה.)

צו רבי אַברהמ׳על סאָכאַטשעווער איז געקומען אַן׳אַלמנה צו אַ דין-תורה. בשעת די טענות האָט די אַלמנה אָנגעהויבען צו וויינען, האָט זיך רבי אַברהמ׳על אויפגעשטעלט און ערקלערט, אַז ער קאָן דאָ קיין דיין נישט זיין, מחמת טרעהרען זענען בכלל שוחד.

— און דאָס איז אויך דער טעם — האָט ער נאָכהער ערקלערט — פאַרוואָס ביי די בנות צלפחד איז „ויקרב משה את משפטן לפני ד׳״. משה האָט זיך דעריבער אָבגעזאָגט פון צו זיין שופט, ווייל ער האָט מורא געהאַט נישט בעאיינפלוסט צו ווערען פון די ווייכע ווייבערשע רייד, פונ׳ם שוחד-דברים...

בשעת דער בעל „מנחת חינוך״ איז געווען רב אין טאַרנאָפּאָל זענען פון שניאַטין, וואו ער איז געהאַט פריהער געווען רב, געקומען צו איהם צוויי בעלי-בתים, וועלכע האָבען איהם באַלד ביים ערשטען שמועס דערמאָהנט, אַז זיי זענען אַמאָל געווען פון זיינע שטאַרקע גוטע-פריינד, נישט געלאָזט פיהרען געגען איהם קיין מחלוקת, און דאַן האָבען זיי ערקלערט, אַז זיי זענען געקומען צו איהם האַלטען אַ דין-תורה. דערויף האָט זיי דער „מנחת חינוך״ געענטפערט, אַז ער קאָן ליידער זייער דיין נישט זיין.

— פונקט אַזוי — האָט ער זיי שמייכלענדיג ערקלערט — האָבען זיך אויך נוהג געווען די בנות-צלפחד. בשעת זיי זענען געקומען צו משה רבנו מיט אַ דין-תורה, האָבען זיי איהם קודם-כל געלאָזט וויסען, אַז „אָבינו מת במדבר והוא לא היה בתוך העדה הנועדים על ד׳ בעדת קרח״, אַז זייער פאָטער איז געווען פון זיינע שטאַרקע גוטע-פריינד און ער האָט זיך נישט בעטייליגט אין דער מחלוקת, וואָס קרח האָט געגען איהם געפיהרט, און ערשט דאַן זענען זיי צוגעטרעטען צום עיקר — אַז זיי זענען געקומען

פאר איהם האבען א דין-תורה... אבער נאך דער דאזיגער חניפה'דיגער ער-קלערונג האט שוין משה רבינו די דין-תורה נישט געוואלט אננעהמען און — „ויקרב משה את משפטן לפני ד'"...

יפקד ד' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה... (כז. טז.)

משה רבינו האט געבעטען ביי'ם רבונו של עולם, וועלכער איז דאך א „אלקי הרוחות לכל בשר", סיי צו פרומע און סיי צו נישט פרומע, אז אויך א מנהיג זאל ער געבען די אידען אזעלכען, וועלכער זאל זיין „לכל בשר", וועלכער זאל גלייך ליעב האבען אלע מיני אידען...

(קדושת לוי)

אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם וכו' (כז. יז.)

דער מנהיג זאל נישט זיין אונטערטעניג צום קהל, נאר — „אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם", און נישט מיט'ן בלויזען פרעדיגען און מיט האלטען דרשות זאל ער יוצא זיין, נאר — „ואשר יוציאם ואשר יביאם", ער זאל אין זיין פיהרערשאפט ארויסווייזען טעטיגקייט און מעשים ממש.

(מחנה חיים)

„דור שבן דוד בא וכו' ופני הדור כפני כלב" (סנהדרין צ"ח)

דער כלב, בשעת ער געהט מיט מענשען, לויפט ער שטענדיג פאראויס, ווי ער וואלט געווען זייער מנהיג און וועג-ווייזער, דערביי איז ביי יעדע עטליכע טריט דרעהט ער אויס צו זיי דאס פנים, ווי וועלענדיג זיך איבער-צייגען, צי זיי זענען צופרידען פון איהם און פון דעם וועג, אין וועלכען ער פיהרט זיי, אויב נישט — איז ער גרייט, הייסט עס, צו פיהרען זיי אין אנ'אנדער וועג... און אזוי וועלען אויך בעקבתא דמשיחא אויסזעהען די „פני הדור", די מנהיגים, וועלכע וועלען זיך בעמיהען צוצופאסען צום המון און צו חנפה'נען איהם...

(רבי ישראל סאלאנטער)

און דאס איז אויך דער פשט: „אמר רבי יוסי מימי לא אמרתי דבר וחזרתי לאחורי" (שבת קי"א), בשעת איך האב געזאגט א זאך האב איך זיך

קיינמאָל נישט אומגעקעהרט צום עולם, אום צו זעהען, צי מיינע ווערטער זענען ביי איהם נושא-חן...

(מגד ירחים)

את קרבני לחמי לאשי... (כח. ב.)

רבי פינחס קאָריצער פלעגט טייטשען:
„קרבני" — דער אמת'ער קרבן, זאָגט דער רבונו של עולם, איז ביי מיר — „לחמי" — מיין ברויט — „לאשי" — צו מיינע מענשען... צדקה!

ושעיר עזים אחד לחטאת... (כח. טו.)

„אמר הקב"ה, הביאו כפרה על שמיעטתי את הירח" (רש"י)

פרעגט מען: צי דערפאַר, ווייל השי"ת האָט ממעט געווען די לבנה, דאַרפען די אידען דעריבער ברענגען אַ כפרה? היתכן?

נאָר די גמרא זאָגט, אַז דערפאַר איז די לבנה בעשטראָפט געוואָרען, ווייל זי האָט מקטרג געווען און געזאָגט: „אי-אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד", דערויף האָט איהר השי"ת געענטפערט: „לכי ומעטי את עצמך". איז דאָך אין כלוג קשה: צוליעב דער טענה פון „אי-אפשר לשני מלכים שישתמשו בכתר אחד", האָט מען דאָך נישט געדאַרפט דוקא פערקלענערען די לבנה, נאָר לאָזען זי אַזוי ווי זי איז און פערגרעסערען די זון? דערויף ווערט געענטפערט, אַז פערגרעסערען די זון האָט מען נישט געקענט, ווייל ווי די חז"ל זאָגען אויף'ן פסוק „וירא א' את האור כי טוב ויבדל" (ווערט אויך געבראַכט אין רש"י) אַז „ראה הקב"ה שאין העולם כדאי לשמש באור הגדול ונגנז לצדיקים לעתיד לבוא", אַז צו קיין גרעסערע ליכטיגקייט, צו אַ גרעסערע זון, האָבען זיך די מענשען נישט פערדיענט.

און דערפאַר איז „אָמר הקב"ה הביאו כפרה על שמיעטתי את הירח", דען דאָס האָבען דאָך די מענשען מיט זייערע זינד גורם געווען צו מיעוט הירח, וואָרום ווען נישט די מענשליכע זינד וואָלט נישט די לבנה קלענער געוואָרען, נאָר די זון וואָלט גרעסער געוואָרען...

(לחמי תודה)

חג שבעת ימים... (כח. יז.)

אינטערעסאַנט איז דער ספרי אין דער דאָזיגער פרשה: פסח און סוכות, ווייל זיי זענען נישט קיין צייט פון אַרבייט, האָט די תורה געזאָגט,

מאך דיר אַ יום-טוב פון זיעבען טעג און אַ יום-טוב פון אכט טעג, אָבער שבועות, ווייל עס איז דאַן אַ צייט פון אַרבייט, האָט די תורה געהייסען פייערען נור איין טאָג. „מכאן שחסה התורה על זמנן של ישראל"...

תמימים יהיו לכם ונסכיהם... (כח. לא.)

„אף הנסכים יהיו תמימים, למדו רבותינו מכאן שהיין שהעלה קמחין פסול לנסכים" (רש"י)

פאַרוואָס איז די אַזהרה וועגען וויין, אַז „אף הנסכים יהיו תמימים", בעשטעלט געוואָרען נור ביים קרבן פון שבועות און נישט ביי אַלע פריערדיגע קרבנות? — דען אין ב"ב צ"ח ווערט געזאָגט: „יין מבושם אני מוכר לך חייב להעמיד לו עד עצרת", דערויף זאָגט דאָרט דער רשב"ם: „שאז דרכו להתקלקל", ווייל אין שבועות-צייט איז דער שטייגער פון וויין קאַליע צו ווערען, און דעריבער, אַלזאָ, ווערט די אַזהרה פון „תמימים יהיו לכם ונסכיהם" נעגעבען דוקא ביים קרבן פון שבועות...

(העמק דבר)

ביום השמיני עצרת תהיה לכם... (כט. לה.)

אין ספר „מערכת הגדולים" פון ר' אַהרן וואַלדען ווערט דערצעהלט: דער גאון פון אַפּטא האָט אַמאָל געפרעגט ביים גאון מהרא"ז מרגליות פשט אין ירושלמי: „ר' חמא נפק לברייתא חזי דמחללי לעצרתא, אמר למחר אכתוב בפיתקא, אל תקרא עצרת תהיה לכם אלא ת ח י ה לכם". פאַרוואָס איז ער נישט תיכף אַוועק דרשנ'ען דעם דאָזיגען דרש ברבים, נאָר ערשט געוואַרט ביז ער וועט עס מאָרגען אָנשרייבען אין אַ בריעף? דערויף האָט איהם דער גאון מרגליות געענטפערט מיט דער גמרא אין מגילה כ"ד: „אָמר ליה ר' חמא לר"ש בר רבי אלמלי אתה לוי פסול אתה מן הדוכן דעבי קלא את, אָמר ליה לאבוה זיל אימא ליה כשאתה מגיע אצל וחכיתי לד' לא נמצאת מחרף ומגדף", דערויף זאָגט דאָרט רש"י: „שהיה קורא להחתין ההין בראה כאומר והכיתי"... און דעריבער האָט ר' חמא נישט געקענט אינ'ם זעלבען טאָג שבועות דרשנ'ען בעל-פה דעם דרש: „עצרת תהיה לכם — עצרת תחיה לכם", מחמת נישט קענענדיג אַרויסרעדען דייטליך די ח', וואָלט דאָך כסדר ביי איהם אַרויסגעקומען דאָס וואָרט „תהיה" מיט אַ ה'... און דעריבער האט ער געזאָגט: „למחר אכתוב בפיתקא".

מַטּוֹת

איש כי ידור נדר... (ל, ג)

„אין אתה רשאי להשבע בשמי אלא א״כ יהיה בך כל המדות האלה: את ד׳ אלקיך תירא ואותו תעבוד ובשמו תשבע וכו׳״ (מדרש)

אַן׳אָרימער גנב האָט זיך אַמאָל געווענדעט צו זיין שכן, אַן׳אָרימער בעל-מלאכה, און איהם געפרעגט: וואָס איז די מעשה, וואָס איהר, כאָטש איהר זענט נישט קיין קלענערער אָרימאַן פאַר מיר, האָט איהר שוין פונ-דעסטוועגען בעוויזען חתונה צו מאַכען עטליכע קינדער, צו פערזאָרגען זיי מיט נדנים און מיט אויסשטייער, דאַגעגען איך קאָן זיך באין-אופן נישט דערשלאָגען צו קענען חתונה מאַכען כאָטש איינע פון מיינע דערוואַקסענע טעכטער? — טהוט דאָס זעלבע, וואָס איך טהו — ענטפערט איהם דערויף דער בעל-מלאכה — און איהר וועט אויך קענען קומען צו אַ תכלית. איך בין זיך נוהג, אַז בשעת עס ווערט געבוירען ביי מיר אַ קינד, מאַך איך מיר אַ בלעכערנע פושקע, וועלכע איז פון אַלע זייטען פערשלאָסען און האָט בלויז אַן׳אָפּען שפּעלטעל ביי דער זייט און מדי יום ביומו, יעדען טאָג וואַרף איך אַריין אַהין אַ מטבע, פון די אַלע מטבעות זאַמעלט זיך אָן פאַר דער צייט אַ גרויסער סכום, אַזוי אַז בשעת עס קומט די צייט, ווען מען דאַרף מיט דעם קינד אַ שידוך טהון, האָב איך שוין ליגען אַ פאַרטיגען נדן מיט אַלע נויטיגע חתונה-הוצאות.

— פאַר אייך איז דאָס אַ גאַנץ לייכטע זאַך — שמייכעלט טרויעריג דער גנב — איהר, אַז איהר וואַרפט אַריין די מטבעות אין אַ געשלאָסע-נער פושקע, איז עס פאַר אייך אַ בעטאָרעניש, איהר זאָלט זיך די גאַנצע צייט נישט קענען צוריהרען צום געלד... איך אָבער, איך, אַ גנב, פאַר וועלכען עס איז אַ שפּיעלכל אָבצודרעהען פרעמדע שלעסער, די גרעסטע און שווערסטע אייזערנע שלעסער, וואָס פאַר אַן׳עצה און בעוואָרעניש איז פאַר מיר אַ געשלאָסענע בלעכערנע פושקע?...

און דאָס זעלבע איז אויך מיט נדרים ושבועות. „אין אתה רשאי להשבע בשמי אלא א״כ יהיה בך כל המדות האלה״. נדרים ושבועות מעג אויף זיך

נעהמען נור אזעלכער, וועלכער איז א שומר-תורה. אויב ער היט די מצוות, די אלע נדרים וסייגים, וואס די תורה האט פאר איהם אוועקגעשטעלט, וועט ער דעם נדר און די שבועה, דעם אייגענעם גדר, מיט וועלכען ער צוימט זיך ארום, אויך היטען. דער בעל-עבירה׳ניק אבער און בעל-תאוה׳ניק, אויב די הארבע שלעסער פון דער תורה זענען פאר איהם קיין בעווארעניש נישט, וואס פאר א בעווארעניש און וואס פאר א זין האט פאר איהם זיין אייגענער נדר ושבועה?... (דובנער מגיד)

דער „ישועות יעקב" איז אלס יונגעל געווען גערידהמט אין דער גאנצער געגענד אלס עלוי און צו צוועלף יאהר האט מען איהם שוין גערעדט שדוכים. איינמאל קומט צו איהם א „פרובער", א גרויסער חריף, וועלכען א רייכער מחותן האט געשיקט אויסצופרובען איהם אין לערנען. מען שטעלט איהם פאר דעם צוועלף יאהריגען עלוי, וועלכער דערלאנגט איהם „שלום-עליכם" און דער „פרובער" לאזט זיך אריין מיט איהם אין א שמועס.

— א נו — מאכט ער צו איהם — לאמיך הערען, זאג טאקי אויפ׳ן ארט עפיס א פשט׳ל אויף „שלום-עליכם".

דער עולם ארום שטוינט פון דעם מאדנעם פארשלאג, אבער דער עלוי ווערט נישט נתפעל. ער פערקנייטשט א ווייל׳ע דעם שטערען און הויבט אן צו זאגען:

— פארוואס — מאכט ער — איז אייגעפיהרט, אז דער ערשטער זאגט: „שלום עליכם" און דער צווייטער ענטפערט: „עליכם שלום", פארוואס זאל אויך נישט דער צווייטער זאגען מיט׳ן זעלבען לשון, וואס דער ערשטער?

נאר די גמרא זאגט אין נדרים, אז דעריבער דארף מען זאגען: „נדר לד׳", נישט „לד׳ נדר", ווייל „דילמא אמר לד׳ ולא מסיק בדבוריה". פערטייטשען די מפרשים און אזוי זאגט אויך תוספות: „שמא ימות", טאמער וועט ער חלילה נישט בעוויזען צו פערענדיגען דעם דבור, „וקא מפיק שם שמים לבטלה". איז אויב אזוי, פרעגט זיך, ווי אזוי מעג מען זאגען „שלום עליכם"? „שלום", זאגען דאך די חז"ל (שבת י׳), איז שמו של הקב"ה, דארף דאך אויך דערביי זיין דער זעלבער חשש, ווי ביי „לד׳ נדר"?

נאר די גמרא זאגט אין ברכות, אז „המקדים שלום לחברו מאריכין לו ימיו ושנותיו", און אויב אזוי איז דאך שוין נישטא קיין חשש פון שמא ימות...

דאס איז אבער בלויז געזאגט געווארען אויפ׳ן ערשטען, אויפ׳ן „המקדים שלום", דאגעגען ביי׳ם צווייטען, ביי׳ם משיב שלום, וועגען איהם ווערט דאך שוין נישט געזאגט, אז „מאריכין לו ימיו ושנותיו", איז ער דארף שוין טאקי נזהר זיין און זאגען „עליכם שלום", דאסווארט „שלום" צום סוף...

ואשה כי תדור נדר... (ל. ד.)

ביי אַ מאַנספערזאָן ווערט דער דין פון נדרים ושבועות אָבגעֿפטר'ט מיט איין פסוק: „איש כי ידור נדר וכו' ככל היוצא מפיו יעשה" און ער־לעדיגט. דאַגעגען ביי דער פרוי פערנעהמט דער דאָזיגער דין גאַנצע פיער־צעהן פסוקים, אין וועלכע עס ווערען אָנגעוויזען די פערשידענע מעגליכ־קייטען, ווי אַזוי דעם נדר צו אַנולירען, מחמת עס איז גענומען געוואָרען אין אַכט די טבע און כאַראַקטער פון דער פרוי, ביי וועלכע עס איז זעהר לייכט צוצוזאָגען און נאָך לייכטער — חרטה צו האָבען...

(מלאכת מחשבת)

וידבר משה אל העם וכו' לתת נקמת ד' במדין (לא. ג.)

„אעפ"י ששמע שמיתתו תלוי בדבר עשה בשמחה ולא איחר" (רש"י)

פון וואַנען איז די ראַיה, אַז „עשה בשמחה", אפשר האָט ער עס גע־טהון אָהן שמחה, נאָר ווייל ער איז דערצו געצוואונגען געווען, ווייל דער אויבערשטער האָט איהם געהייסען?

די ראַיה איז דערפון, וואָס משה האָט משנה געווען די ווערטער און אַנשטאַט, וואָס השי"ת האָט צו איהם געזאָגט: „נקום נקמת בני ישראל מאת המדינים אחר תאסף אל עמך", האָט ער געזאָגט צי די אידען: „לתת נקמת ד' במדין".

צוליעב וואָס האָט ער משנה געווען? ווייל ווען די אידען וואָלטען געהערט, אַז מען הייסט זיי מלחמה האַלטען מיט מדין צוליעב זייער איי־גענער נקמה, צוליעב „נקמת בני ישראל" און אַז נאָך דער דאָזיגער מלחמה וועט משה שטאַרבען, וואָלטען די אידען זיכער געענטפערט: היות ווי די נקמה איז דאָך פאַר אונזערט וועגען, זענען מיר מוחל דערויף, מיר ווילען נישט נקמה נעהמען אין מדין און מיר ווילען נישט פערלירען משה'ן. האָט משה רבינו זיי דעריבער ערקלערט, אַז די דאָזיגע נקמה איז פאַר'ן אוי־בערשטענס וועגען, „לתת נקמת ד' במדין", און זיי האָבען דעריבער נישט דאָס רעכט דערויף מוותר צו זיין.

און פונדאַנען איז אַלזאָ אַ ראַיה, אַז — „אעפ"י ששמע שמיתתו תלוי בדבר עשה בשמחה"...

(כלי יקר)

„נקום נקמת בני ישראל"...

דערויף ווערט געזאָגט אין ילקוט (אַ קיצור פון דעם דרש ווערט גע־בראַכט אין רש"י דאָ אויפ'ן אָרט): „מה נשתנה מדין ממואב, שנאמר נקום

נקמת בני ישראל מאת המדינים, ובמואב כתיב אל תצר את מואב? אלא שהיה דוד עתיד לצאת מהם, אמר הקב"ה המתינו לי עם מואב, מציאה יש לי ביניהם, ואחרי כן יעשו נקמה בהם, וכן מצינו שכיון שבא דוד מסרם הקב"ה בידו שנאמר ויך את מואב".

לויט'ן דאזיגען מדרש ווערט אלזא פערענטפערט די קשיא פון תוספות (ב"ק ל"ח). תוספות ברענגט דארט די שטעלע פון מדרש רבה פ' ויצא, וואו עס ווערט געזאגט, דאס בשעת דוד האט מלחמה געהאלטען מיט מואב'ן, האבען זיי איהם אנגעוויזען אויפ'ן פסוק אין דער תורה, אין וועלכען עס שטעהט בפירוש: „אל תצר את מואב", אבער דוד האט עס נישט גענומען אין אכט, און תוספות זוכט צו פערענטפערן, פארוואס דוד האט זיך נישט גערעכענט דערמיט.

באמת אבער, לויט'ן אויבען ציטירטען ילקוט, איז די קשיא גאר קיין קשיא נישט, דען דארט ווערט דאך געזאגט גאנץ דייטליך, אז דער פערבאט „אל תצר את מואב" איז געגעבען געווארען נאר אויף א געוויסער צייט, ביז דוד וועט געבוירען ווערען...

(רבי ברוך עפשטיין)

ויקצוף משה על פקודי החיל... (לא. יד.)

משה דער „עניו מכל האדם", דער, וועלכער האט זיך געקלאגט: „עוד מעט וסקלוני", האט פונדעסטוועגען געקענט, בשעת מען האט גע־דארפט, אויך א בייזער טהון זיך... נישט שטענדיג קאן מען מיט'ן עולם אומגעהן מיט עניוות. פארהאן מאמענטען, ווען דער מנהיג דארף קענען אויך א שארףווארט זאגען און א קלאפ טהון אין טיש!...

(אוסם בושם)

וממחצית בני ישראל תקח אחד אחוז מן החמשים... (לא. ל.)

די צאהל פון די אידען אין דער מדבר האט זיך גערעכענט ששים רבוא, זעקס מאל הונדערט טויזענד. אין דער מלחמה געגען מדין האבען זיך בעטייליגט צוועלף טויזענד מאן, ווי עס ווערט געזאגט אין פסוק: „וימסרו מאלפי ישראל אלף למטה שנים עשר אלף חלוצי צבא", דאס הייסט צוויי פראצענט, און דערפאר האט מען זיי געהייסען, אז אויך פון זייער חלק, וואס די אידען וועלען בעקומען פונם שלל, זאלען זיי בעזונדער אראבגעבען צוויי פראצענט — „אחד אחוז מן החמשים"...

(אברבנאל)

האחיכם יבואו למלחמה ואתם תשבו פה... (לב. ו.)

צי דען מיינט איהר, אַז „אחיכם יבואו למלחמה", אַז בעת אייערע ברידער וועלען זיך געפינען אין אַ געפאַהר, איז „ואתם תשבו פה", וועט מען אייך דאָ לאָזען זיצען במנוחה און איהר וועט פון דעם אַלעם גאָרנישט ליידען? — אַ טעות! קוים וועט מען, חלילה, ערגעץ־וואו אָנהויבען שלאָגען אידען, וועט זיך עס אָברופען אויך אויף אייך, וועט מען אויך אייך דאָ נישט שאַנעווען!...

(תפארת יהונתן)

אינ'ם ווינטער פון יאָהר 1095, בשעת עס האָבען זיך אָנגעהויבען די קרייץ-צוגען, האָבען זיך די פראַנצויזישע אידען געוואָנדען מיט אַ בריעף צו זייערע ברידער אין דייטשלאַנד, וועלכע זיי האָבען מעורר געווען מתפלל צו זיין אויף דעם גרויסען אומגליק, וואָס האָט געטראָפען דעם כלל־ישראל, אַנווייזענדיג דערביי, אַז די דאָזיגע געפאַהר דראָהט אויך די דייטשע אידען.

דערויף האָבען די אידען פון דייטשלאַנד אָבגעענטפערט מיט גרויס מיטגעפיהל, אַז געוויס זענען זיי שרעקליך ערשיטערט פון דער פינסטערער בשורה און געוויס וועלען זיי נישט אויפהערען מתפלל צו זיין פאַר זייערע אומגליקליכע פראַנצויזישע ברידער. אָבער וואָס אַנבעלאַנגט — שרייבען זיי ווייטער אין בריעף — זיי, די דייטשע אידען, איז „להם לבני מגנצא (מאַינץ) לא ישימו לב ולא ידאגו להם, כי אין שום סכנה נשקפת להקהלות בגרמניה", זיי, הייסט עס, די דייטשע אידען, וועט גאָרנישט געשעהען, פאַר זיי זאָל מען נישט זאָרגען...

ווי אַזוי עס האָט אָבער אויסגעזעהען די דאָזיגע „זיכערקייט" און וואָס עס האָט פאַסירט מיט די זעלבע דייטשע אידען אין עטליכע געצעהלטע חדשים אַרום — איז פון דער געשיכטע בעקאַנט...

אין מדרש ווערט דערצעהלט (די ערשטע העלפט פונ'ם דאָזיגען מדרש ווערט אויך געברענגט אין תוספות מנחות ל"ז) אַנ'אַגדה, אַז דער אַשמדאַי האָט געבראַכט פאַר שלמה המלך'ן אַ מענש מיט צוויי קעפּ, ביי וועמען דער פאָטער איז געשטאָרבען און ער האָט געדאַרפט נעהמען ירושה און מען איז דעריבער געקומען צו שלמה'ן מיט אַ שאלה, צי מען דאַרף איהם צוליעב די צוויי קעפּ פעררעכענען אַלס צוויי מענשען און עס קומט איהם דאָפּעלטע ירושה, אָדער נישט...

דערויף זאָל שלמה המלך האָבען געענטפערט מיט אַנ'עצה, אַז מען זאָל נעהמען און גיסען אויף איין קאָפּ קאָכעדיג וואַסער, און דאַן וועט די-

זאך קלאָר ווערען: אויב דער צווייטער קאָפּ וועט נישט רעאַגירען אויף דעם וועהטאָג, איז אַ סימן, אַז דאָס זענען צוויי מענשען, אויב אָבער אויך דער צווייטער קאָפּ וועט אָנהויבען שרייען — איז דערפון אַ בעוויז, אַז עס איז איין מענש...

די דאָזיגע עצה איז אויך פאַר אידען מאַסגעבענד. אויך דער אָרגאַניזם פון אידישען פאָלק פערמאָגט אַ סך קעפּ, וואָס אין פלוג מאַכען זיי דעם איינדרוק, ווי זיי וואָלטען צווישען זיך קיין שום געמיינזאַמעס נישט געהאַט. יעדער פון די דאָזיגע קעפּ דענקט אַנדערש. איינער רעדט נאָר דייטש, דער צווייטער רק ענגליש, דער דריטער נאָר פראַנצויזיש, און גאַנץ אָפּט זיצט מען אַלזאָ ביי אונז און מען פּלפּול'ט זיך, צי געהערען די אַלע קעפּ צו איין קערפּער, צי זענען אידען אַן'איינהייטליכע נאַציאָן, אָדער נישט.

די אַלע פּלפּולים ווערען אָבער מאָמענטאַל פערשוואונדען, בשעת מען נעהמט גיסען אויף איין קאָפּ קאָכעדיג וואַסער. אַלע איבריגע קעפּ הויבען דאַן אָן אינסטינקטיוו צו רעאַגירען און צו פיהלען דעם וועהטאָג, אַלע הויבען זיי דאַן אָן מורא'דיג צו שרייען, וואָס עס בעווייזט, אַז די אַלע קעפּ זענען צווישען זיך געגענזייטיג פערבונדען, אַז זיי זענען אברים פון איין קערפּער, פון איין אומה...

(הגיונות אל עמי)

ויאמר בני גד ובני ראובן וכו׳ עבדיך יעשו כאשר אדני מצוה... (לב. כה.)

מערקווירדיג! אין דער גאַנצער תורה געפינען מיר נישט, אַז דאָס פאָלק זאָל האָבען גערעדט צו משה'ן מיט אַזאַ דרך-ארץ און איהם רופען מיט'ן טיטול „אדוני" (אויסער זיין תלמיד, יהושע, וועלכער האָט געזאָגט: „אדוני משה כלאם"), נישט קוקענדיג דערויף, וואָס ער האָט זיי פון עבדות בעפרייט און אַזויפיעל נסים בעוויזען. ערשט נאָכ'ן איינגעהמען דעם עבר-הירדן, צוטרעטענדיג צום פערטיילען און צום בעזעצען די אידען אויפ'ן לאַנד, ערשט דאַמאָלס האָבען זיי מיטאַמאָל פאַר איהם גרויס אַכטונג בעקומען און צום ערשטען מאָל איהם אָנערקענט אַלס „אָדון" — „עבדיך יעשו כאשר אדני מצוה"...

(משה קאַטט)

ואם לא יעברו חלוצים אתכם ונאחזו בתוככם בארץ כנען... (לב. ל.)

וואָס איז עס פאַר אַן'עונש, אַז אויב זיי וועלען נישט פאָלגען, וועלען

זיי איבערגעפיהרט ווערען און בעקומען באָדען אין ארץ-כנען, צוזאַמען מיט אַלע איבריגע אידען ?..

נאָר געדראָהט האָט מען זיי באמת מיט אַ גאַנץ אַנדערען עונש. אין די נמוסי המדינות איז אָנגענומען, אַז אויב אַ מיליטערישער רעגימענט צו־בונטעוועט זיך, ווערט ער פונאַנדערגעלאָזט און אויסגעמישט צווישען פער־שידענע אַנדערע רעגימענטען. און מיט'ן זעלבען האָט מען אויך געדראָהט די בני גד ובני ראובן: „ואם לא יעברו חלוצים אתכם — ונאחזו בתוככם בארץ כנען", וועלען זיי אַלס שטראָף אויפהערען צו עקזיסטירען אַלס בעזונ־דערע שבטים, ווערענדיג פונאַנדערגעטיילט „בתוככם", צווישען אַלע אַנדערע שבטים...

(מהר"ש לאניידו)

מַסְעֵי

ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם וכו׳ ואלה מסעיהם למוצאיהם... (לג. ב.)

די מפרשים בעמיהען זיך צו פערשטעהן די בעדייטונג פון דאָזיגען פסוק, דען געוועהנליך טייטשט מען, אַז „מוצאיהם״ איז דער פשט: די ערטער, פון וואַנען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, און אויב אַזוי וואָלט דאָך ריכטיג געדאַרפט שטעהן: „תוצאותיהם״, ווי עס ווערט געזאָגט, למשל, אין ווייטערען פסוק: „והיו תוצאותיו מנגב״ (לד. ד.)... גיכער אָבער איז אָנצו-נעהמען, אַז דאָס וואָרט „מוצאיהם״ האָט דאָ נישט די בעדייטונג פון שרש „יצא״ (אַרויסגעהן), נאָר פון „מצא״, וואָס בעדייט אָפט: פּאַסירונגען, פאַר-פאַלען, מאורעות, ווי: „ומצאוהו רעות רבות״ (פ׳ וילך), „ויספרו לו את כל המוצאות אותם״ (יהושע ב׳), „צר ומצוק מצאוני״ (תהלים קי״ט) א. אַ. וו. און „מוצאיהם למסעיהם״ איז דער פשט: די אַלע פּאַסירונגען און פאַרפאַלען, וואָס עס האָט מיט זיי געטראָפען אויף זייער לאַנגען רייזע-וועג פון מצרים, און דאָס זעלבע אויך: „מסעיהם למוצאיהם״, די רייזעס לויט די פּאַסירונגען.

(רבי ברוך עפשטיין)

ממחרת הפסח יצאו בני ישראל ביד רמה לעיני כל מצרים... (לג. ג.)

„ממחרת הפסח״ — צומאָרגענס, אין פינפצעהנטען ניסן, אום יום-טוב, זענען די אידען אַרויס פון מצרים. בלויז דעם קרבן-פסח האָבען זיי מקריב געווען, אָבער דעם יום-טוב אַליין זענען זיי נאָך דאַמאָלס נישט מחויב גע-ווען צו היטען, נאָר ערשט שפּעטער, לדורות... מיט׳ן נאָמען „פסח״ ווערט דעריבער גערופען נור דער פיערצעהנטער טאָג, ערב פסח, און די נאַכט פון פינפצעהנטען טאָג (דען ביי קדשים ווערט די נאַכט צוגערעכענט צום פאַרגאַנגענעם טאָג), דאַגעגען פון פינפצעהנטען טאָג אָן הייסט שוין דער יום-טוב — „חג המצות״...

(הנ״ל)

לשכים בעיניכם ולצנינים בצדיכם... (לג. נה.)

פערשיעדען זענען די שונאי-ישראל און פערשיעדען זענען די פאָרמען און מעטאָדען פון זייער שנאה צו אידען. פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס „לשכים בעיניכם", וואָס זייער שנאה צו אידען איז אַנ'אָפענע און וואָרפט זיך אַלע־מען אין די אויגען, און פאַרהאַן אויך אַזעלכע, וועלכע זענען בבחינת „לצנינים בצדיכם", וואָס אויסערליך זענען זיי מכלומרשט זעהר ליבעראַל, זעהר העפליך און איידעל, שלאָגענדיג דעם אידען מיט זיידענע הענדשקעס, אין דער שטיל, מן הצד, הינטערוויילעכטס...

(ארונו של יוסף)

והקריתם לכם ערים, ערי מקלט תהיינה לכם (לה. יא.)

דעריבער ווערט דער הורג נפש בשוגג פערפליכטעט צו אַנטלויפען אין די ערי-מקלט, ווייל אויך דאָס איז אַ מין טוידט-אורטייל אין אַ לייכ־טערער פאָרם. דער צער פון גלות, וואו דער מענש ווערט איזאָלירט און דערווייטערט פון זיין היים, סביבה און פריינד, פערברענגענדיג זיין לעבען צווישען פרעמדע, איז כמעט עהנליך צום צער פון מיתה...

(ספר החינוך)

כי בעיר מקלטו ישב עד מות הכהן הגדול... (לה. כח.)

לויט דער ערקלערונג פון רמב"ם אין מורה-נבוכים, איז דער טעם פון די ערי-מקלט, כדי דער רוצח זאָל זיך נישט וואַרפען אין די אויגען פון גואל-הדם, וועלכער קאָן אַמאָל נישט אימשטאַנד זיין צו בעהערשען זיין פערביטערונג, נישט אונטערשיידענדיג מתוך-כעס בין שוגג למזיד. בשעת אָבער עס שטאַרבט דער כהן-גדול, דער חשוב'סטער מענש ביי אידען, איז דאָס עלול צו ווירקען אויפ'ן גואל-הדם, עס זאָל אין איהם געשטילט ווערען דער כעס צוליעב זיין ערמאָרדעטען קרוב. דען אַזוי איז שוין די טבע ביי מענשען: יעדעס ניי און וויכטיג געשעהעניש מאַכט פערגעסען דאָס פריהער־דיגע, עלטערע געשעהעניש, יעדער גרויסער צער בעזייטיגט דעם קלענערען צער, כעס ווערט איינגעשטילט דורך טרויער און—„צרת רבים חצי נחמה"...

ולא תחניפו את הארץ וכו' כי הדם הוא יחניף את הארץ... (לה. לג.)

אין ספר „באר יצחק" פון רבי יצחק טאָרטשינער געפינען מיר אויפ'ן דאָזיגען פסוק פאָלגענדע זעהר כאַראַקטעריסטישע ווערטער:

„ולא תחניפו את הארץ״, איהר זאלט נישט חנפה׳נען דאס לאנד בעת א מארד, איהר זאלט גישט מכסה זיין דעם מארד צוליעב דעם, ווייל דאס איז געשעהען אין ארץ-ישראל... קיין שום חניפה טאר דערביי נישט אנגעווענדעט ווערען!״... וד״ל.

ולא תסוב נחלה לבני ישראל ממטה אל מטה (לו. ז.)

דערויף ווערט געזאגט אין מדרש: „דוגמא לדבר שמור את יום השבת״.

דער דאזיגער מאמר איז ביי אלעמען אנגענומען אלס א מדרש פליאה און עס האט קיין שיעור נישט צו די פשטים און פשט׳לעך, וואס ווערען דערויף געגעבען. באמת אבער איז עס גאנץ איינפאך. אין מכילתא פ׳ יתרו ווערט געזאגט: „זכור ושמור בדבור אחד נאמרו, וכל בת יורשת ולא תסוב נחלה בדבור אחד נאמרו״.

און דאס איז אויך די כונה דא פון מדרש...

(דברי גאונים)

ותהיינה מחלה תרצה וחגלה ומלכה ונועה... (לו. יא.)

„כאן מנאן לפי גדולתן זו מזו בשנים ונשאו כסדר תולדותן, ובכל המקרא מנאן לפי חכמתן, ומגיד ששקולות זו כזו״ (רש״י)

אין דער גמרא (ב״ב ק׳ כ) זענען פארהאן וועגען דעם צוויי מיינונגען. איין מיינונג איז: „מנאן הכתוב דרך גדולתן וכאן דרך חכמתן״, און די צווייטע מיינונג: „תנא דבי רבי ישמעאל בנות צלפחד שקולות היו״. רש״י אבער, ווי מיר זעהען, האט דיביידע מיינונגען פאראייניגט אין איין דרש.

(כנסת הגדולה)

ספר דברים

דְבָרִים

אַחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר וכו׳ (א. ב.)

דערויף ווערט געזאָגט אין אבן-עזרא: „ואם תבין סוד השנים עשר גם ויכתוב משה והכנעני אָז בארץ בהר ד׳ יראה גם והנה ערשו ערש ברזל תכיר האמת״.

פערשידענע פירושים ווערען געגעבען אויפ׳ן דאָזיגען אין פלוג אונ-פערשטענדליכען אבן-עזרא, אַמריכטיגסטען אָבער זעהט אויס צו זיין די ערקלערונג פון „מקור-חיים״ און נעמליך: דער אבן-עזרא וויל דערמיט זאָגען, אַז די דאָזיגע פסוקים האָט משה נישט געשריבען מדעת עצמו, נאָר זיי זענען איהם דיקטירט געוואָרען בדרך-נבואה, אַלס זכרון פאַר די שפּעטער-דיגע צייטען, דען ער אַליין, בשעת ער האָט גערעדט מיט די אידען, האָט דאָך כלל נישט געדאַרפט אָנווייזען, וואו דאָס דאָזיגע אָרט געפינט זיך און אָנצוגעבען סימניט: „מול סוף, בין פארן ובין תופל, ולבן וחצרות וכו׳״, זיי זענען דאָך געשטאַנען דאַן אויפ׳ן אָרט און זיי האָבען דאָך געוואוסט, וואו ס׳געפינט זיך... אַלס ביישפּיעל און ראַיה דערצו ברענגט דעריבער דער אבן-עזרא אַ גאַנצע רייהע פסוקים פון דער תורה, וועלכע זענען דיקטירט געוואָרען בדרך-נבואה, ווי, למשל, „סוד השנים עשר״, די לעצטע צוועלף פסוקים פון דער תורה, פון „ויעל משה מערבות מואב״ ביז „לעיני כל ישראל״; דער פסוק אין פ׳ וילך „ויכתוב משה את התורה הזאת״; דער פסוק אין פ׳ לך „והכנעני אָז בארץ״, דאָס וואָרט „אָז״ איז דאָך משמע, אַז איצט איז דער כנעני נישטאָ מעהר אין לאַנד, ווערענד אויך דאַן, אין משה׳ס צייטען, ווען די דאָזיגע ווערטער זענען געשריבען געוואָרען, האָט זיך דער כנעני נאָך געפינען אין ארץ-ישראל; דער פסוק אין חיי שרה „בהר ד׳ יראה״, דאָס הייסט, אַז אויפ׳ן דאָזיגען באַרג איז געבויט געוואָרען דאָס בית-המקדש, און דעמאָלס איז דאָך נאָך קיין בית-המקדש נישט געווען; דער וויטערער פסוק אין דברים „הנה ערשו ערש ברזל הלה היא ברבת בני עמון״, און באמת איז דאָך רבת בני עמון איינגענומען געוואָרען ערשט אין די צייטען פון דוד, דורך יואב בן צרויה... דאָס אַלץ, אַלזאָ, בעווייזט,

אז געוויסע שטעלען אין דער תורה זענען געשריבען געוואָרען ברוח-נבואה אויף שפעטער.

ויהי בארבעים שנה בעשתי עשר חדש... (א. ג.)

„מלמד שלא הוכיחן אלא סמוך למיתה" (רש"י)

אינ'ם דאָזיגען מאָמענט, בשעת דער מענש איז סמוך למיתה, האָט זיין מוסר די שטאַרקסטע ווירקונג, דען דאַמאָלס האָט ער מעהר נישט קיין שום פערזענליכע נגיעות און פניות, דאַמאָלס קאָן מען איהם מעהר אין קיין שום זאַך נישט חושד זיין...

(דברים נחמדים)

דער בעקאַנטער מוכיח, רבי יהודה סאַטמאַרער, פלעגט זעהר שטאַרק מוסר'ן דעם עולם. איינמאָל האָט ער געהאַלטען אַ פייערדיגע דרשה, אין וועלכער ער האָט געגאָסען אויף די צוהערער ממש פעך און שוועבעל, שטראָפענדיג זיי מיט די שאַרפסטע ווערטער.

אין מיטען דער דרשה שטעלט ער זיך אָב און מאַכט צום עולם:

— מיינט נישט, רבותי, אז כ'זאָג דאָס אַלץ פאַר אייך. באמת מיין איך דערמיט זיך אַליין, נאָר היות, ווי איך ווייס, אז איהר זענט נישט בעסער פאַר מיר, זאָג איך עס אַ ביסעל העכער, כדי איהר זאָלט אויך הערען.

איינער פון די סאַמע שטרענגסטע מגידים און מוכיחים איז געווען, ווי בעקאַנט, דער קעלמער מגיד, רבי משה יצחק, וועלכער פלעגט אין זיינע דרשות שעלטען די אפיקורסים און בעלי-עבירה ממש מיט טויטע קללות.

איינמאָל, דערצעהלט מען, איז ער געקומען קיין דובעלן, אַ קור-אָרט נעבען ריגע, וואוהין די ריגער איהען קומען זומער-צייט זיך באָדען אין ים. אריינקומענדיג שבת אין שוהל, האָט דער קעלמער בעמערקט, ווי פיעל מתפללים, קור-געסט, דאַווענען אָהן טליתים, מחמת אַוועקלאָזענדיג זיך שבת אין דער פריה אויפ'ן שפאַציר, פוילען זיי זיך מיטצוטראָגען מיט זיך די טליתים.

געהט ער אַרויף אויפ'ן בעלעמער און ווענדעט זיך צום עולם:

— הערט זיך איין — מאַכט ער — רבותי, וועל איך אייך דערצעהלען אַ מעשה:

— אַמאָל בין איך געווען שבת אין ריגע, געה איך אריין צו אַ בעל-הבית, זאָגט מען מיר, אַז ער איז נישטאָ אין דער היים.

— וואו איז ער? — פרעג איך.

— אַוועקגעפאָהרען — ענטפערט מען מיר — קיין דובעלן.

פליצים הער איך פון אַ זייטיגען חדר אַ גרויס געוויין. כ׳געה אריין אין חדר — קיינער איז נישטאָ, נאָר אויף דער וואַנד הענגט אַ טלית-זאַק און פון דעם טלית הערט זיך דאָס געוויין.

— טלית, טלית — פרעג איך איהם — וואָס וויינסטו?

— ס׳טייטש — זאָגט דער טלית — ווי אַזוי זאָל איך נישט וויינען, אַז מיין בעל-הבית איז אַוועקגעפאָהרען קיין דובעלן, האָט ער מיטגענומען מיט זיך דאָס גאָלד מיט׳ן זילבער און בלויז מיך האָט ער איבערגעלאָזען...

האָב איך בערוהיגט דעם טלית און איהם געענטפערט:

— וויין נישט, טלית, וויין נישט... עס וועט דערפאַר אַמאָל קומען אַ טאָג, ווען דער בעל-הבית דיינער וועט מאַכען אַ פיעל וויטערע נסיעה, ווי קיין דובעלן, און דאַמאָלס וועט ער איבערלאָזען דאָס גאַנצע גאָלד מיט׳ן זילבער אין דער היים, און נאָר דיך אַליין וועט ער מיטנעהמען...

דער רב פון אָפּאָלא (אונגאַרן), רבי עמרם, איז געווען בעקאַנט אַלס שאַרפער מוכיח, וועלכער פלעגט די קהלה נישט קאַרגען קיין מוסר, קיינעם פון זיי נישט נושא-פנים זיין, צוליעב וואָס די בעלי-בתים, איבערהויפּט די נגידים, פלעגען האָבען אויף איהם גרויס תרעומות, און בשעת ער האָט זיך איינמאָל געווענדעט צו די ראשי-הקהלה און געבעטען אַ הוספה אויף די שכירות, האָבען זיי איהם אָבגעזאָגט.

— איצט — רופט זיך אָן צו זיי רבי עמרם, בעקומענדיג דעם אָבזאָג — איז מיר אַראָב אַ שטיין פון האַרצען. כל-ימי, זינט איך בין ביי אייך רב, האָב איך זיך מצער געווען, הלמאַי מיינע דרשות האָבען נישט קיין שום פעולה אויף אייך און איהר ווערט אויף אַ האָר נישט בעסער. מיר האָבען דאָך אַ כלל, אַז „דברים היוצאים מן הלב נכנסים אל הלב”, איז דאָך נישט אַנדערש, נאָר אַז מיינע ווערטער זענען נישט קיין יוצאים מן הלב, אַז זיי זענען נישט ריין פון פניות און דעריבער זיי נישט נכנסים אל הלב, האָבען זיי אויף אייך קיין ווירקונג נישט.

אַזוי פלעג איך זיך די גאַנצע צייט טראַכטען; איצט אָבער, בעת איך האָב אייך געבעטען אַ הוספה, וואָס דאָס איז דאָך שוין געוויס געווען דברים היוצאים מן הלב, דאָס האָב איך דאָך זיכער געמיינט מיט׳ן גאַנצען האַר-צען, און דאָך האָט דאָס אויך נישט געווירקט אויף אייך, איז מיר דאָס געוויסען געוואָרען אַ ביסעל רוהיגער, מחמת איצט זעה איך דאָך שוין, אַז די שולד איז נישט אין מיר...

(קעת זקנים)

אין קליוולאַנד איז געווען אַ רב, רבי יעקב פראמער, וועלכער האָט געהאַט גרויסע מחלוקת מיט די בעלי-בתים און איינמאָל, בשעת ער האָט זיך מיט זיי שאַרף צעווערטעלט, האָבּען זיי פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל זיך אָבזאָגען פון כסא-רבנות. דערהערענדיג די דאָזיגע חוצפה׳דיגע פאָדערונג איז רבי יעקב אַרויף אויף דער בימה און אויסגעשריען צום עולם:

— הערט זיך איין, רבותי. איהר זאָלט וויסען איינמאָל פאַר אַלע מאָל, אַז איך בין קליוולענדער רב און קליוולאַנד איז מיין שטאָדט. זענט איהר מרוצה דערויף — קענט איהר אויך זיין קליוולענדער בעלי-בתים, אלא נישט — קענט איהר אייך געהן פון דאַנען געזונטערהייד. איך האַלט אייך דאָ נישט...

(די וועלט דערצעהלט)

אַחרי הכותו את סיחון... (א. ד.)

פריהער וואָלטען די אידען פון זיינע מוסר-ווערטער נישט איבריג נתפעל געוואָרען. עט — וואָלטען זיי איראָניש געשמייכעלט — אַ מאַלע וואָס ער רעדט דאָרט, דער מלמד, דער בטלן... אָבער „אחרי הכותו את סיחון״, נאָכדעם ווי ער האָט בעוויזען אָבצוהאַלטען אַזאַ גרויסען מיליטערישען נצחון אויפ׳ן שלאַכט-פעלד, האָבען זיי פאַר איהם גאַר אַנ׳אַנדערען דרך-ארץ בעקומען און גאָר אַנדערש זיך צוגעהערט צו זיינע מוסר-רייד. אַ איד, וואָס קאָן שלאָגען סיחונ׳ען — אָט דאָס איז שוין גאָר עפּיס אַנדערש...

והנכם היום ככוכבי השמים לרוב... (א. י.)

„מה הכוכבים — ווערט געזאָגט אין מדרש (במדבר רבה כ׳) — חולקים כבוד זה לזה ושלום ביניהם, כך הצדיקים״.

און אויך די דאָזיגע ווערטער געהערען אַלזאָ צו די דברי-תוכחה. „והנכם היום — האָט זיי משה רבינו גע׳מוסר׳ט — ככוכבי השמים לרוב״, געגליכען זענט איהר צו די שטערען בלויז מיט איין זאַך — „לרוב״, אָבער נישט מיט דער צווייטער מדה פון די כוכבי השמים, מיט דער מדה פון — „ושלום ביניהם״...

(פנינים יקרים)

צו די שטערען זענט איהר, אידען, געגליכען. פונקט ווי די שטערען איז יעדער איינער פון אייך אַ גאַנצע וועלט, אַ בעזונדערע וועלט... און

אויב אַזוי — „איכה אשא לבדי״, ווי איז עס אַ יחיד אימשטאַנד אַנ׳צַצה צו געבען זיך מיט ששים רבוא ווּעלטען...

(משה אהרן)

הבו לכם אַנשים חכמים ונבונים... (א. יג.)

„אנשים — צדיקים, חכמים — כסופים, ונבונים — מבינים דבר מתוך דבר״ (רש״י)

צי איז נישט אין דער רש״י דאָ אַריינגעפאַלען עפּעס אַ טעות-הדפוס? דען אין ספרי, פון וואַנען דער דאָזיגער דרש איז גענומען, איז דער נוסח אַנדערש און נעמליך: „אַנשים — צדיקים כסופים, חכמים — כמשמעו, ונבונים — מבינים דבר מתוך דבר״.

(מאיר סאָקאָל)

הבו לכם אַנשים וכו׳ ואַשימם בראשיכם...

אין תחילת האָט זיי משה רבינו פאָרגעלעגט: „הבו לכם אנשים״, זיי זאָלען אַליין מאַכען וואַהלען און אַליין אויסקלויבען די פּאַסענדע מנהיגים. ביי אידען אָבער, געהען, ליידער, נישט צו אַזעלכע זאַכען אַזוי לייכט. ווי נור וואַהלען — אַזוי צופלאַקערט זיך אַ פייער פון מורא׳דיגע מחלוקת און אינטריגעס, און ער האָט לסוף קיין אַנדערע ברירה נישט געהאַט, נאָר — „ואקח את ראשי שבטיכם״, אַליין מאַכען וואַהלען און אַליין קלויבען...

(כלי חמדה)

דער זנב פון אַ שלאַנג האָט זיך אַמאָל געווענדעט צום קאָפּ און געזאָגט: פאַרוואָס עפּיס זאָלסט דו שטענדיג געהן פאָראויס און איך פון הינטען? איך וויל געהן פאָראויס. ענטפערט איהם דער קאָפּ: אַדרבה, געה! איז דער זנב געגאַנגען פאָראויס און אָט איז די שלאַנג אַריינגעשליידערט געוואָרען אין אַ גרוב מיט וואַסער, אָט איז זי אַריינגעפאַלען אין אַ פייער, אָט האָט זי זיך פערפלאָנטערט צווישען דערנער. ווער האָט גורם געווען דערצו? דאָס, וואָס דער קאָפּ האָט זיך געלאָזט פיהרען פונ׳ם זנב. „הבו לכם אַנשים חכמים ונבונים וכו׳ ואשימם בראשיכם״, זיי זאָלען געהן בראש, פאָראויס! די קטנים זאָלען פאָלגען און נאָכגעהן נאָך די גדולים און נישט פערקעהרט!...

(מדרש רבה)

ואקח את ראשי שבטיכם אַנשים חכמים... (א. יד.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי אייזיל סלאָנימער:

— וויפיעל פראַצענט חכמים פערמאַגט, לויט אייער מיינונג, דאָס אידישע פאָלק?

— נישט וועניגער — האָט ער גלייך געענטפערט — פון צעהן פראַצענט.

— פון וואַנען נעהמט איהר עס?

— פון די „שרי עשרות". משה רבינו אַליין זאָגט עדות, אַז גענומען האָט ער לויטער חכמים און זיי געמאַכט פאַר שרי-עשרות. הייסט דאָך עס, אַז יעדער צעהנטער איד איז אַ חכם...

— און וויפיעל פראַצענט שוטים — האָט מען איהם ווייטער גע-פרעגט — געפינען זיך ביי אידען?

— כ'מיין, אַז אויך נישט וועניגער פון צעהן פראַצענט.

— פונוואַנען נעהמט איהר עס?

— גאַר פשוט, פון די חזנים. יעטוועדער מנין האָט דאָך אַ חזן...

ושפטתם צדק בין איש ובין אחיו ובין גרו... (א. טז.)

צום לאַדזער רב, רבי אליהו חיים, איז אַמאָל געקומען אַ גוי און גע-בעטען, אַז ער וויל רעדען מיט'ן „פאַן ראַבין" אונטער פיער אויגען. רבי אליהו חיים איז מיט איהם אַריין אין אַ חדר-מיוחד און דאַן פערטרויט איהם דער גוי אַזאַ מעשה:

אַליין — דערצעהלט ער — איז ער אַ לאַדזער און וואוינט אויפ'ן באַלוט. ער איז געווען פערמישט אין דער „פאַווסטאַניע", האַלטענדיג דאַן די קאַסע פון גאַנצען געגענד. אַז די פאַווסטאַניע איז דערשטיקט געוואָרען, איז געבליבען ביי איהם געלד אַרום אַכציג טויזענד רובעל. דאָס געלד האָט ער בעגראָבען אין קעלער פון הויז, וואו ער וואוינט, אָבגעהיטען עס ווי אַנ'אויג אין קאָפּ און קיין בן-אָדם האָט דערפון נישט געוואוסט. פון צייט צו צייט פלעגט ער אין מיטען דער נאַכט איינער אַליין אַראָבגעהן אין קעלער און דאָס געלד איבערצעהלען. אַזוי איז אַוועק אַ צייט מיט יאָהרען. אַנומעלט אָבער, ער געהט אַראָב אין קעלער — דאָס געלד איז נישטאָ! ער האָט גענומען וויינען, שרייען, געריסען זיך די האָר פון קאָפּ, שכנים זענען זיך צונויפגעלאָפען, אָבער קיינער קאָן איהם נישט העלפען — דאָס געלד איז נישטאָ!

— האָט איהר — פרעגט איהם רבי אליהו חיים — אַ חשד אויף עמיצען?

— כ'ווייס אַליין נישט, פאַניע ראַבין. די מעשה איז אַזוי: מיט מיר אין איין הויז וואוינט אַ איד, אַ סטאָלאַר, אַנ'אָרימער בעל-מלאכה, תמיד

האָט ער געלעבט אין גרויס נויט, אָבער זינט אַ צייט אַהער איז דער סטאָ־לאַר אויפגעריכט געוואָרען און אָנגעהויבען לעבען מעשׂת גביר, און אַז די שכנים פרעגען איהם, פון וואַנען ער איז רייך געוואָרען, ענטפערט ער, אַז זיין ווייב׳ס אַנ׳עלטער־פעטער איז געשטאָרבען אין לאָנדאָן און איהם אי־בערגעלאָזען אַ גרויסע ירושה... צי איז דאָס ריכטיג, אָדער נישט, ווייס איך נישט.

רבי אלי׳ חיים הייסט דעם גוי קומען אין אַ טאָג אַרום און דאַן לאָזט ער גלייך רופען צו זיך דעם סטאָלאַר.

— כ׳האָב געהערט — מאַכט צו איהם רבי אלי׳ חיים — אַז איהר זענט אויפגעריכט געוואָרען, געוואָרען אַהן ע״ה אַנ׳עושר, איז פאַרוואָס זאָל אַזאַ איד ווי איהר נישט אַמאָל אַריינקומען צו מיר געבען אַ נדבה אויף אַ דבר־שבצדקה?

— געטראָפען, רבי, ס׳איז מיר גאָר פון זינען אַרויס, אַדרבה, רבי, כ׳וועל זיך אודאי נישט אָבזאָגען.

— איז עפּעס אייער פעטער — פרעגט איהם ווייטער רבי אלי׳ חיים — געווען אַ גרויסער עושר?

— יאָ — ענטפערט דער סטאָלאַר — אַ גרויסער אדיר...

— האָט ער עפּעס געלאָזען נאָך זיך יורשים?

דער סטאָלאַר פּלאָנטערט עפּעס מיט דער צונג, פון וואָס רבי אלי׳ חיים פערשטעהט, אַז די מעשה מיט דער ירושה איז נישט אַזוי גלאַטיג.

— הערט זיך איין — מאַכט צו איהם רבי אלי׳ חיים שטילערהייד — כ׳האָב אייך געשיקט רופען פון אייער טובה וועגען, אייך מציל זיין פון אַן אומגליק. מען האָט מיר פערטרויט, אַז איהר צאָהלט מיט פאַלש געלד, איהר ווייסט דאָך מיט וואָס אַזאַ זאַך שמעקט...

ווערט דער איד בלייך ווי קאַלך. עס איז איהם איצט קלאָר געוואָרען, אַז דער דאָזיגער סודות׳דיגער גוי, דער שכן זיינער, איז עוסק אין מאַכען פאַלש געלד, און דערפאַר בעהאַלט ער זיך עס אַזוי שטענדיג אין קעלער...

— רבי — הויבט ער אָן ציטערען — כ׳וועל אייך זאָגען דעם גאַנצען אמת. דאָס געלד האָב איך געפונען בעגראָבען אין קעלער פון הויז, וואו איך וואוין. שפּעטער בין איך געוואָהר געוואָרען, אַז אַ גוי, אַ שכן האָט עס בעגראָבען. ווער זאָל זיך ריכטען, אַז ער מאַכט פאַלש געלד?

— לויפט שוין אַהיים — וואָרענט איהם דער רב — און ברענגט אַהער דאָס גאַנצע געלד, וואָס איהר האָט נאָך ביי זיך.

דער סטאָלאַר האָט געפאָלגט און ברענגענדיג דאָס גאַנצע פּעקעל געלד, האָט עס רבי אלי׳ חיים פון איהם צוגענומען און געזאָגט:

— מהיום והלאָה, ר׳ איד, זאָלט איהר וויסען, אַז מען טאָר נישט

געהמען קיין פרעמדס. דאָס געלד איז טאַקי אמת'ע געלד, אָבער — עס איז נישט אייערס.

און אויף צומאָרגענס האָט דער גוי צוריק בעקומען זיין געלד...

(די וועלט דערצעהלט)

אַתם עוברים בגבול אחיכם בני עשו... (ב. ד.)

„אתם עוברים — אבל בני עשו יושבים"... (ילקוט)

יעקב און עשו האָבען זיך אייגעטיילט מיטביידע וועלטען. עשו האָט זיך גענומען עולם-הזה און יעקב — עולם-הבא. די בני-עשו זענען „יושבים", איינגעזעסענע, פולבערעכטיגטע בירגער אויף דער וועלט. מיר אָבער, די בני-יעקב, זענען נאָר עוברים, דורכוואַנדערער, מיר האָבען בלויז אויף דער דאָ-זיגער וועלט טראַנזיט-וויזעס, און דעריבער — „אַל תתגרו בם", וואָרום די וועלט איז לײדער זייערע, זיי זענען די בעלי-בתים...

(אמרי שפר)

וָאֶתְחַנַּן

רב לך אל תוסף דבר אלי... (ג. כו.)

צוויי שבועות — האָט הקב״ה געזאָגט צו משה׳ן — האָב איך געשוואוירען, אָדער דו זאָלסט שטאַרבען, אָדער ישראל זאָל פערטיליגט ווערען.ביידע שבועות מבטל זיין איז אונמעגליך. אויב דו ווילסט לעבען — מוז דאַן ישראל אומקומען. דערויף האָט משה געענטפערט: „יאבד משה ואלף כמותו ואל יאבד אחד מישראל״!...

(תנחומא)

לא תוסיפו על הדבר וכו׳ ולא תגרעו ממנו... (ד. ב.)

די תורה איז אַ סם-של-חיים, אַ רעצעפּט, וואָס ווירקט אָבצוטרייבען פון׳ם מענש און אויסצורייניגען פון איהם אַלדאָס שלעכטס, און דעריבער — „לא תוסיפו וכו׳ ולא תגרעו״, אַ רעצעפּט מוז גענומען ווערען אין דער גענויער מאָס, ווי זי איז פערשריבען. אַ קלענערע דאָזע העלפט נישט און אַ גרעסערע דאָזע — איז שעדליך...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

דער דובנער מגיד ערקלערט עס עפּ״י משל:

אַ איד קומט אַריין צו זיין שכן באָרגען אַ לעפעל, צומאָרגענס ברענגט ער איהם אָב צוויי. — איך האָב דאָך אייך נאָר געבאָרגט איין לעפעל?! — וואונדערט זיך דער שכן. — פערשטעהט איהר מיך — ענטפערט איהם יענער — אייער לעפעל איז געווען מעוברת און האָט ביי מיר געבוירען אַ צווייטען לעפעל...

זעהט דער שכן, אַז ער האָט דאָ צו טהון מיט אַ חסר-דעה ר״ל און ער נעהמט-צו ביי איהם ביידע לעפעל.

צומאָרגענס קומט ער אַריין צו איהם באָרגען אַנ׳אַנדער חפץ און ווידער ברענגט ער איהם אָב צוויי, און אַזוי כסדר...

לימים קומט ער אריין בעטען, ער זאָל איהם באָרגען די זילבערנע לייכטער. טראַכט זיך דער שכן: איצט וועט מיר דער מטורף אודאי אָב-ברענגען צוויי פּאָר זילבערנע לייכטער... און ער האָט איהם געגעבען בתשואות-חן.

געהט אַריבער אַ טאָג, צוויי, מען זעהט נישט צוריק דעם איד מיט די לייכטער. לויפט ער אַריין צו איהם מיט אַ געוואַלד: היתכן? וואו זענען מיינע לייכטער?

— אייערע לייכטער — ענטפערט איהם דער איד געלאַסען, מיט אַ קרעכץ — זענען לא-עלינו געשטאָרבען...

— משוגענער! חסר-דעה! — הויבט דער שכן אָן צו שרייען — ווי איז מעגליך, אַז לייכטער זאָלען שטאַרבען?

— אויב עס איז ביי אייך רעכט געווען — ענטפערט איהם דער איד — אַז לעפעל זאָלען געבוירען אַנדערע לעפעל און איהר האָט זיי גאַנץ פיין צוגענומען, קאָן דאָך אויך מעגליך זיין, אַז לעפעל זאָלען שטאַרבען און לייכטער זאָלען שטאַרבען...

כך, אַזוי, אויב איהר וועט ביי די מצוות נישט אָבהיטען דעם „לא תוסיפו", קענט איהר לייכט צוקומען צום עובר זיין אויפ'ן „לא תגרעו", וואָרום אויב מצוות קענען זיך פרוכפּערען און מעהרען, וועט דאַן אויך געמאָלט זיין ביי אייך, זיי זאָלען איינגיכען אָבשטאַרבען...

ושמרתם ועשיתם כי היא חכמתכם ובינתכם... (ד. ו.)

נישט ווי די וועלט איז געוואוינט עפ"י טעות צו מיינען, אַז צו יראת-שמים פאָדערט זיך נישט קיין שכל און חכמה און יעדער בטלן און שוטה איז מסוגל דערצו...

(רבי משה חפץ)

פאַר'ן גיהנום — האָט אַמאָל רבי נפתלי ראָפּשיצער זיך אויסגעדריקט אין אַ שמועס מיט זיינע מקורבים — האָב איך נישט וואָס מורא צו האָבען. מורא האָב איך נור, מען זאָל מיך חלילה נישט אַוועקזעצען אין גן-עדן נעבען אַ חסיד-שוטה.

— דאָס איז אַנ'אומזיסטע מורא — האָט זיך דערויף אָבגערופען איי-נער פון די מקורבים — וואָרום איך בין גרייט צו שווערען אייך אַז קיין נאַר איז נאָך די שוועל פון גן-עדן נישט איבערגעטרעטען.

השמרו לכם וכו׳ פסל תמונת כל... (ד. כג.)

די תורה וואָרענט אונז פאַר יענע לייט, וועלכע זענען „תמונת כל״, אַלץ זיין דער וועלט, מפלומרשט זענען זיי פרום און אין דער זעלבער צייט טהוען זיי אָב כל דאָס בייז. פאַר די דאָזיגע „תמונת כל׳ניקעס״ דאַרף מען זיך אַממעהרסטען היטען...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

כי תוליד בנים וכו׳ ונושנתם בארץ והשחתם... (ד. כה.)

„ונושנתם״, איהר וועט ווערען פערעלטערט און צוגעוואוינט, און אַז אַ מענש ווערט צוגעוואוינט במשך פון יאָהרען צו אַ בעסערען לעבענס-שטייגער, צו זאַטקייט און עשירות, הערט ער אויף צו פיהלען די מינ-דעסטע דאַנקבאַרקייט און עס דוכט זיך איהם, אַז עס קומט איהם אַזוי, אַז אַנדערש קאָן שוין גאָרנישט זיין...

(שיח יצחק)

ובקשתם משם את ד׳ אלקיך ומצאת כי תדרשנו... (ד. כט.)

אַ כלל האָבען מיר, אַז „מלוה הכתובה בתורה ככתיבה בשטר דמיא״, און מיט׳ן דאָזיגען פסוק האָט אונז השי״ת אַ וועקסעל אונטערגעשריבען, אַז יעדעס מאָל, ווי נור אידען וועלען זיך ווענדען און זוכען דעם אויבערשטען — וועלען זיי איהם שטענדיג געפינען...

(היהודי מפשיסכע)

„ומצאת כי תדרשנו״... ערשט נאָכ׳ן „ומצאת״ וועסטו צוקומען צו דער מדרגה פון „תדרשנו״, ערשט דאַמאָלס וועסטו אָנהויבען צו זוכען און צו זוכען...

(רבי מענדעלי קאָצקער)

להוריש גוים גדולים ועצומים ממך מפניך... (ד. לח.)

„מפניך״... אויך פון דיין פנים זאָלסטו זיך בעמיהען אַראָבצוטרייבען דעם גוי. האָבען זאָלסטו אַ אידיש אויסזעהען, אַ אידיש פנים...

(אור פני משה)

וידעת היום והשבות אל לבבך וכו׳ אין עוד... (ד. לט.)

„עוד כל ימי הארץ — ווערט געזאָגט אין פסוק (בראשית ח. כב.) — זרע וקציר וחום וכו׳״, דער מענש איז אין זיין גאַנצען לעבען, אין אַלע צייטען פון יאָהר, בייטאָג און ביינאַכט, דורכגעדרינגען מיט דער איינציגער אונאויפהערליכער שטרעבונג פון „עוד״. צו דערגרייכען נאָך און נאָך, וואָס מעהר. ער ווערט קיינמאָל נישט זאַט, קיינמאָל נישט צופרידענגעשטעלט... דער העכערער תכלית און דאָס אמת׳ע גליק פונ׳ם מענש בעשטעהט אָבער אינ׳ם „וידעת היום והשבות אל לבבך וכו׳ אין עוד״, ער זאָל זיך אָבשטעלען אינ׳ם דאָזיגען נאַרישען געיעג נאָך מותרות און אויפהערען צו יאָגען זיך טאָג און נאַכט נאָכ׳ן „עוד״...

(רבי שמואל מדרילטש)

שמור את יום השבת לקדשו... (ה. יב.)

„זכור מלפניו ושמור מלאחריו״ (ד. ה. מען זאָל אויך אָבהיטען תוספות שבת)
(מכילתא יתרו)

אין די זמירות לשבת, אינ׳ם פיוט „כל מקדש״, זאָגען מיר: „המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבוא״. ווערט געפרעגט דערויף: עס וואָלט דאָך אייגענטליך געדאַרפט שטעהען פערקעהרט, דען פריהער איז דאָך „ממהרים לבוא״ און ערשט דאַן — „מאחרים לצאת״?

נאָר דער מדרש זאָגט, אַז הגם „על שבת במרה נצטוו״, די מצוה פון שבת איז די אידען נעגעבען געוואָרען אין מרה, דאָך אויף דעם דין פון תוספות שבת זענען זיי אָנגעזאָגט געוואָרען ערשט ביי מתן־תורה, און דאָס איז דאָך ידוע, אַז „כולי עלמא מודי שבשבת ניתנה תורה לישראל״, אַז געגעבען געוואָרען איז די תורה אום שבת, נמצא, קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז די ערשטע מצוה פון תוספות שבת האָבען די אידען מקיים געווען שבת פאַרנאַכט, ביים „מאחרים לצאת״, און ערשט דעם צווייטען שבת, אין אכט טעג אַרום, איז געווען — „ממהרים לבוא״...

(דבש וחלב)

רבי פנחס קאָריצער פערענטפערט עס אויף אַן אַנדער אופן:

דער טעם, פאַרוואָס מען דאַרף היטען תוספות שבת, איז צוליעב דער אונזיכערקייט פון דער בין־השמשות שעה, וועלכע איז „ספק יום ספק לילה״. כל־זמן, אַלזאָ, די אידען האָבען געהאַט אין דער מדבר דעם עמוד־ענן מיט׳ן עמוד־אש איז דער תוספות־שבת פאַר זיי נישט נויטיג געווען, מחמת אַזוי לאַנג ווי עס איז געשטאַנען דער עמוד־הענן האָט מען געוואוסט, אַז עס איז טאָג, און מיט׳ן מאָמענט ווען דער עמוד־הענן איז אַוועק און עס האָט זיך

בעוויזען דער עמוד-האש — האָט זיך אָנגעהויבען די נאַכט. דער עמוד-הענן (ווי מיר געפינען אין תענית ט׳) האָט עקזיסטירט כל-זמן משה האָט געלעבט. נסתלק געוואָרען איז משה רבינו אום שבת (זעה אין ט״ז או״ח רצ״ב ס״ק ב׳: „ואומרים צדקתך צדק דבאותה שעה מת משה ע״כ אומרים צדוק הדין״) און גלייכצייטיג איז אויך דער עמוד-הענן פערשוואונדען, וממילא האָבען שוין די אידען אין יענעם שבת פאַרנאַכט געמוזט אָבהיטען תוספות-שבת. קומט דאָך, אַלזאָ, אויס, אַז דער „מאחרים לצאת״ האָט זיך אָנגעהויבען פאַר׳ן „ממהרים לבוא״...

כבד את אָביך ואת אמך וכו׳ למען יאריכון ימיך... (ה. טז.)

האַלט בכבוד דיינע עלטערען, ווייל — „למען יאריכון ימיך״, אויך דו וועסט דאָך אַמאָל אַלט ווערען און אויך דו וועסט דאַרפען דאַן אָנקומען צו דיינע קינדער, זיי זאָלען דיך בכבוד האַלטען...

האל הנאמן שומר הברית וכו׳ לאלף דור... (ז. ט.)

אין פריהערדיגען פסוק ווערט געזאָגט: „ומשמרו את השבועה אשר נשבע לאבותיכם הוציא ד׳ אתכם ביד חזקה ויפדך מבית עבדים וכו׳״. איז אויב אַזוי, אייב מיר האָבען פון השי״ת אַ שבועה צו בעקומען ארץ-ישראל, טאָ ווער צווינגט אונז אָבצוהיטען די תורה מיט די אַלע מצוות און וואָס האָבען מיר מורא צו האָבען, השי״ת וועט דאָך נישט ברעכען די שבועה, וואָס ער האָט אונזערע עלטערען געגעבען?... און דערויף קומט גלייך דער ענטפער: אמת טאַקי, אַז ער איז אַ „האל הנאמן, שומר הברית והחסד לאוהביו ולשומרי מצוותיו״, און ער וועט אודאי אויף זיין שבועה נישט עובר זיין, אָבער — „לאלף דור״, קיין טערמין איז אין דער שבועה נישט אָנגעוויזען געוואָרען, און אויב מיר וועלען זיך נישט אויפפיהרען ווי געהעריג, האָט ער צייט מקיים צו זיין די הבטחה און צו וואַרטען מיט איהר אַזש גאַנצע טויזענד דורות, ווי לאַנג נאָר ער וועט וועלען...

(רשב״ם)

עס איז בעקאַנט די שטעלע אין „אהבת יונתן״ אויף דער היינטיגער סדרה, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז דער מאַמר אין תלמוד: „השבעתי אתכם

בנות ירושלים וכו׳ שלא יעלו ישראל בחומה״ (כתובות קי״א), ווערט גע־מיינט „אפילו ברשות האומות״, אז די אידען ווערען געווארענט נישט צו געהן קיין ארץ־ישראל און עוסק צו זיין בבנינה אפילו ווען די אומות וועלען זיי דערויף אנ׳ערלויבניש געבען... די געגנער פון ישוב ארץ־ישראל פלעגען זיך, ווי בעוואוסט, שטארק שטיצען אויפ׳ן דאזיגען „אהבת יונתן״, איבער־הויפט פלעגט ער ווערען זעהר אפט ציטירט בשעת עס האט זיך אנגעהוי־בען ביי אידען די חבת־ציון־בעוועגונג... אבער דער גאון רבי אברהמ׳על׳ע סאכאטשאווער שרייבט וועגען דעם אין „אבני נזר״, אז די הלכה בלייבט ווי רש״י, וועלכער ערקלערט אויף די ווערטער „שלא יעלו בחומה״ — „יחד ביד חזקה״... דער „אבני נזר״ פיהרט דערביי אויס, אז — „שאלף כיוצא בו לא יזיזו דברי רש״י בזה״... בפרט אז די דערמאהנטע שטעלע אין „אהבת יונתן״ איז געגען רמב״ן און געגען אור־החיים. חוץ־לזה איז צו זעהען אין „אהבת יונתן״ גופא, אין פ׳ עקב, א סתירה צו דעם, וואס ער שרייבט אין פ׳ ואתחנן...

איבריגענס, אין „שם־הגדולים״ פון חיד״א ווערט געבראכט, אז דעם ספר „אהבת יונתן״ האט נישט געשריבען רבי יונתן אייבעשיץ זעלבסט, נאר זיינער א תלמיד...

אגב, די געגנער פון ישוב־ארץ־ישראל שטיצען זיך אויפ׳ן מהר״ם מרוטענבערג, וועלכער שרייבט אין אנ׳ארט, אז נור א צדיק מעג עולה זיין נאך ארץ־ישראל און אז עס איז נישט ערלויבט אינ׳ם הייליגען לאנד צו בעשעפטיגען זיך מיט קיין שום משא־ומתן און עניני חול... אויף די דאזיגע ווערטער פעררופט זיך אויך דער רבי פון לובאוויטש אין זיין קונטרס „מכתב עוז של תורה״, אנ׳אפענער בריעף צום גערער רבי׳ן, וועלכען ער מוסר׳ט הלמאי ער שטיצט דעם ישוב אין ארץ־ישראל. אויף דער ערקלערונג פון גערער רבי׳ן, אז ער איז זיך סומך אויף דער גמרא אין בבא־בתרא: „ר׳ ינאי נטע ארבע מאה כרמי״, ווייזט אן דער רבי פון לובאוויטש, אז דער זין פונ׳ם דאזיגען מאמר איז א גאנץ אנדערער, און פעררופענדיג זיך אויפ׳ן דערמאהנטען מהר״ם מרוטענבערג פערלאנגט ער פונ׳ם גערער רבי׳ן, אז עס זאל אויסגעמעקט ווערען פונ׳ם אגודה׳שען פראגראם דער פונקט וועגען ישוב־א״י...

רבי אברהמ׳על׳ע סאכאטשעווער אין „אבני נזר״ איז זיך שטארק מפלפל וועגען די דאזיגע ווערטער פון מהר״ם מרוטענבערג און ער פיהרט אויס, אז די דעה פונ׳ם רוב פוסקים איז נישט אזוי...

עֵקֶב

והיה עקב תשמעון... (ז. יב.)

דערויף זאָגט דער אור-החיים: „ורמז בתבת עקב מדת-התורה שיהי׳ אָדם הולך עקב בצד גודל״.

אַ פּלא! אין סוטה (כ״ב) ווערט צווישען די „מכות פרושין״ אויסגע-רעכענט: „פרוש נקפי, זה המנקיף את רגליו״, דערויף פּערטייטשט דאָרט רש״י: „מהלך בשפלות, עקב בצד גודל, ואינו מרים רגליו מן הארץ״, און אין רמב״ם הלכות דעות (פרק ה׳ הלכה ח׳) ווערט עס זאָגאַר פערערעכענט אַלס מדת-גאוה!...

(ישכר סאָס)

את הברית ואת החסד אשר נשבע לאבותיך... (ז. יב.)

בשעת אַ קונה — זאָגט דערויף דער דובנער מגיד בדרך-הלצה — קומט אַריין אין אַ געשעפט און, הייסענדיג זיך דערלאַנגען פערשיעדענע סחורות, הויבט ער זיך אָן דערביי צו שווערען, אַז ער וועט בעצאָהלען, איז אַ סימן, אַז ער מיינט נישט צו געבען קיין קאַסע, נאָר ער פערלאַנגט קרעדיט, אויף אַ וועקסעלע...

אויך השי״ת האָט געפונען פאַר נויטיג צו פערזיכערען אונז זיין הבטחה מיט אַ שבועה, ווייל „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״, ווייל מיר בעקומען נישט אויסגעצאָהלט דעם שכר אויפ׳ן אָרט... און דאָס איז אויך דער טייטש: „עדותיך נאמנו מאד״, דעם רבונו של עולמ׳ס אַ וואָרט איז לעולם גאַנץ גענוג בעגלויבט, טאָ נאָכוואָס האָט נאָך השי״ת געדאַרפט אונז אַ שבועה געבען? ווייל עס איז אַ מעשה — „לאורך ימים״, אויף אַ וועק-סעלע, „היום לעשותם ומחר לקבל שכרם״...

וברך פרי בטנך... (ז. יג.)

צוויי מאָל געפינט זיך דאָס וואָרט „וברך״ אין דער תורה: „וברך את

לחמך" (שמות כג. כה.) און — „וברך פרי בטנך". דער „וברך פרי בטנך" איז נאָר דאַמאָלס אַ ברכה, ווען דערביי איז אויך „וברך את לחמך", ווען צוזאַמען דערמיט איז מען אויך געבענשט מיט פרנסה. פאַר אַן אָרימאַן אָבער איז דאָס האָבען אַ סך קינדער, דער בלויזער „וברך פרי בטנך", ווייט נישט קיין ברכה...

(אור פני משה)

שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה... (ח. ד.)

אין אונגאַרישען שטעדטעל בערגסאָן, וואו דער „קול אריה" (רבי אַברהם יהודה הכהן) איז געווען רב, איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ גרויסע מחלוקת איבער אַ חזן, וכדרך-הטבע זענען בראש פון דער מחלוקת געשטאַנען די בעלי-מלאכות: שניידערס, שוסטערס, וועלכע זענען פון תמיד אָן די גרעסטע בעלנים אויף אַ חזן... האָט דער „קול אריה" דערויף געזאָגט, אַז עס פלעגט איהם שטענדיג קשה זיין אויף די אידען אין דער מדבר, וועלכע האָבען כסדר געפיהרט מחלוקת מיט משה און מיט אַהרנ'ען, דאָ — איבער וואַסער, דאָ — איבער פלייש. דאָ — איבער קנאָבעל און ציבעלעס, דאָ — איבער דער כהונה, פאַרוואָס געפינען מיר נישט, אַז זיי זאָלען אויך האָבען געפיהרט מחלוקת איבער אַ חזן? אָבער איצט איז איהם שוין די זאַך פאַרענטפערט. אין דער מדבר — דערצעהלט אונז די תורה — איז געווען „שמלתך לא בלתה מעליך ורגלך לא בצקה", די קליידער זענען נישט צוריסען געוואָרען און אין קיין שיך איז מען נישט געגאַנגען, זענען דאָך, הייסט עס, אינגאַנצען נישט געווען, נישט קיין שניידערס, נישט קיין שוסטערס, און אָהן שניידערס און שוסטערס — ווער וועט זיך קריגען איבער אַ חזן?...

ואָכלת ושבעת וברכת... (ח. י.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי ישראל סאַלאַנטער: פאַרוואָס צום בענשען במזומן דאַרף מען האָבען „שבעה שאכלו" און צו דאַווענען בצבור איז גענוג „ששה מתפללים"?

— דער אויבערשטער — האָט רבי ישראל דערויף געענטפערט בדרך-הלצה — וויל בעסער, אַז נאָך אַ איד זאָל עסען, איידער נאָך אַ איד זאָל דאַווענען...

ואָכלת ושבעת וכו׳ על האָרץ הטובה...

„אכול שליש — זאָגען די חז״ל — ושתה שליש והנח שליש, לכשתכעוס תעמוד על מלואך״ (גיטין ע׳).

דער מענש, הייסט עס, דאַרף זיין נזהר נישט צו עסען אינגאַנצען צו דער זעט, מחמת טאָמער וועט ער נאָכ׳ן עסען אין כעס ווערען, קאָן איהם די זאַטקייט פערשאַטען...

און ווידער זאָגען די חז״ל: „ונתן ד׳ לך שם לב רגז — שם בבבל, אבל בארץ-ישראל לא״ (נדרים כ״ב), אַז די מדה פון כעס איז נאָר שולט אין בבל, אָבער נישט אין ארץ-ישראל״.

נמצא, קומט אַלזאָ אויס, אַז „על הארץ הטובה״, אין ארץ-ישראל, איז — „ואָכלת ושבעת״, דאַרט מעגסטו עסען אינגאַנצען צו דער זעט...

(פנים יפות)

וכסף וזהב ירבה לך וכו׳ ורם לבבך... (ח. יג.)

צופיעל געלד איז ווי האָבען צופיעל בלוט. צופיעל בלוט איז פאַר אַ מענשען שעדליך, איבערהויפט ווען עס פליסט אינ׳ם בלוט עפּיס אומריינעס, און איז דען מעגליך, אַז אינ׳ם אָנגעזאַמעלטען געלד זאָל זיך נישט געפינען אַ געוויסע דאָזע אומריינקייט, ווי רמאות, גנבה וגזלה?...

צופיעל בלוט נויטיגט זיך אין הקזה, מען זאָל אַ געוויסע מאָס דער־פון אָבצאַפּען, און אין אַזאַ אונבעדינגטע הקזה נויטיגט זיך אויך דער אי־בערפלוס פון געלד. מען דאַרף אַ טייל דערפון אָבצאַפּען און אַוועקגעבען אויף צדקה... דאָס איז די איינציגע רפואה דערצו.

(בינה לעתים)

ורם לבבך ושכחת... (ח. יד.)

אַן׳אָבגעקומענער גביר איז אַמאָל אַרומגעפאָהרען איבער דער מדינה און זיך גערופען „בראָדער מוכיח״. אייגענטליך איז ער קיינמאָל קיין מוכיח נישט געווען און קיין דרשות האַלטען האָט ער נישט געקענט, נאָר היות ער איז אַמאָל געווען אַ גרויסער עושר אין בראָד און מיט איינמאָל האָט ער זיין גאַנץ פערמעגען פערלוירען, האָט מען איהם דעריבער גערופען „בראָדער מוכיח״, מחמת זיין פּערזאָן גופא האָט געדיענט פאַר אַלעמען אַלס די בעסטע מוסר-דרשה, אַלס ביישפּיעל, וואָס פון אַ נגיד קאָן ווערען...

אין אונזערע הייבטיגע צייטען דרעהען זיך, ליידער, ארום אַ סך

אזעלכע „בראָדער מוכיחים", וועלכע דינען אַלס לעבעדיגער מוסר-השכל, אַלס וואָרנונג פאַר'ן „ורם לבבך"...

(נחלת יעקב)

ערים גדולות ובצורות בשמים... (ט. א.)

„רבי שמעון בן גמליאל אומר, דברה תורה לשון הבאי, שנאמר (עקב ט. א.) שמע ישראל אתה עובר היום את הירדן וכו' ערים גדולות ובצורות בשמים" (ספרי)

דערויף ווערט אין די הגהות פון ווילנער גאון, נאָכ'ן „דברה תורה לשון הבאי", צוגעגעבען די ווערטער: „וכן מה" — „וכן מה שנאמר שמע ישראל וכו'".

געצוואונגען האָט דעם ווילנער גאון צו דער דאָזיגער הגהה, ווייל די ווערטער „ערים גדולות ובצורות בשמים" געפינען זיך אויך אין פ' דברים (א. כח.), טאָ פאַרוואָס ציטירט דער ספרי דעם פסוק אין פ' עקב און נישט דעם פריהערדיגען פסוק אין דברים? און דעריבער האָט דער גאון צוגעגעבען די ווערטער „וכן מה שנאמר". עס הייסט, אז דער עצם דרש פון ספרי בעציהט זיך אויפ'ן ערשטען פסוק, אין דברים, נאָר דערביי ווערט אויך געבראַכט דער צווייטער פסוק — „וכן מה שנאמר וכו'".

אָבער ווי עס שיינט, איז אָט די גאַנצע הגהה איבריג, דען די ראַיה, אז „דברה תורה לשון הבאי" איז נור מעגליך צו דרינגען פון פסוק אין עקב און נישט פון דברים, מחמת דאָרט, אין דברים, בעציהען זיך די דאָזיגע ווערטער אויף די מרגלים, אז דאָס האָבען זיך די מרגלים בענוצט מיט'ן דאָזיגען גוזמא'דיגען אויסדרוק, ווי עס ווערט דייטליך אָנגעוויזען אין פסוק: „ותרגנו באהליכם אחינו המסו את לבבינו לאמר עם גדול ורם ממנו ערים גדולות ובצורות בשמים", אַנדערש אָבער איז אין פ' עקב, דאָ בענוצט זיך מיט'ן דאָזיגען אויסדרוק די תורה זעלבסט: „שמע ישראל אתה עובר היום את הירדן לבא לרשת וגו' ערים גדולות ובצורות בשמים", און פון דאַנען איז טאַקי אַ ראַיה, אז — „דברה תורה לשון הבאי"...

(מקור ברוך)

כי שחת עמך אשר הוצאת ממצרים... (ט. יב.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „הוצאת ממצרים — פי' מהעיר צוען, ובכל מקום שאומר מארץ מצרים פי' מכל הארץ".

לויט די דאָזיגע ווערטער קומט אַלזאָ אויס, אז דעם חטא פון עגל זענען בעגאַנגען נור די אידען, וועלכע האָבען זייענדיג אין מצרים גע-

וואוינט אין דער שטאָדט צוען, און נישט אַלע איבריגע אידען. איז, ער שטענס, פון וואַנען נעהמט דאָס דער בעל-חטורים? צווייטענס, ווערט דאָך ביים מעשה-עגל אין פ׳ תשא (לב. יא.) בפירוש געזאָגט: „למה ד׳ יחרה אפך בעמך אשר הוצאת מארץ מצרים״, אַלזאָ גאַנץ דייטליך: „מארץ מצרים״?...
(ל. ראדאל)

ממרים הייתם עם ד׳ מיום דעתי אתכם... (ט. כד.)

ווי געשיקט זיך עס, אַז משה רבינו, דער עניו מכל אָדם, זאָל זיך ווענדען צו די אידען מיט אַזעלכע שאַרפע און שטרענגע דבורים? באמת אָבער — זאָגט דערויף רבי חיים צאַנזער — געהער אויך דאָס צו משה׳ס עניוות. משה רבינו, דער גרויסער עניו, האָט תולה געווען, אַז דאָס וואָס די אידען זענען שלעכט און זינדיג געגען גאָט, איז עס דערפאַר, ווייל ער, משה, איז זייער מנהיג און אַ זעהר שלעכטער מנהיג, און ער קלאָגט זיך אַלזאָ: „ממרים הייתם עם ד׳״, איהר זענט געוואָרען ווידערשפעניגער געגען גאָט, „מיום דעתי אתכם״, זינט איהר האָט מיך דערקענט, זינט איך בין אייער פיהרער געוואָרען. ווען איהר וואָלט געהאַט אַן׳אַנדערען פיהרער, וואָלט איהר אַודאי געווען בעסער...

רק באבותיך חשק ד׳ לאהבה אותם וכו׳ (י. טו.)

פאַרהאַן צוויי מינים אהבה פון השי״ת צו אידען; אַן׳אַהבה, אויף וועלכע די אידען פערדיענען זיך מצד עצמם, ווייל זיי זענען צדיקים, ווייל זיי זענען עושים רצונו של מקום, און אַן׳אַהבה, וועלכע קומט, נישט צוליעב די אייגענע גוטע מעשים, נאָר צוליעב — „רשעת הגוים״, ווייל די אַנדערע פעלקער זענען נאָך ערגער...

און דאָס האָט משה געזאָגט צו זיי: „רק באבותיך חשק ד׳ לאהבה אותם״, בלויז די עלטערען אייערע, די אָבות, האָבען זוכה געווען צום „לאהבה אותם״, מען זאָל זיי ליעב האָבען מצד עצמם, צוליעב זייערע אייגענע גוטע מעשים, דאַגעגען אָבער „ויבחר בזרעם אחריהם בכם״, דאָס, וואָס השי״ת האָט אויך זייערע קינדער אויסדערוועהלט, איז עס נישט צוליעב אייער אייגען פערדיענסט, נאָר — „מכל העמים״, נישט צוליעב אייער צדקות, נאָר צוליעב זייער רשעות, ווייל זיי, די אַנדערע פעלקער, זענען בעדייטענד ערגער נאָך פון אייך...

און דאָס זעלבע זאָגט אויך דער נביא (מלאכי א׳): „אָהבתי אתכם אמר ד׳, ואמרתם במה אהבתנו״, ווען איהר וועט אָבער פרעגען, אין וועלכען זכות איהר האָט זיך פערדיענט די ליעבע, דאַן זאָלט איהר וויסען, אַז דאָס איז, ווייל „הלא את עשו ליעקב״, ווייל יעקב האָט אַ ברודער, עשו, וועלכער איז פיעל, פיעל ערגער פון איהם...

(אמרות טהורות)

אֲשר לא ישא פנים ולא יקח שוחד... (י. יז.)

„ולא יקח שוחד — לפייסו בממון״ (רש״י)

היתכן? קאָן דען זיין גאָר אַ הוה-אמינא, מען זאָל דעם רבונו של עולם קענען איבערקויפען מיט געלד?...

נאָר דער „ולא יקח שוחד״ איז אַ המשך צום ווייטערדיגען פסוק: „עושה משפט יתום ואלמנה ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה״. בשעת דער מענש איז אַ „עושה משפט יתום ואלמנה ואוהב גר לתת לו לחם ושמלה״ איז עס אודאי ביי׳ם אויבערשטען זעהר חשוב און זעהר ליעב, אָבער אפילו מיט אַזעלכע חשוב׳ע זאַכען קאָן מען איהם נישט משחד זיין. דערמיט וואָס איינער איז אַ בעל-צדקה, קאָן ער זיך נאָך פונדעסטוועגען נישט ערלויבען אָבצוטהון אויף דעם חשבון כל דאָס בייז אויף אַנדערע געביעטען...

(חתם סופר)

את ד׳ אלקיך תירא אותו תעבוד... (י. כ.)

אַ פלא! אין ספר החנוך ווערען די מצוות עשה׳ס פון „את ד׳ אלקיך תירא״ און „אותו תעבוד״ פעררעכענט צו די מצוות פון פ׳ עקב. פאַרוואָס נישט צו פ׳ ואתחנן, אויך דאָרט געפינט זיך דאָך דער זעלבער עהנליכער פסוק (ו. יג.)?...

(סדר המצות)

„שמעון העמסוני וכו׳ הי׳ דורש כל אתין שבתורה, כיון שהגיע לאת ד׳ אלקיך תירא פירש וכו׳ עד שבא רבי עקיבא ולימד את ד׳ אלקיך תירא לרבות ת״ח״ (ב״ק מ״א)

אין קעמפנא איז געווען אַ געוויסער חזן מיט׳ן נאָמען שמעון, וועלכער איז געווען אַ זעלטענער מנגן, אָבער אין שטאָדט האָט מען געמורמעלט וועגען איהם, אַז ער איז אַ גרויסער קל און בעל-עבירה, און ס׳איז וועגען דעם ענטשטאַנען אַ שאַרפע מחלוקת צווישען קהל און צווישען קעמפנער רב, רבי ישראל יונה (דער בעל „מעון הברכות״), וועלכער האָט אונבעדינגט געפאָדערט צו דערווייטערן איהם פון חזנות.

דער „מעון הברכות" האָט זיך וועגען דעם ענין געווענדעט מיט אַ בריעף צום פויזנער רב, רבי יוסף (וועלכען מען האָט גערופען „רבי יוסף הצדיק"), צו וועלכען ער שרייבט:

„...שמעון זה דורש כל האתים שבתורה — את החזיר, ואת הטריפה, ואת הנבלה... כיון שהגיע לאת ד' א' תירא — פירש"...

אינטערעסאַנט איז, אַז דער פויזנער רב האָט איהם דערויף געענט-פערט: „מוטב להעמיד צלם בהיכל ואל ירבה מחלוקת בישראל"...

ללכת בכל דרכיו ולדבקה בו.. (יא. כב.)

בשעת דער גערער רבי איז געווען דאָס ערשטע מאָל אין ארץ-ישראל, האָט ער זיך צונויפגעטראָפען מיט'ן הרב קוק, מיט וועלכען ער האָט פער-פיהרט אַ שמועס וועגען פערשידענע ענינים. צווישען אַנדערע זאַכען איז אין דעם שמועס אויך בעריהרט געוואָרען די פראַגע וועגען דער בעציהונג צו די פרייע ציונים. דער גערער רבי זאָל זיך האָבען געווענדעט צו הרב קוק'ן און איהם געפרעגט: היתכן? איהר זענט דאָך אַ נותן יד לפושעים?

דערויף זאָל איהם הרב קוק האָבען געענטפערט: אויפ'ן פסוק „ולדבקה בו" דרשנ'ען די חז"ל: „הדבק במדותיו, מה הוא חנון אף אתה חנון וכו'", און אויך דאָס איז דאָך דעם אויבערשטנס מדה, אין וועלכער עס איז אַ מצוה זיך מתדבק צו זיין. מיר ריהמען דאָך איהם אין אונזערע תפלות מיט דער דאָזיגער מדה: „אתה נותן יד לפושעים!"...

(געהערט)

רְאֵה

והניח לכם מכל איביכם מסביב וישבתם בטח... (יב. י.)

„והניח לכם מכל אויביכם מסביב" — די גוים וועלען אייך נישט טשעפּען, „וישבתם בטח" — איהר אַליין, צווישען זיך, וועט זיך נישט אַרומרייסען...

(תפארת יהונתן)

ועבדך ואמתך והלוי וכו' — ושמחת... (יב. יח.)

אויב דו ווילסט זיין צופרידען אין לעבען, זאָלסטו קיינמאָל נישט קוקען אַרויף, נאָר אַראָב, נישט אויף די העכערע, נאָר אויף די נידריגערע, אויף די, וואָס זענען מאַטעריעל אָרימער פון דיר. קוקען זאָלסטו אויף „עבדך ואמתך והלוי" און דאַמאָלס „ושמחת לפני ד'", וועסטו זיין צופרידען און זיך פרעהען, וואָס דיר געהט עס בעסער פון זיי...

(הנ"ל)

ונתן לך רחמים ורחמך... (יג. יח.)

פערצייטענס איז אין די אידישע קהלות געווען איינגעפיהרט, אַז דער שוחט האָט זיך געדאַרפט מטפל זיין מיט אַלע דורכרייזענדע אורחים, פערזאָרגען זיי מיט אכילה ושתיה און מיט נאַכט-לעגער.

האָט זיך אַמאָל אַנ'אורח פערקלאָגט פאַר רבי ישראל'טשע ריזשינער אויף אַ געוויסען שוחט, אַז ער בעהאַנדעלט די דורכרייזענדע אורחים זעהר נישט מענשליך און ער פערשליסט פאַר זיי די טהיר. דער ריזשינער האָט געמאַכט וועגען דעם אַ חקירה ודרישה און דערוויסענדיג זיך, אַז עס איז אמת, האָט ער בעפוילען, מען זאָל דעם שוחט מעביר זיין פון דער שחיטה.

איז דער שוחט געקומען צו לויפען מיט אַ געוואַלד צום ריזשינער: היתכן, פאַרהאַן אין שטאָדט גרעסערע נגידים פון איהם, פאַרוואָס צפּיס דאַרף ער גראָד זיין מעהר מכניס-אורח פון אַלע אַנדערע בעלי-בתים?

האָט איהם דער ריזשינער דערויף געענטפערט: נאָך דער מצוה פון עיר-הנדחת, זאָגט אונז די תורה: „ונתן לך רחמים ורחמך", ווייל דאָס אויס-פיהרען אזא אקט פון פערברענען און פערניכטען א גאַנצע שטאָדט איז חלילה עלול איינצופלאַנצען אַכזריות ביי'ם פאָלק, איז דעריבער נויטיג געווען צו וואָרענען: „ונתן לך רחמים", אז מען זאָל למע"ה זעהען אויס-צוראָטען פון זיך נאָכהער דאָס אָנגעשטעקטע געפיהל פון אַכזריות און צו טהון וואָס-מעהר גוטע מעשים, וועלכע זענען פערבינדען מיט רחמנות.

דאָס זעלבע — האָט דער ריזשינער אויסגעפיהרט — איז אויך מיט א שוחט. ער איז נעביך עוסק אין א זעהר נישט קיין איידעלע מלאכה, אין אַנ'אומנות, וואָס בעשטעהט פון שפיכת-דם, און כדי ער זאָל זיך דערפון נישט אָנשטעקען מיט אַכזריות, ווערט דעריבער פערלאַנגט פון איהם, ער זאָל עוסק זיין אין מעהר מעשים-טובים און זיין מעהר בעל-רחמים און מעהר מכניס-אורח, ווי אַנ'אַנדערער...

בנים אתם לד׳ אלקיכם... (יד. א.)

אויפ'ן פסוק „אלה מועדי ד' מקראי קודש אשר תקראו אותם" דרשנ'ען די חז"ל: „אל תקרי אותם אלא אתם, אתם אפילו שוגגין, אתם אפילו מזידין, אתם אפילו מוטעין" (ר"ה כ"ה). איז מה-דאָך — פלעגט זאָגען רבי מאָטעלע קוזמירער — דאָרט, וואו אין פסוק שטעהט נישט בפירוש דאָס וואָרט „אתם" נאָר „אותם", איז פונדעסטוועגען לייען איך: „אתם אפילו שוגגין אתם אפילו מזידין", מכל-שכן דאָ אין פסוק „בנים אתם", וואו עס שטעהט דייטליך דאָס וואָרט „אתם", איז דאָך אַודאי — „אתם אפילו שוגגין, אתם אפילו מזידין", אז אפילו ווען די אידען זינדיגען, סיי בשוגג, סיי אפילו במזיד, זענען זיי אַלץ דעם אויבערשטענס קינדער...

לא תתגודדו... (יד. א.)

„לא תתגודדו — לא תעשו אגודות אגודות" (יבמות י"ד)

רבי יצחק אלחנן איז אַמאָל געקומען אין א חסידישע שטאָדט אין וואָהלין, וועלכע איז פול געווען מיט פערשידענע „שטיבלעך" און חסידים-קלויזלעך. אין דער פריה געהט רבי יצחק אלחנן דאַווענען אין שטאָדטישען בית-המדרש און געפינט אָבער דאָרט קיין מנין נישט. וואו זענען דאָ — פרעגט ער — די אַלע פרומע אידען, וואָס דאַווענען תפלה בצבור? ענטפערט

מען איהם, אַז זיי זענען צושפרייט איבער פערשידענע מנינים. איינער דאַ־ווענט אין טשערנאָבילער שטיבעל, אַ צווייטער אין טשאָרטקאָווער, אַ דריטער אין סניאַטינער, אַ פיערטער אין ראַכמיסטריווקער א. אַ. וו. ערשט איצט — רופט זיך אָן רבי יצחק אלחנן — פערשטעה איך דעם פשט אין תהלים: „אספו לי חסידי". היות ווי די רביים האָבען זיך איינגעטיילט מיט'ן ביסעל אידען און יעדער איינער איז געוואָרען אַ חסיד פון זיין רבי'ן, בעט זיך דעריבער דער רבונו של עולם: „אספו לי חסידי"! שאַפט פאַר מיר אויך עטליכע חסידים...

ואכלת לפני ד' אלקיך במקום אשר יבחר וכו' למען תלמד ליראה את ד' אלקיך... (יד. כג.)

וואָס פאַר אַ שייכות האָט צום „ואכלת לפני ד' א'" דער אויספיהר: „למען תלמד ליראה"?

נאָר די תורה איז אונז מזהיר — האָט געזאָגט דערויף דער רבי ר' בונם פון פשיסכע — אַז בשעת מען זעצט זיך אַוועק עסען מיט אַ חברותא זאָל מען מדקדק זיין מיט וועמען מען זיצט, זיצען זאָל מען נאָר מיט אַזעלכע אנשים מהוגנים, פון וועלכע „למען תלמד ליראה את ד' אלקיך", פון וועלכע מען קען זיך אָראָבלערנען אַ ביסעל יראת־שמים...

כי לא תוכל שאתו כי ירחק ממך המקום... (יד. כד.)

אויב דו פיהלסט אויף זיך דאָס אידישקייט ווי אַ משא, וועלכע עס איז שווער צו טראָגען, איז אַ סימן, אַז — „כי ירחק ממך המקום", אַז דער אויבערשטער איז פון דיר ווייט. פאַר אַן'אמת גלויביגען און פרומען איד איז דאָס אידישקייט כלל נישט שווער...

(אלשיך)

צו די דאָזיגע ווערטער פון אלשיך ווערט צוגעגעבען פון דובנער מגיד אַ משל: אַ בריליאַנטען־סוחר האָט געשיקט דעם משרת זיינעם, ער זאָל איהם ברענגען פון אַן'אָרט אַ וואַליזע, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזט און אין וועלכער עס האָבען זיך געפונען טייערע איידעל־שטיינער, און ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט מיט אונגעדולד ביים פענסטער וואַרטען, ביז דער משרת וועט צוריקקומען מיט די ווערטפולע חפצים. פלוצים זעהט ער פון

ווייטען, ווי דער משרת קרעכצט און שלעפט זיך אַ פערסאָפּעטער, אַ פער־שוויצטער, טראָגענדיג אויף די פּלייצעס עפּעס אַנ׳אונגעהויערע שווערע משא.

— אוי וועה! — האָט דער סוחר פערבראָכען מיט די הענד און זיך גענומען רייסען די האָהר פון קאָפּ — אַנ׳אומגליק איז געשעהען. נישט אַנדערש, נאָר גנבים האָבען פערטוישט די וואַליזע און אַנשטאָט ברילליאַנטען האָבען זיי אונטערגערוקט דעם משרת אַ זאַק מיט שטיינער. ביים טראָגען ברילליאַנטען סאָפּעט מען נישט אַזוי, מען שוויצט נישט און מען קרעכצט נישט...

דער נמשל איז: אויב די היינטיגע אידען קרעכצען אַזוי אונטער׳ן עול פון אידישקייט איז עס דערפאַר, ווייל זיי האָבען פערטוישט דעם רבונו של עולם׳ס ברילליאַנטען אויף שטיינער. אַנשטאָט די ריינע געטליכע מצוות, האָבען זיי זיך געשאַפען שווערע, שטיינערנע מצוות... פון ריינע מצוות קרעכצט מען נישט, זיי זענען נישט שווער...

דער דאָזיגער משל — זאָגט די וועלט — איז איינער פון די דריי דובנער מגיד׳ס משלים, וועלכע רבי מענדעלי, דער רבי פון קאָצק, האָט שטאַרק געריהמט...

כי יהיה בך אביון... (טו. ז.)

עס שטעהט נישט „כי יהיה לך״, נאָר „בך״... דען לעולם, עפ״י מדת היושר, האָט די וועלט געדאַרפט פערטיילט ווערען צווישען אַלעמען גלייך, און אַזוי האָט טאַקי (ווי מיר געפינען אין מדרש-רבה פ׳ משפטים) דוד המלך גע׳טענה׳ט צום רבונו של עולם: „ישב עולם לפני אלקים — תיישב עולמך בשוה העניים והעשירים״, עס זאָל קיין חלוק נישט זיין צווישען אָרים און רייך... ליידער אָבער האָבען די מענשען, וועלכע עס איז געגעבען געוואָרען די „בחירה״, צו האַנדלען לויט זייער פרייען ווילען, אַנגעהויבען אויסכאַפּען איינער דעם צווייטענס חלק און דער גביר ווערט רייך אויפ׳ן חשבון פון אָרימאַן... וואָרענט דעריבער די תורה: „כי יהיה בך אביון״, דער אביון האָט דאָך אייגענטליך זיין פערמעגען „בך״, ביי דיר, דאָס האָסט דו דאָך ביי איהם אויף פערשידענע אופנים צוגערויבט זיין חלק, טאָ געב זשע איהם אָב כאָטש אַ טייל דערפון. זיי איהם כאָטש ווי ווייט מעגליך בייהילפיג, דו גיסט דאָך איהם נישט דיינס, נאָר זיינס!...

(דובנער מגיד)

ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון... (טו. ז.)

פאַרהאַן אַזאַ מין בעל-צדקה, וועלכער האָט אַנ׳אָפענע האַנד פאַר־

פרעמדע, מחמת דאָס פערשאַפט איהם פרסום און רוהם, דאַגעגען פאַר אַנ׳-אייגענעם, אַפילו פאַר אַ ברודער, איז זיין האַנד געשלאָסען, מחמת ער-שטענס וועט די דאַזיגע נדבה נישט מפורסם ווערען, צווייטענס, פון אַ נדבה, וואָס מען גיט אַנ׳אייגענעם ברודער, וועט קיינער נישט נתפעל ווערען און עס וועט איהם קיינער דערפאַר נישט נאָכזאָגען קיין שבח... די תורה גע-פינט אַלזאָ פאַר נויטיג צו וואָרענען אויף אַזעלכע מיני בעלי-צדקה: „ולא תקפוץ את ידך מאחיך האביון!” נישט נאָר דעם פרעמדען אָרימאַן, נאָר אויך דיין אייגענעם אָרימען ברודער זאָלסטו שטיצען! אויך פאַר איהם זאָלסטו נישט האַלטען געשלאָסען דיין האַנד!...

און דאָס איז אויך דער פשט אין אָבות: „ויהיו בני עניים בני ביתך”, אויך מיט דיינע אָרימע בני-בית, דיינע אייגענע קרובים, זאָלסטו זיך אינ-טערעסירען...

(כתב סופר)

ורעה עינך באחיך האביון וכו׳ וקרא עליך אל ד׳... (טו. ט.)

עס איז אַנ׳אַלט-בעקאַנטער תירוץ, וועלכער איז זעהר אָנגענומען ביים עולם. גאַנץ אָפט בשעת מען קומט צו וועמען נאָך אַ נדבה און ער זוכט אַ וועג, ווי אַזוי אַרויסצודרעהען זיך, ענטפערט ער מיט אַ קרעכץ: כ׳האָב נעהנטערע און בילכערע צו געבען, כ׳האָב אַ לייבליכען ברודער, אַנ׳אָרימען ברודער, ווערענד באמת, ווי עס ווייזט זיך אַרויס, העלפט ער דעם איינע-נעם אָרימען ברודער אויך נישט...

אַנטקעגען אָט דעם פאַלשען תירוץ וואָרענט אונז די תורה: „השמר לך”, היט דיך פאַר אַזעלכע דרכים. בשעת מען וועט בעטען פון דיר אַ נדבה פאַר אַן אָרימאַן, „ורעה עינך”, און דו וועסט נישט וועלען געבען און זיך בענוצען מיט דעם תירוץ פון „באחיך האביון”, אַז דו האָסט נעבּיך אַנ׳אייגענעם ברודער אַנ׳אביון און קרובים זענען בילכער, בעת דער אמת איז, אַז „ולא תתן לו”, אַז דו גיסט דעם אייגענעם ברודער אויך נישט, דאַן, געדענק — וקרא עליך אל ד׳”, וועט דיין ברודער דאַמאָלס שרייען צו גאָט, הלמאי דו בענוצסט זיך מיט איהם אַלס אויסרייד און גיסט איהם אומזיסט מבזה פאַר מענשען...

(לחמי תודה)

דער דובנער מגיד איז אַמאָל געקומען צו אַ גביר אַ למדן נאָך אַ נדבה אויף פדיון-שבוים. דער גביר האָט איהם אויפגענומען מיט גרויס כבוד, איהם געבעטען זיצען און, ווי דער שטייגער איז, האָט מען אָנגעהויבען שמועסען אין תורה. דער דובנער זאָגט זיינס אַ חידוש, דער גביר — זיינס. דער

דובנער וויל אָבער קומען צום עיקר, הויבט ער אָן זאָגען תורה מכח צדקה, בלייבט דער גביר נישט היינטערשטעליג און זאָגט אויך אַ תורה אין דעם ענין. איז זיך דער דובנער מיישב און זאָגט אַ תורה וועגען פדיון שבוים — זאָגט דער גביר אויך. דער דובנער זעהט, אַז עס נעהמט קיין סוף נישט, רופט ער זיך אָן צום גביר:

— האָט קיין פעראיבעל נישט. כ׳וועל אייך זאָגען אַ משל.

איינער איז אַמאָל געקומען אין אַ ווייטער מדינה, זעהט ער, אַז די בני-המדינה ווייסען נישט פון קיין ציבעלעס, און היות ער האָט געהאַט גראָד ביי זיך אין קלומיק אַ קרענצעל ציבעלעס, האָט ער עס זיי אַוועק-געגעבען. אַז זיי האָבען געזעהען, ווי בע׳טעמ׳ט ציבעלע מאַכט דאָס עסען, האָבען זיי איהם זעהר געדאַנקט פאַר דער מתנה און איהם אַנטקעגענגע-וואויגען אַזוי פיעל גאָלד.

לימים, אין אַ צייט אַרום, איז ער ווידער געקומען אין יענער ווייטער מדינה. איצט האָבען שוין די בני-המדינה געהאַט אייגענע ציבעלעס, נאָר פון קיין קנאָבעל האָבען זיי נאָכנישט געוואוסט, נעהמט ער אַרויס פון קלומיק אַ קרענצעל קנאָבעל און דערלאַנגט זיי, ריכטענדיג זיך אויפ׳ן גאָלד, וואָס ער וועט דאָ קריגען. די בני-המדינה אָבער האָבען צוגענומען ביי איהם ס׳קרענצעל קנאָבעל און איהם אַנטקעגענגעוואויגען — ציבעלע...

— כך, אַזוי — מאַכט דער דובנער מגיד — איז מיט מיר. איך זאָג אייך אַ תורה, זאָגט איהר מיר אַנטקעגען תורה. צו אייך בין איך אָבער געקומען נישט נאָך קיין תורה, דאָס האָב איך גענוג אָהן אייך, נאָר — נאָך געלד...

נתון תתן לו ולא ירע לבבך... (טו. י.)

צו רבי מענדעלי רימאַנאָווער איז אַמאָל אַריינגעקומען אַן אָרימער איד, אַ „עני בן טובים״, און אויסגעצאָסען פאַר איהם זיין ביטער האַרץ, אין וואָס פאַר אַ מורא׳דיגען מצב ער געפינט זיך, האָט ער גענומען און איהם געגעבען אַן אַנשטענדיגע נדבה. אַז דער איד האָט שוין געהאַלטען ביים אַוועקגעהן האָט ער איהם צוריקגערופען און איהם געגעבען נאָכאַמאָל אַ נדבה. אויף דער פראַגע, הלמאַי האָט ער איהם עפעס געגעבען צוויי מאָל? האָט רבי מענדעלי געענטפערט: דאָס ערשטע מאָל האָב איך געגעבען, ווייל איך האָב מיך שטאַרק איבערגענומען און מצער געווען. הייסט דאָך עס אייגענטליך, אַז דאָס האָב איך געגעבען פאַר זיך, כדי זיך צו בערוהיגען, דאַגעגען דאָס צווייטע מאָל האָב איך שוין געגעבען איהם — לשם מצוה... און אַזוי — האָט ער אויסגעפיהרט — זאָגט אונז טאַקי בפירוש דער פסוק:

„נתן תתן לו", זאָלסט געבען און נאָכאמאָל געבען, צוויי מאָל, איינמאָל צוליעב'ן „ולא ירע לבבך", כדי דאָס הארץ זאָל דיר נישט וועה טהון פון צער, די דאָזיגע נתינה איז פאַר דיר, פאַר דיין אייגענע בעקוועמליכקייט, און אַ צווייט מאָל — „בתתך לו", פאַר זיינעטוועגען, לשם מצוה...

(פנינים יקרים)

פאַרהאַן נגידים, וועלכע מיידען-אויס צו העלפען אַ היימישען מענש, מיט'ן תירוץ, אַז זיי האָבען נעביך קיין הארץ נישט פאַרצולעגען יענעם שטיצע, מחמת זיי האָבען מורא, יענער זאָל זיך חלילה נישט פערשעמען... מאַכט זיי די תורה דערויף אויפמערקזאַם: „נתן תתן לו ולא ירע לבבך", נעהם דיר נישט צום הארצען און טהו דאָס דייניגע, זאָרג בעסער פאַר זיין לעבען, איידער פאַר זיין כבוד...

צו רבי אַברהם זעמעלש איז מען געקומען און איהם דערצעהלט בסוד וועגען אַ געוויסען בכבוד'ען בעל-הבית פון שטאָדט, אַז ער שטאַרבט ממש פאַר הונגער.

— פאַרוואָס העלפט מען איהם נישט?

— ווייל ער איז זעהר אַ בכבוד'ער מענש, ער וויל נישט קיינעם דערצעהלען.

— איז אויב אַזוי — בעמערקט דערויף רבי אַברהם זעמעלש — שטאַרבט ער דאָך פאַר כבוד, נישט פאַר הונגער...

על כן אָנכי מצוך לאמר פתוח תפתח וכו'... (טו. יא.)

— נאָכוואָס איז דאָ נויטיג דאָס וואָרט „לאמר"?

נאָר — ווערט נאָכגעזאָגט אין נאָמען פון רבי ישראל ריזשינער — די חז"ל זאָגען אין ב"ב: „חנותן פרוטה לעני מתברך בשש והמפייסו מתברך בי"א", און דאָס איז דער פשט פון פסוק: „על כן אָנכי מצוך", איך בעפעהל דיר, אַז בשעת דו וועסט געבען דעם אָרימאַן אַ נדבה, „לאמר", זאָלסט בעת מעשה זאָגען צו איהם: „פתוח תפתח את ידך", זיי נישט געפאַלען ביי זיך, דער אויבערשטער וועט דיר העלפען, און אויך דו וועסט נאָך אַמאָל קענען געבען גרויסע נדבות...

„גדול המעשה — זאָגען די חז"ל — יותר מן העושה", און דאָס איז מרומז דאָ אין פסוק: „על כן אָנכי מצוך לאמר", נישט בלויז דו אַליין זאָלסט

געבען, נאָר עס ליעגט אויך די פליכט אויף דיר — „לאמר", אויך דעם צווייטען צו אגיטירען און צו זאָגען צו איהם: פתוח תפתח את ידך"!...

(בעל סדר הזורנות)

כי טוב לו עמך... (טו. טז.)

„מלמד שאינו יכול הרב לומר לעבדו: עשה עמי ואיני זנך" (כתובות מ"ג)

דען דאָס וואָרט „עמך" בעדייט אין העברעאישען: גלייכהייט, גלייך מיט דיר... ווי מיר געפינען אין מדרש-רבה פ' לך: „מתחלה כתיב וילך אתו לוט, אברם עיקר ולוט טפל לו, ובחזירתו כתיב ויעל אברם ולוט עמו", און דערפון, אַלזאָ, נעהמען עס די חז"ל דעם דרש, וואָרום „כי טוב לו עמך", איז דער פשט: גלייכע רעכט און גלייכע זכיות...

(תורה תמימה)

שופטים

שופטים ושוטרים תתן לך... (טז. יח.)

„לך", אפילו פאר דיר, וואס דו האסט איהם געהאלפען ארויפזעצען אויפ'ן כסא-הרבנות — אויך פאר דיר זאל ער זיין רב... אויך דיר איז ער מחויב צו מוסר'ן און אויך דו ביזט איהם מחויב צו פאלגען...

(חתם סופר)

„תתן לך" — דעם זעלבען משפט, וואס דו ווענדעסט-אן צו דיין חבר, זאלסטו אויך אנווענדען „לך", בנוגע צו דיר זעלבסט. זיי נישט צו יענעם א מחמיר און צו זיך א מקיל, פערלאנג נישט פון צווייטען, ער זאל זיין בע-סער און פרומער, ווי דו אליין ביזט...

(תולדות יעקב יוסף)

שופטים ושוטרים תתן לך וכו', אשר ד' אלקיך נותן לך...

אויסקלויבען זאלסטו דיר נאר אזעלכע שופטים ושוטרים, „אשר ד' אלקיך נותן לך", וועלכע זאלען דיר געבען א שם אלקיך, א גאט אין הארצען.

(רבי נתן מאקאווער)

ולא תקח שוחד כי השוחד יעור עיני חכמים... (טז. יט)

„בב' וג' מקומות — ווערט געזאגט אין מדרש (שמות רבה פרק ו') — כתבה התורה טעם למצוה, כתב לא ירבה לו סוסים וכו' עמד שלמה והחכים על גזירתו של הקב"ה וכו'".

פרעגט די וועלט: אויך ביי שוחד ווערט דאך אין דער תורה אנגעג-וויזען א טעם: „כי השוחד יעור עיני חכמים", טא פארוואס האט שלמה המלך אויך דערביי נישט געפרובט זאגען, אז איהם וועט עס נישט שאדען?

דער תירוץ איז: ביי די אַלע דערמאָהנטע מצוות, ביי וועלכע עס ווערט אָנגעגעבען אַ טעם, פאַרוואָס מ'טאָר עס נישט טהון, ווי „לא ירבה לו סוסים״ און „לא ירבה לו נשים״, האָט שלמה המלך גערעכענט, אַז זיי זענען נאָר געגעבען געוואָרען פאַר׳ן פּראָסטען פאָלק, אויס מורא, אַז זיי וועלען דאַדורך לייכט אַראָבגעפיהרט ווערען פון ריכטיגען וועג, ער אָבער, אַלס חכם, איז געווען זיכער ביי זיך, אַז ער וועט זיך קענען בעהערשען, זיין נענוג פאָרזיכטיג און נישט געשטרויכעלט ווערען. אַנדערש אָבער איז מיט דער אזהרה פון שוחד. דאָ האָט ער זיך שוין נישט געקענט טועה זיין און מיינען, אַז דאָס איז געגעבען געוואָרען נאָר פאַר׳ן פּראָסטען פאָלק, דען עס ווערט דאָך בפירוש בעטאָנט, אַז די תורה ווענדעט זיך דערמיט אויסדריק-ליך צו די חכמים — „כי השוחד יעור עיני חכמים״...

(רבי לייביש חריף)

צדק צדק תרדוף למען תחיה וירשת... (טז. כ.)

„כדאי הוא מנוי הדיינין הכשרים להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתן״ (רש״י)

„חרב באה לעולם — זאָגען די חז״ל אין אבות — על עוות הדין״, „גלות באה לעולם על עבודת אלילים״, און ווידער זאָגען די חז״ל אין סנהדרין: „המעמיד דיין שאינו הגון כאלו נוטע אשירה״. אונפּאַסיגע דיינים זענען אַלזאָ גורם צו ביידע זאַכען, צו חרב און צו גלות. ווי באַלד אָבער מען איז ממנה דיינים כשרים, קומט ממילא אויס פערקעהרט, זענען זיי גורם צום היפוך פון „חרב״ און „גלות״ — „להחיות את ישראל ולהושיבן על אדמתן״...

(בנין אריאל)

לא תסור מן הדבר אשר יגידו לך ימין ושמאל... (יז. יא.)

„אפילו נראין בעיניך על שמאל שהוא ימין ועל ימין שהוא שמאל שמע להם״ (ספרי)

דאָגעגען אין ירושלמי (הוריות פ״א ה״א) ווערט געזאָגט אויפ׳ן דאָזי-גען פסוק: „יכול אם יאמרו לך על ימין שהוא שמאל ועל שמאל שהוא ימין תשמע להם? ת״ל ימין ושמאל, כשיאמרו לך על ימין שהוא ימין ועל שמאל שהוא שמאל״.

דער מאמר אין ירושלמי איז אָבער כלל נישט קיין סתירה צום דער-מאָהנטען מאמר אין ספרי, דען דאָרט ווערט בלויז געזאָגט: „ואפילו נראין בעיניך על שמאל שהוא ימין וכו׳״, עס הייסט, דיר בלויז דוכט זיך, אַז

דער „ימין" איז „שמאל" און פערקעהרט, אָבער אין דער ווירקליכקייט איז עס נישט אַזוי... אויך די ווערטער פון רש"י: „אפילו אומר לך על ימין שהוא שמאל", ווערען וואהרשיינליך געמיינט אינ'ם זעלבען זין...

(רבי ברוך עפשטיין)

וכי יבא הלוי מאחד שעריך וכו' ובא בכל אות נפשו אל המקום אשר יבחר ד'... (יח. ו.)

עס שטעהט נישט סתם: „ובא אל המקום אשר יבחר ד'", נאָר „ובא בכל אות נפשו", דען קיין ארץ-ישראל — פלעגט דערויף זאָגען רבי דוד'ל קאָצקער — דאַרף מען געהן מיט „אות נפש", נור דאַן, ווען מען פיהלט אין זיך אַן'אינערליכע תשוקה און אהבה צום לאַנד. אויב מען האָט נישט אין זיך די דאָזיגע אהבה איז גלייכער צו זיצען אין דער היים...

וכל העם ישמעו ויראו... (יז. יג.)

„מכאן שממתינים לו עד הרגל" (רש"י)

דערויף ווערט געפרעגט אין פירוש המזרחי: פאַרוואָס זאָגט נישט רש"י דאָס זעלבע אויך אויפ'ן „וכל ישראל ישמעו ויראו" ביי בן סורר ומורה?

ענטפערט דערויף דער חדושי-הר"ים, אַז ביי בן סורר ומורה קאָן נישט זיין דער „ממתינים לו עד הרגל", דען לויט דער גמרא אין סנהדרין איז דער זמן פון סורר-ומורה נאָר דריי חדשים, און אויב די מעשה פון סורר-ומורה וואָלט פאַסירט, למשל, אין האַלב סיון, וואָלט דאָך דאַן אויסגעקומען, אַז ביז צום נעכסטען יום-טוב וואָלט מען געדאַרפט וואַרטען ביז סוכות, און דאָס איז דאָך געגען דעם בעשטימטען טערמין, אַז ביי בן סורר ומורה דאַרף דער זמן נישט דויערן לענגער ווי דריי חדשים...

לבלתי רום לבבו מאחיו... (יז. כ.)

„תלמיד חכם צריך שיהא בו אחד משמונה בשמינית" (סוטה ה')

דער דאָזיגער מאמר, אַז אַ תלמיד-חכם דאַרף האָבען אין זיך אַ ביסעל גאוה אין אַ גאַנץ קליינע דאָזע, שטיצט זיך וואהרשיינליך אויף אַ פריהער-דיגען מאמר דאָרט, וואו עס ווערט געזאָגט: „לעולם ילמד אדם מדעת קונו, שהרי הקב"ה הניח כל הרים וגבעות והשרה שכינתו על הר סיני". איז דאָך

אין פלוג קשה: אום צו לערנען די מענשען די מדה פון עניוות, האט דאך די שכינה בכלל נישט געדארפט רוהען אויף קיין בארג, נאר אין א טהאל? איז דערפון אלזא משמע, אז א קליין ביסעל גאוה איז יא נויטיג. אבער פארוואס גראד א שמינית שבשמינית, א פיעראונזעכציגסטעל טייל?

ווייל בשעת השי"ת האט געוואלט געבען אידען די תורה, דערצעהלען די חז"ל (מגילה כ"ט), האבען זיך די בערג גענומען קריגען: „זה אומר עלי התורה ניתנת וזה אומר עלי התורה ניתנת, תבור בא מבית אלים וכו'". וועגען הר תבור, וועלכער האט קאנקורירט מיט'ן סיני און האט פערלאנגט, אז נאר אויף איהם זאל געגעבען ווערען די תורה, ווערט געזאגט (אין בבא בתרא ע"ג), אז ער האלט פיער פרסאות, דער הר-סיני דאגעגען האט געהאלטען ת"ק אמה, ווי מיר לערנען אין מס' מדות (פרק ב' משנה א'), אז דער הר-המוריה האט געהאלטען ת"ק אמה על ת"ק אמה, און אין תענית ט"ז זאגט רש"י: „הר המוריה — הר סיני" (און אזוי זאגט אויך תוספות דארט). א פרסה איז פיער מילין, נמצא, אז דער הר תבור האט געהאלטען זעכצעהן מילין, א מיל איז צוויי טויזענד אמה (ווי די מאס פון א תחום-שבת), הייסט עס צוזאמען: צוויי און דרייסיג טויזענד אמה, און היות ווי דער הר סיני האט נאר געהאלטען ת"ק אמה, הייסט עס — א פיער און זעכציגסטע חלק אינ'ם פערגלייך מיט'ן הר-תבור, א שמינית שבשמינית...

(עונג נפש)

וחובר חבר ושואל אוב וידעוני ודורש אל המתים... (יח. יא.)

„...אין די איצטיגע צייטען — שרייבט רבי יעקב חאגיז אין זיין ספר „עץ-החיים" — ווען מיר דערנעהנטערען זיך שוין צום „אחרית הימים" און דאס געטליכע ליכט האט זיך שוין פערשפרייט אויף אלע מענשליכע בעשעפענישען און אלע זענען איבערצייגט, אז „אין עוד מלבדו", זענען שוין לאנג בטל געווארען די דאזיגע כחות-הטומאה און נור קינדער און שוטים זענען נוטה צו גלויבען אין כח פון כישוף און אין דער עקזיסטענץ פון מכשפים"...

וועגען דער בעלת-אוב, וועגען וועלכער עס ווערט דערצעהלט אין פסוק (שמואל א' כ"ח), אז זי האט דורך כישוף ארויסגעפיהרט דעם פערשטארבענעם שמואל הנביא און איהם געוויזען פאר שאול'ן, וועלכער האט גערעדט מיט איהם, ערקלערט רב האי גאון, ווי אויך רבי סעדיה גאון, אז

נישט די בעלת-אוב האט דאס געטהון, נאר די נשמה פון שמואל האט לויט׳ן געטליכען ווילען אראבגענידערט פון הימעל, כדי מודיע צו זיין שאול׳ן די נאהנטע טרויעריגע געשעהענישען, וועלכע עס ערווארטען איהם. דער רלב״ג געהט נאך ווייטער און לויט זיין מיינונג האט שאול בכלל נישט גערעדט מיט שמואל׳ן, נאר עס איז געווען בלויז א פראדוקט פון זיין קראנקער פאנטאזיע און דענערווירטען צושטאנד, אין וועלכער ער האט זיך געפונען זינט שמואל האט איהם ערקלערט, אז ער וועט בעזייטיגט ווערען פון דער מלוכה, און דאס אייגענטליך איז דער זין פונ׳ם מאמר חז״ל (מדרש שמואל ס׳ ל״ד): „שלשה דברים נאמרו במעלה אוב, המעלהו רואהו ואינו שומע, מי שצריך לו שומעו ואינו רואהו, מי שאינו צריך לו לא שומעו ולא רואהו״, אז דאס אלץ איז פאקטיש נישט מעהר ווי די ווירקונג פונ׳ם דמיון, פון דער פאנטאזיע. דאס זעלבע זאגט אויך דער רמב״ם, וועלכער דריקט זיך אויס: „שכל זה הוא פעולת הדמיון ושאין בו השגה חושיית לא בראות ולא בשמע כלל״. געגען דער דאזיגער מיינונג טרעט ארויס דער אברבנאל, אנ-ווייזענדיג, אז דאס איז אין סתירה צו דעם, וואס ווערט דערצעהלט אין פסוק און עס איז אויך געגען דער דעת חז״ל. לויט זיין מיינונג האט זיך א שד מתלבש געווען אין שמואל׳ס קערפער און גערעדט מיט שאול׳ן. דא-געגען אבער ערקלערט דער גאון רבי שמואל בן חפני, אז עס האט בכלל גארנישט פאסירט און אז די גאנצע זאך איז געווען נישט מעהר ווי אנ-איינפאכער שווינדעל מצד דער בעלת׳אוב, וועלכע האט שאול׳ן גענארט און האט פונדערווייטענס גערעדט צו איהם מיט א געקינסטעלטע מענער-שטימע, נאכמאכענדיג מכלומרשט שמואל׳ס קול און דער דערשלאגענער און נערווען-קראנקער שאול האט דאס אלץ אנגענומען פאר וואהר און עס האט זיך איהם אויסגעדוכט, ווי ער וואלט געזעהן שמואל׳ן און גערעדט מיט איהם...

ועשיתם לו כאשר זמם לעשות לאחיו... (יט. יט.)

„כאשר זמם — ולא כאשר עשה, מכאן הרגו אין נהרגין״ (רש״י)

דאס זעלבע זאגט אויך רש״י אויפ׳ן מאמר „הרגו אין נהרגין״ אין חולין י״א: „דכתיב כאשר זמם ולא כאשר עשה״, דאגעגען אין מכות ה׳ ערקלערט רש״י, אז דער דיוק פון „הרגו אין נהרגין״ ווערט ארויסגעדרינגען פון די ווערטער „לעשות לאחיו״ — „לאחיו משמע שעדיין אחיו קיים״. פארוואס זאגט דארט רש״י אנדערש, ווי אין די צוויי פריהער דערמאהנטע שטעלען?

אגב, דאס לשון „כאשר זמם ולא כאשר עשה״ קלינגט ווי עס וואלט געווען א לשון-חז״ל. וואו געפינט זיך אזא מאמר?

(הרב אליהו קמחי)

וועגען דעם טעם פון „כאשר זמם ולא כאשר עשה" און „הרגו אין נהרגין", ווערען געגעבען פערשידענע ערקלערונגען. דער רמב"ן, למשל, פרובט עס ערקלערען דערמיט, ווייל קוים איז שוין אויף יענעם אויסגעפיהרט געוואָרען דער טויט-אורטייל, נעהמען מיר אָן, אַז דאָס גופא בעווייזט, אַז די עדות האָבען געזאָגט אמת און דער פער׳משפט׳ער האָט זיין שטראָף פערדיענט, וואָרום אין געגענטייל וואָלט מען פון הימעל נישט געוועזען צוגע-לאָזט, אַז עס זאָל דורך די שופטים פערגאָסען ווערען אונשולדיג בלוט, דען „ד׳ לא יעזבנו בידו ולא ירשיענו בהשפטו"... גאַנץ איינפאַך אָבער און לאָגיש ווערט עס ערקלערט דורכ׳ן ברטנורה אין זיין פירוש אויף תורה. און נעמליך: ווי די חז"ל ווייזען אונז אָן אין פערשידענע ערטער האָבען די סנהדרין ביי אידען אויסגעמיטען מיט אַלע מעגליכקייטען אויסצופיהרען אַ טויט-אורטייל, אָנווענדענדיג דערביי די פערשידענסטע חומרות און בעוואָ-רענישען, אַזוי ווייט, אַז „סנהדרין ההורגת אחת לשבעים שנה נקראת חובלנית". ווען, אַלזאָ, דאָס געזעץ וואָלט געזאָגט, אַז נאָכדעם ווי מען האָט אויפ׳ן גרונד פון עדות אויסגעפיהרט אויף איינעם אַ טויט-אורטייל און די קרובים פון פעראורטיילטען ברענגען דאַן אַנדערע עדות, וועלכע זענען מזים די ערשטע עדות, זאָל מען דאַן אויך יענעם פעראורטיילען צום טויט, וואָלט דאָס געעפענט אַ וועג פאַר אָהן אַ שיעור הריגות און רציחות, דען דאַן איז דאָך נישט אויסגעשלאָסען, אַז די קרובים פון די צום טויט-פעראור-טיילטע ערשטע עדות זאָלען ווידער ברענגען אַנדערע עדות, וועלכע זאָלען מזים זיין די צווייטע עדות און אַזוי אָהן אַ סוף... און דעריבער האָט מען בעשלאָסען: „הרגו אין נהרגין"! קוים איז שוין דאָס טרויעריגע געשעהען און מען האָט אויפ׳ן גרונד פון עדות פער׳משפט אַ מענשען צום טויט, איז די זאַך געענדיגט, צו קיין פרישע רציחות און בלוט-פערגיסונגען אַלס רע-זולטאַט פונ׳ם זעלבען משפט, טאָר מעהר נישט דערלאָזט ווערען. גענוג!...

ולא תחוס עינך, נפש בנפש, עין בעין וכו׳ (יט. כא.)

פאַרוואָס שטעהט דאָ: „נפש בנפש, עין בעין וכו׳", און נישט, ווי אין פ׳ משפטים און אין פ׳ אמור — „עין תחת עין, שן תחת שן וכו׳"?

מחמת דאָס וואָרט „תחת" בעדייט: פערנעהמען דאָס אָרט פון אַ פרי-הערדיגע זאַך, וועלכע עקזיסטירט נישט מעהר, ווי, למשל: „כי שת לי אלקים זרע אחר תחת הבל", „תחת אבותיך יהי׳ בניך" וכדומה, דאַגעגען די ב׳ אַלס פערבינדונגס-צייכען אַנשטאַט דעם וואָרט „תחת", בעדייט: פערנעהמען דאָס אָרט פון אַ זאַך, וועלכע בלייבט אויך ווייטער עקזיסטירען, ווי, למשל,

„ולא ימיר אותו טוב ברע או רע בטוב" וכדומה. אין פ׳ משפטים און אין פ׳ אמור רעדט זיך אין פאל, ווען איינער האט דעם צווייטען ווירקליך אויסגעהאקט אנ׳אויג, אדער א צאהן, געשיקט זיך דערויף צו זאגען „עין תחת עין, שן תחת שן", אנשטאט דאס פערניכטעטע אויג, אנשטאט דעם אויסגעשלאגענעם צאהן. דא דאגעגען רעדט זיך ווענען עדים זוממים, און דער דין איז דאך ביי עדים זוממים: „כאשר זמם ולא כאשר עשה", אז זיי ווערען בעשטראפט מיט׳ן זעלבען עונש נור אין דעם פאל, ווען מען האט באכנישט בעוויזען אויפ׳ן גרונד פון פאלשע עדות אויסצופיהרען איבער יענעם דעם אורטייל, און דעריבער ווערט דא געברויכט דער אויסדרוק: „נפש בנפש, עין בעין, שן בשן וכו׳", דען באמת איז דאך דא דער ערש-טער נפש נישט אומגעבראכט געווארען און קיין אויג און צאהן האט מען יענעם פאקטיש נישט אויסגעשלאגען...

(קול אומר קרא)

ומי האיש אשר נטע כרם ולא חללו.. (כ. ו.)

„ולא חללו — לא פדאו בשנה הרביעית" (רש"י)

דאגעגען אין תרגום יונתן בן עוזיאל ווערט געזאגט אויפ׳ן דאזיגען פסוק: „ומאן גברא די נטר כרמא ולא פרקיה מן כהנא".

א פלא! וואו געפינען מיר דען, אז א כרם דארף אויסגעלייזט ווערען דורך א כהן?

כי תצור אל עיר ימים רבים וכו׳ לא תשחית את עצה... (כ. יט.)

ווי אזוי — ווערט דערויף געפרעגט — האט אלישע אין זיין ווענ-דונג צו די מלכי ישראל ויהודה, בשעת זיי זענען געגאנגען מלחמה האלטען מיט מואב, זיי בעפויהלען: „והכיתם כל עיר מבצר וכו׳ וכל עץ תפילו וכל מעיני מים תסתמו וכו׳" (מלכים ב׳ ג.) געגען דעם געבאט פון דער תורה?

עס איז א בעקאנטע פראגע, איבער וועלכע די פערשידענסטע מפרשים בעמיהען זיך צו געבען אנ׳ענטפער, אבער קיין איינע פון די געגעבענע ערקלערונגען בעפרידיגען נישט.

כי ימצא חלל באדמה... (כא. א.)

דער אויסדרוק „חלל", זאָגט דער מלבי"ם, בעציהט זיך נישט אויף קיין שום אַנדערען מת און הרוג, נאָר אויף אַ „חלל-חרב", אויף אַזעלכען, וועלכער איז דערשטאָכען געוואָרען מיט אַ שווערד. פרעגט זיך: עס איז דאָך אַ בפירושער פסוק אין איכה (ד. ט.) „טובים היו חללי חרב מחללי רעב"...

(כנסת הגדולה)

ויצאו זקניך ושופטיך ומדדו אל הערים וכו' (כא. ב.)

פערשיעדענע טעמים ווערען געגעבען וועגען דעם זין פון דער מצות עגלת-ערופה. גאַנץ איינפאַך אָבער ערקלערט עס דער רמב"ם אין מורה-נבוכים: דאָס פערזאַמלען זיך פון די זקנים, דאָס אויסמעסטען דעם שטח צו די נאָהנטע שטעדט, און דאַן דאָס דורכפיהרען די פּראָצעדור פון דער עגלה-ערופה, דער ודוי פון די זקנים און דאָס אויסשרייען: „ידינו לא שפכו את הדם הזה!" דאָס אַלץ וועט ווירקען פּאָפּולער צו מאַכען דאָס געשעהעניש פון דעם אונבעקאַנטען מאָרד, מען וועט אין דער גאַנצער סביבה אַרום אָנהויבען צו רעדען וועגען דעם און דאָס וועט מיטהעלפען צו ענטדעקען די שפּורען פון'ם מערדער...

כִּי תֵצֵא

ולקחת לך לאשה... (כא. יא.)

„לא דברה תורה אלא כנגד יצר-הרע" (רש"י)

דער „ולקחת לך לאשה" איז דאָס ווירקזאַמסטע און איינציגע מיטעל „כנגד יצר-הרע". בשעת אַ מענש איז פערהאָרעוועט און פער'דאַגה'ט, שלעפענדיג אויף זיך דעם עול אשה ובנים, האָט ער דאַמאָלס נישט דעם קאָפּ צום יצר-הרע און צו די אַלע נאַרישע און זינדיגע מחשבות...

(תולדות יעקב יוסף)

והבאתה אל תוך ביתך... (כא. יב.)

כדי ער זאָל זיך נישט לאַנג האַלטען מיט דער יפת-תואר, האָט די תורה געהייסען, זיי זאָלען נישט וואוינען בעזונדער, נאָר ער זאָל זי אריינגעהמען צו זיך אין הויז. ווען ער וועט זיין מיט איהר גאַנצע טעג צוזאַמען, וועט זי איהם גיך נמאס ווערען...

(אלשיך)

והיה אם לא חפצת בה ושלחתה לנפשה... (כא. יד.)

„הכתוב מבשרך שסופך לשנאותה" (רש"י)

דער דאָזיגער דרש איז גענומען פון ספרי, און דערויף בעמערקט דער ראַ"ש: „לא ידעתי מהיכן דרשו זה".

ענטפערט אויף דעם רבי גבריאל ניקעלשבורגער:

עס ווערט געבראַכט, אַז דערפאַר שרייבט מען אין אַ כתובה: „כך וכך ימים בחודש" און אין אַ גט — „כך וכך ימים לירח פלוני", ווייל ביי נישואין געפינען מיר אין פסוק דאָס וואָרט „חדש" — „כי יקח איש אשה חדשה", דאַגעגען ביי גירושין דאָס וואָרט „ירח" — „גרש ירחים"... אויף אַזאַ אופן איז דאָך אַלזאָ קשה דאָ דער פסוק: „ובכתה את אביה ואת אמה ירח ימים", דאָ רעדט זיך דאָך ביי נישואין, דען באַלד נאָכדעם שטעהט

דאָך: „ואחר כן תבוא אליה ובעלתה", טאָ ווי קומט דאָ אַהער דאָס וואָרט „ירח", דאָס לשון פון אַ גט? און אָט דערפון דרינגט דער דרש: „הכתוב מבשרך שסופך לשנאותה". דער פסוק האָט, הייסט עס, באַלד אין תחילת ביי די נישואין, פאָראויסגעזעהען דעם „ירח", אַז עס וועט דערנאָך קומען צו אַ גט...

כי יהיה לאיש בן סורר ומורה... (כא. יח.)

דער דין פון בן סורר ומורה איז דורך די חז"ל בעגרעניצט געוואָרען מיט אַזויפיעל בעדינגונגען און אויסנאַהמען, וועלכע האָבען פאַקטיש אונמעגליך געמאַכט, אַז אַזאַ משפט זאָל ווירקליך אַמאָל קענען פאָרקומען. פון וואָרט „בן" ווערט געדרשנ'ט: בן — ולא בת, בן — ולא טומטום ואַנדרוגינוס, בן — ולא קטן, בן — ולא גדול (בלויז אין דער צווישענצייט פון אַ קטן און אַ גדול, וואָס עס איז נישט מעהר ווי דריי חדשים), בן — ולא הראוי לקרותו אב; פון „ותפשו בו אָביו ואמו" איז משמע, אַז ער ווערט נישט געמשפט, אויב איינער פון די עלטערען איז ביני לביני געשטאָרבען, אויב איינער פון זיי איז אַ בעל-מום אָהן אַ האַנד („ותפשו בו",ביידע זאָלען איהם קענען אָננעהמען מיט די הענד און פיהרען צום בית-דין), אויב איינער פון זיי איז אַ הינקענדיגער (עס דאַרף זיין „והוציאו אותו", ביידע זאָלען געהן מיט איהם), אויב איינער פון זיי איז אַ בלינדער (זיי דאַרפען קענען אָנווייזען און זאָגען: „בננו זה"), אויב איינער פון זיי איז אַ טויבער אָדער אַ שטומער („איננו שומע בקולנו", ביידע דאַרפען קענען ריידען און הערען) און דער עיקר — היות ווי עס שטעהט נישט „בקולינו", נאָר „בקולנו", אַ לשון יחיד, איז משמע, אַז ביידע, דער פאָטער און די מוטער, דאַרפען בעזיצען די זעלבע עהנליכע שטימע, ביידע דאַרפען זיי אויך האָבען די זעלבע מראה און דעם זעלבען וואוקס, זאַכען, וואָס זענען בטבע אויסגעשלאָסען — און דעריבער זאָגט טאַקי רבי שמעון, אַז בן סורר ומורה „לא היה ולא עתיד להיות, ולמה נכתב? דרוש וקבל שכר"..

ואמרו אל זקני עירו בננו זה סורר ומורה... (כא. כ.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „בננו חסר יו"ד. כאילו עבר על י' הדברות".

אונפערשטענדליך! דאָ רעדט זיך דאָך וועגען איין זוהן, אַ יחיד, טאָ ווי אַזוי קאָן גאָר זיין אַ הוה אמינא, אַז „בננו", אַ יחיד, זאָל זיין מיט אַ יוד?...

לא תלין נבלתו על העץ וכו׳
כי קללת אלקים תלוי... (כא. כג.)

לויט דער ערקלערונג פון רשב״ם ווערען דא מיט׳ן ווארט „אלקים״ געמיינט די דיינים, די שופטים, וועלכע האבען ארויסגעגעבען דעם טוידט-אורטייל, און דער זין איז: „כי קללת אלקים תלוי״, דערמיט, וואס מען וועט דעם פער׳משפט׳ן לאזען הענגען אויפ׳ן בוים, איז עס עלול ארויסצו-רופען די אויפרעגונג פון די דורכגעהער, וועלכע וועלען שעלטען דאס בית-דין, וואס האט אויף איהם אזא הארבען אורטייל ארויסגעגעבען... (אויף אנ-עהנליכען אופן ווערט אויך דער דאזיגער פסוק געטייטשט דורך מהר״י קארו).

שלח תשלח את האם וכו׳ למען ייטב לך
והארכת ימים... (כב. ז.)

„לא גילה הקב״ה מתן שכרן של מצוות — ווערט דערויף געזאגט אין מדרש-רבה — חוץ משתי מצות וכו׳ כיבוד אב ואם ושילוח הקן״.

פרעגט זיך: אויך ביי דער מצוה פון „שום תשים עליך מלך״ געפינען מיר דאך די ברכה פון אריכת-ימים: „למען יאריך ימים על ממלכתו הוא ובניו״ (דברים יז. כ.), ווי אויך אין דער פרשה פון קריאת-שמע — „למען ירבו ימיכם״ ?

נאך דער מדרש, ווי עס ווייזט אויס, רעכענט אויס בלויז יענע ברכות פון אריכת-ימים, צו וועלכע עס ווערט אויך צוגעגעבען די ווערטער „למען ייטב לך״, נישט בלויז א לאנג לעבען, נאר אויך — א גוט לעבען, און דאס ווערט געזאגט נאר ביי כיבוד אב ואם און שילוח-הקן...

(מעדני מלך)

לא תחריש בשור ובחמור יחדו... (כב. י.)

לויט׳ן אבן-עזרא איז דער פשוטער טעם דערביי, ווייל דער אייזעל איז בעדייטענד שוואכער פונ׳ם אקס און עס פערשאפט איהם גרויס צער בעת ער ווערט געצוואונגען צו געהן אין שפאן און נאכצולויפען נאכ׳ן שטארקערען אקס, וואס עס איז איבער זיינע כחות...

וכתב לה ספר כריתות... (כד. ג.)

ביי אַנ'אשה שנשתטית ר"ל איז דער דין, אַז מען קאָן אַרויסבעקומען אַ היתר מֵאָה רבנים צו מעגען התונה האָבען אָהן אַ גט און נישט עובר צו זיין אויף חרם דרבינו גרשום. דער נודע ביהודה (חלק אבן העזר ס' ג') איז דערביי מקיל, אַז מען דאַרף נישט דוקא מֵאָה רבנים, נאָר מֵאָה לומדים איז אויך געגוג.

זאָגט מען דערויף בדרך הלצה, אַז היינטיגע צייטען איז דאָס נישט קיין קולא, נאָר אַ חומרא, דען ס'איז אַ סך לייכטער צונויפצוקלויבען הונדערט רבנים, איידער הונדערט לומדים...

(חלי דבש)

ארבעים יכנו לא יוסיף... (כה. ג.)

„בספר תורה כתיב ארבעים ואתו רבנן בצרי חדא" (מכות כ"ב)

און דאָס איז די גרעסטע רבותא פון די רבנן, דער גרעסטער שבח, אַז—זיי זענען בכח אויסצולייזען אַ אידישע פלייצע פון אַנ'איבריגען קלאַפּ...

(דברים נחמדים)

זכור את אשר עשה לך עמלק... (כה. יז.)

דעריבער האָט אונז די תורה אַזויפיעל מאָל אָנגעזאָגט און דעריבער טראָגען מיר אַזאַ פערביטערונג אויף עמלק'ן, ווייל די מלחמה, וואָס עמלק האָט פערפיהרט געגען די אידען האָט צו זיך קיין גלייכען נישט מיט איהר באַרבאַריזם, נישט האָבענדיג אַבסאָלוט קיין שום גרונד און קיין שום מאָטיוו דערצו. האָט ער אפשר געהאַט מיט אונז סכסוכים וועגען גרעניץ-פראַגען? —ניין, „אשר קרך בדרך", אין וועג האָט ער אונז געטראָפען, ווייט פון זיין לאַנד, ווייט פון צו האָבען מיט איהם אַ וועלכע עס איז שכנות! האָט ער פיללייכט געהאַט מיט אונז אַלטע חשבונות פון פריהערדיגע צייטען, פאַר וועלכע ער האָט איצט געפינען אַ געלעגענהייט זיך אָבצורעכענען? — ניין, „בצאתך ממצרים", מיר זענען דאַן נאָר-וואָס אַרויס פון מצרים, וואו מיר זענען געוועזען הונדערטער יאָהרען אין גלות און מיר האָבען נאָכנישט בעוויזען קיין זעלבסטשטענדיג פאָלק צו ווערען און וועמען עס איז אָנצוזיהרען! האָט ער זיך אפשר געשראָקען פאַר אונזערע אַנגריפס-פלענער? — ניין, „ואתה עיף ויגע", שוואַך און מיעד זענען מיר דאַן געוועזען, אַרומבלאָנדזשענדיג נע-ונד אין דער מדבר, דאַנקענדיג גאָט, אַז מען טשעפּעט אונז נישט! האָט זיך אפשר צופלאַקערט אין איהם אַ שנאה צו

אונז אויפ'ן רעליגיעזען באָדען, ווייל מיר דיענען נישט צום זעלבען גאָט, וואָס ער? ניין, „ולא ירא אלקים", ער איז אַ גאַנץ קנאַפּער „ירא-שמים" געווען און הימעל-זאַכען זענען איהם גאַנץ ווייניג אָנגעגאַנגען... אָהן אַ שום סיבה אַלזאָ, איז ער אונז בעפאַלען, אָהן דעם מינדעסטען גרונד דערצו, און דעריבער — „זכור את אשר עשה לך עמלק... לא תשכח!"...

(רבי יחזקאל ליבשיץ)

דעריבער איז ביי אונז דער כעס אויף עמלק'ן אַזוי גרויס, ווייל עמלק האָט אונז דער ערשטער אויפגעצוואונגען אַ מלחמה, איינצוריכטען אונזערע הענד אין מענשליך בלוט, ווערהענד אונזער שטרעבונג איז געווען צו בע-זעצען זיך אינ'ם לאַנד פון אונזערע אָבות אָהן רציחה און מאָרד, צו דער-גרייכען דאָס אויפ'ן פריעדליכען אופן, ווי די תורה האָט אונז געלערנט: „והיה כקרבך אל עיר ופתחת אליה לשלום"...

(בנין אריאל)

ואתה עיף ויגע וכו'... (כה, יח.)

דער חוזה פון לובלין פלעגט זאָגען: „ואתה עיף ויגע", דו קענסט זיין אַנ'עיף ויגע, אַ מיעדער און אויסגעמאַטערטער פון תעניתים וסגופים, דו קענסט איינרייסען אַ וועלט מיט דיין פרומקייט און דאָך זיין דערביי אַ — „ולא ירא אלקים"...

צום רבי'ן ר' בונם איז געקומען איינער פון זיינע חסידים און זיך מתנצל געווען פאַר איהם, אַז שוין אַ צייט לאַנג, ווי ער איז עוסק אין סיגופים און פאַסט הפסקות, כדי צו דערגרייכען צו הויכע מדרגות, ולסוף פיהלט ער גאָרנישט קיין שום פעולה...

האָט אוהם דער רבי ר' בונם דערויף דערצעהלט אַ מעשה: דער בעל-שם-טוב האָט אַמאָל געהייסען שפּאַנען די פערד, מיט וועלכע ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַריין, און היות ווי עס איז געווען אַ דבר-נחוץ און ער האָט געדאַרפט וואָס-שנעלער קומען אויפ'ן אָרט, האָט ער דורכגעמאַכט דעם וועג מיט קפיצת-הדרך און די פערד זענען געפלויגען פייל אויסען בויגען... פליהענדיג אַזוי איבער'ן וועג האָבען זיך די פערד געוואונדערט, הלמאַי מען שטעלט זיך נישט אָב ביי פערשידענע קרעטשמעס, צו וועלכע זיי זענען שטענדיג געוועהנט געווען, מען זאָל זיי דאָרט מכבד זיין מיט פאַשע. די פערדישע מוחות האָבען דעריבער גענומען טראַכטען, אַז נישט אַנדערש, זיי זענען נישט מעהר קיין פערד, נאָר מענשען, און אַלס מענשען וועלען זיי

בעקומען צו עסען ערשט ווען מען וועט צוקומען צו אַ שטאָדט. מען פליהט אָבער פערביי דורך איין שטאָדט און נאָך אַ שטאָדט און מען שטעלט זיך אַלץ נישט אָב, איז די פערד איינגעפאַלען אַ געדאַנק, אַז מסתמא זענען זיי שוין נישט קיין מענשען, נאָר מלאכים און מלאכים עסען נישט... שפּעטער ווען מען איז ענדליך אָנגעקומען אויפ׳ן בעשטימטען אָרט און מען האָט אריינגעשטעלט די פערד אין שטאַל אַריין, האָבען זיי זיך צוגעכאַפּט צום פרעסען — ווי די פערד...

— מיט׳ן פאַסטען אַליין — האָט דער רבי ר׳ בונם אויסגעפיהרט, ווענדענדיג זיך צום חסיד — ווערט מען נאָכנישט קיין מלאך, דער עיקר איז, ווי אַזוי מען פיהרט זיך נאָכ׳ן פאַסטען...

כִּי תָבוֹא

ואמרת וכו׳ בערתי הקדש מן הבית... (כו. יג.)

דער טעם, פארוואס מען דארף זיך מתודה זיין, אז מען האט מקיים געווען די מצוה פון מעשר, וואס מיר געפינען עס נישט ביי קיין שום אנדערע מצוה, איז דערפאר, ווייל מעשר איז א „ממון שאין לו תובעים", עס איז אזא חוב, וואס קיינער קאן איהם נישט מאהנען, מחמת ער האט דאס רעכט צו ענטפערען יעדען לוי, אז ער וויל עס נישט געבען איהם, נאר א צווייטען לוי, און אין געלד-זאכען, ובפרט נאך בשעת עס איז נישטא ווער עס זאל מאהנען, איז דער מענש בטבע זעהר לייכט נכשל צו ווערען... און דעריבער האט השי"ת בעפויהלען, ער זאל זיך עפענטליך מתודה זיין אין בית-המקדש, ווי אזוי ער האט זיך נוהג געווען מיט די מעשרות, און דאס וועט איהם אבשרעקען. עפענטליך, אין בית-המקדש, ווענדענדיג זיך מיט זיינע ווערטער צו השם-יתברך, וועט ער מורא האבען צו זאגען ליגען...

(אברבנאל)

לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי... (כו. יג.)

וועגען דעם המשך, וואס עס האט דער „לא עברתי ממצותיך ולא שכחתי" צום „בערתי הקדש מן הבית", ווערט נאכגעזאגט אין נאמען פון מגן-אברהם (געבראכט אין ס׳ שמן ששון) א ווערטעל בדרך הלצה וחדוד.

אין מדרש פ׳ עקב ווערט ערקלערט, אז אויב מען איז נזהר אין מעשרות, זענען דאן נישט שולט קיין עכברים אין דער תבואה (זעה דארט די מעשה מיט רבי פינחס בן יאיר), און דאס איז דאך ידוע, אז אויב מען עסט א מאכל, צו וועלכען עס האבען זיך פריהער צוגעריהרט עכברים, איז עס קשה לשכחה, ווערט דערפון דער זכרון אבגעשוואכט (אזוי ווערט געבראכט אין מס׳ הוריות, אויך אין ש"ע הלכות דרך-ארץ).

און דאס, אלזא, איז דער פשט: „בערתי הקדש מן הבית", כ׳בין געווען נזהר אין דער מצוה פון מעשרות, וממילא — „לא עברתי ממצוותיך ולא שכחתי", בין איך נישט געקומען צו קיין שכחה (דען עס האבען נישט שולט געווען קיין עכברים אין דער תבואה)...

אָרוּר הָאִישׁ אֲשֶׁר יַעֲשֶׂה וכו׳ וְשָׂם בַּסָּתֶר... (כז. טו.)

די אַלע אויסגערעכנטע עלף קללות (זעה אין אבן-עזרא) זענען גע-ווענדעט רק געגען די צבועים, די „עושים בסתר״. די תורה שעלט נישט דעם, וואָס זינדיגט בגלוי, וואָרום אויף אַזעלכען איז נאָך פאַרהאַן אַ האָפ-נונג, אפשר וועט ער נאָך תשובה טהון, דאַגעגען דער „שם בסתר״, דער צבוע — פון איהם וועט שוין קיין גוטס נישט אַרויסקומען, אַזאַ איינער איז שוין אַ פערפאַלענער...

(בית שמואל אחרון)

וְהִלְוִיתָ גּוֹיִם רַבִּים וְאַתָּה לֹא תִלְוֶה... (כח. יב.)

דעריבער ווערען צוגעגעבען די ווערטער „ואתה לא תלוה״, דען עפ״י רוב איז דער סוף פון די, וועלכע ענטלייהען אַוועק זייער געלד, אַז זיי זעהען סוף כל סוף מעהר זייער געלד נישט צוריק און זיי מוזען נאַכהער אַליין אָנקומען נאָך אַ הלוואָה...

(כפלים לתושיה)

יַכְּכָה ד׳ בַּשַּׁחֶפֶת וכו׳ וּבַחַרְחֻר... (כח. כב.)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט רבי שמואל מאָהילעווער וועגען אַ שאַרפע מחלוקת, וואָס קומט-פאָר אין אַ שטעדטעל נעבען ביאַליסטאָק, וואו עס האָט זיך אַריינגעריסען אַ יונגערמאַן, אַ רבי״ש איינִיקעל, און מיט׳ן כח פון דער רבי׳שער תקיפות האָט ער פערכאַפּט די פריי-געוואָרענע כסא-הרבנות, הגם ער איז לויט זיינע קוואַליפיקאַציעס ווייט נישט ראוי דערצו.

האָט רבי שמואל מאָהילעווער דערויף געענטפערט מיט אַ קרעכץ, אַז אויך דאָס געהער בעוה״ר צו די קללות פון דער תוכחה: „יככה ד׳ בשחפת ובהרחר״. „חרחר״ מאַכט: „חצי רב — חצי רבי״...

וְעָבַדְתָּ שָׁם אֱלֹהִים אֲחֵרִים וכו׳ וְהָיִיתָ לְשַׁמָּה לְמָשָׁל וְלִשְׁנִינָה... (כח. לו. לז.)

דו וועסט וועלען נושא-חן זיין ביים גוי און זיך צופּאַסען צו זיינע מנהגים און דיענען זיינע געטער, אָבער אויך דאָס וועט דיר נישט העלפען. אַפילו „ועבדת שם אלהים אחרים״, דאָך — „והיית לשמה למשל ולשנינה״, וועסטו אַלץ זיין צו-שאַנד און צו-שפּאָט...

(לויט׳ן אבן-עזרא)

ועבדת את איביך וכו׳ ברעב ובצמא ובעירם ובחסר כל... (כח. מח.)

די ווערסט איבערגעגעבען ווערען צו אזא פיינד, וואס ער אליין וועט זיין א „רעב וצמא ועירם וחסר כל״, ער אליין וועט זיין א הונגעריגער, א קבצן און ער וועט דעריבער שינדען פון דיר די הויט, פערלאנגענדיג דו זאלסט איהם אויסהאלטען, דו זאלסט איהם דעקען דעם בודזשעט...

(בינה לעתים)

וכל מכה אשר לא כתוב בספר התורה הזאת... (כח. סא.)

דערויף ווערט גע׳דרשנ׳ט: „מכה אשר לא כתוב — זו מיתת צדיקים״.

וואלט דאך אייגענטליך גענוג געווען, עס זאל שטעהן סתם: „מכה אשר לא כתוב״, נאכוואס זענען נאך דערביי נויטיג די ווערטער „בספר התורה הזאת״?

נאר אין מדרש איכה (פרשה א׳ סי ל״ו) ווערט געדרונגען פון א פסוק אין ישעי׳ כ״ט, אז „קשה סילוקן של צדיקים לפני הקב״ה יותר ממאה תוכחות חסר שתים״.

און דאס, אלזא, איז דער פשט פון די ווערטער „אשר לא כתוב בספר התורה הזאת״. דער עונש וועגען מיתת-צדיקים איז נישט געשריבען און ווערט נישט גע׳דרשנ׳ט פון דער תורה, נאר — פון ספר ישעי׳...

(דבש וחלב)

אין לעמבערג איז געשטארבען אנ׳איש-נכבד. ביי דער לויה, אין וועלכער עס האט זיך אויך בעטייליגט רבי יוסף שאול נאטאנזאהן, האט איינער פון די רבנים געהאלטען א הספד און דעם הספד האט ער געלייענט פון א פאפיר ארויס.

א מאדנע זאך — בעמערקט דערויף רבי יוסף שאול מיט א שמייכעל — די חז״ל זאגען: „מכה אשר לא כתוב, זו מיתת צדיקים״, און דא זעה איך גאר פערקעהרט, אז „מיתת צדיקים״ איז — „מכה אשר כתוב״...

בעת עס איז אין ווילנא געשטארבען ר׳ מרדכי אהרן גינזבורג, זענען די פני פון די ווילנער משכילים געקומען צו ר׳ וועלוועלען דעם שטאדט-מגיד, ער זאל איהם מספיד זיין. ר׳ וועלוועלע, וועלכער איז געווען א שטאר-קער געגנער פון השכלה, האט דערצו קיין חשק נישט געהאט, אבער נישט

וועלענדיג איינרייסען זיך מיט די ווילנער משכילים, האָט ער זיי געמוזט צוליעב טהון און מאַכען אַ הספד. דערביי האָט ער זיך אָבער אַן עצה געגעבען. גראָד זענען אין דער זעלבער צייט נפטר געוואָרען צוויי רבנים פון קליינע שטעדטלעך אַרום ווילנאַ, האָט ר׳ וועלוועלע דעם גאַנצען הספד געהאַלטען אויף די צוויי קליינשטעדטעלדיגע רבנים, אָנווייזענדיג מיט פסוקים און מאַמרים אויף דער גרויסער אַבדה פאַר׳ן כלל-ישראל און מעורר געוועזן דעם עולם צו טרעהרען. בלויז צום סוף האָט ער דערמאָהנט, אַז אויך מרדכי אהרן גינצבורג איז געשטאָרבען, זאָגענדיג וועגען איהם אַ פּאָר לעבּליכע ווערטער, ווי פון יוצא וועגען...

די ווילנער משכילים האָט דאָס שטאַרק פערדראָסען, און נאָכ׳ן הספד איז דער דיכטער אד״ם הכהן צוגעגאַנגען צו ר׳ וועלוועלען און איהם געזאָגט:

— איהר ווייסט, מגיד, מיט אייער הספד האָט איהר מיר פערענטפערט אַ פּסוק אין תנ״ך. אין שמואל ב׳ אין ערשטען קאַפּיטעל ווערט דערצעהלט וועגען דעם שליח, וועלכער איז געקומען אָנזאָגען דוד׳ן די טרויעריגע בשורה, אַז שאול און יהונתן זענען געשטאָרבען, רופט איהם אָן דער פסוק „הנער המגיד״. האָט מיך אַלע מאָל געאַרט די קשיא: פאַרוואָס רופט איהם אָן דער פּסוק נאַר (נער). וואָס פאַר אַ נאַרישקייט האָט ער דאָ געטהון? אָבער מיט אייער הספד האָט איהר מיר די קשיא פערענטפערט, מחמת ווי מיר זעהען פון פסוק האָט ער, ברענגענדיג דוד׳ן די טרויעריגע ידיעה, זיך אויפגעפיהרט אַזוי, ווי איהר האָט זיך אויפגעפיהרט אין אייער הספד. ער האָט זיך געמליך אויסגעדריקט: „אשר נס העם מן המלחמה וגם הרבה נפל מן העם וימותו וגם שאול ויהונתן בנו מתו״. די הויפּט-אַבדה, דאָס וואָס שאול און יהונתן זענען געשטאָרבען, האָט ער דערמאָהנט צום סוף, דרך-אַגב, און אָט דאָס טאַקי איז אַ בעוויז, אַז אַ מגיד איז אַ נאַר...

שלינגט אַראָב ר׳ וועלוועלע דעם שטאָך און ענטפערט איהם:

— כ׳וועל אייך דערצעהלען אַ מעשה.

אַ ווילנער סוחר, וואָס האָט געפיהרט גרויסע מסחרים מיט אויסלאַנד, האָט חתונה געמאַכט אַ קינד. צו דער חתונה האָט ער פערבעטען זיינעם אַ גוטען פריינד, אַ רייכען סוחר פון קעניגסבערג. בדחן אויף דער חתונה איז געוועזן דער בעריהמטער יצחק סמאַרגאנער, וועלכער איז געוועזן אַ גרויסער בריה צו זאָגען גראַמען מיט גמטריאות אויף די נעמען פון חתן-כלה און פון די מחותנים, און דער בדחן האָט ביים קעניגסבערגער סוחר גאָר שטאַרק אויסגענומען.

לימים, אין אַ צייט אַרום, האָט דער קעניגסבערגער סוחר חתונה געמאַכט אַ קינד און ער האָט ספּעציעל געשריבען נאָך יצחק סמאַרגאנער און

איהם אַראָבגעבראַכט אויף דער חתונה, ער זאָל אויף זיין שטייגער משמח זיין די מחותנים, די דייטשען. דאַסמאָל אָבער האָט זיך איהם דאָס בדחנות נישט איינגעגעבען און פון די גמטריאות, וואָס ער האָט געפּרובט זאָגען, האָט זיך עפּעס נישט געקלעבט אַ וואָרט צו אַ וואָרט. דער מחותן, דער קעניגסבערגער סוחר, איז געווען אויסער זיך.

— הערר בדחן — ווענדעט ער זיך צו יצחק סמאַרגאנער — וואָס איזט מיט איהנען געשעהן?

— פערשטעהט איהר מיך — ענטפערט איהם דער בדחן — איך בין כל ימי געוואוינט, מען זאָל מיך רופען אויף חתונות, וואו דער חתן הייסט אַברהם, יצחק, משה דוד וכדומה, און די כלה — אסתר, מרים, שרה און דעסגלייכען די מחותנים. אויף אַזעלכע נעמען בין איך אַ בריה צו מאַכען גמטריאות. היינט אָבער בין איך דאָס ערשטע מאָל אויף אַ חתונה, וואו דער חתן הייסט היינריך, די כלה גערטרוד, די מחותנים — איגנאַץ, מאָריץ, בערטאַ, פרידאַ. כ׳ווייס אַפילו נישט, ווי מען לעגט אויס אַזעלכע נעמען, קען איך קיין גמטריאות נישט מאַכען. זעהט איהר, ווען איך וועל האָבען אָפּט אַזעלכע חתונות און וועל זיך איינגעוואוינען אין די דייטשע נעמען, וועט עס שוין ביי מיר געהן אויף אַ דרך.

— דאָס זעלבע — פיהרט אויס ר׳ וועלוועלע — איז מיט מיר. כ׳בין געוואוינט שטענדיג צו זאָגען הספדים אויף צדיקים, רבנים, עהרליכע אידען, און מיט אַזעלכע אידען בין איך ווי ביי זיך אין דער היים, ס׳פעהלט מיר נישט אויס קיין שטאָף. היינט אָבער איז מיר אויסגעקומען דאָס ערשטע מאָל צו זאָגען אַ הספד אויף אַ משכיל, איז נישט קיין חידוש, וואָס ס׳איז מיר נישט געראָטען. זעהט איהר, ווען איך וועל האָבען עפטער אַזעלכע הספדים, וועל איך מיך איינגעוואוינען...

(די וועלט דערצעהלט)

ונתן ד׳ לך שם לב רגז... (כח. סה.)

„שם — בבבל, אבל בארץ־ישראל לא" (נדרים כ״ב)

„...אַ וואונדערליכע זאַך האָבען מיר דערזעהען מיט אונזערע אויגען. יעדער איינער, וועלכער איז אויף זיך מקבל באַהבה צו וואוינען אין ארץ־ישראל, איז איהם דאָס הייליגע לאַנד קולט און פלאַנצט איין אין איהם אַ אונגעהויערע שמחה. זיצענדיג אין דער דירה אין ארץ־ישראל האָט ער דאָס געפיהל, ווי ער וואָלט געזעסען אין גן־עדן, אין אַ קייזערליכען פּאַלאַץ, אַפילו ווען ער וואוינט אין אַ שפל׳דיג מקום, אין דער צייט, וואָס אין חוץ־לאָרץ האָט ער געהאַט הייזער פול מיט כל־טוב"...

(טוב ירושלים פון רבי יצחק פרחי)

.וואויל איז דעם, וועלכער איז זוכה ביים לעבען קובע צו זיין זיין דירה אין הייליגען לאַנד, דען דער, וואָס איז דערצו זוכה, איז ער זוכה צו געניסען פונ׳ם הימלישען טל, וואָס נידערט אויף דער ערד. יעדער איינער, וואָס איז זוכה צו פערבינדען זיך ביים לעבען מיט׳ן דאָזיגען הייליגען לאַנד, איז ער זוכה לעתיד צו פערבינדען זיך מיט׳ן ארץ-הקדש של מעלה״...

(ש״ר)

נִצָּבִים

אַתם נצבים היום וכו׳ ראשיכם שבטיכם וכו׳ כל איש ישראל... (כט. ט.)

אַלע, „מחוטב עציך עד שואב מימיך״, פונ׳ם האָלץ-העקער ביז׳ן וואַסער-טרעגער, אַלע, „טפכם נשיכם״ וכו׳, אַלע ווילען זיי זיין ראשיכם, זקניכם ושוטריכם. אַלע האָבען זיי חשק צו ווערען ראשים און פאָלקס-מנהיגים...

(ערבי נחל)

טפכם נשיכם וכו׳ מחוטב עציך... (כט. י.)

פאַרוואָס שטעהט דאָס וואָרט „טפכם״ באַלד נאָכ׳ן „ראשיכם שבטיכם זקניכם ושוטריכם״, און נישט צום סאַמע סוף, נאָכ׳ן „מחוטב עציך עד שואב מימיך״? אויך זיי, די חוטבי עצים און די שואבי מים, האָבען דאָך קינדער און דער „טפכם״ דאַרף דאָך אויך צו זיי זיין געווענדעט?

נאָר זיי, די פּראָסטע מענשען, די האָלץ-העקער און וואַסער-טרעגער, זיי דאַרף מען נישט אָנזאָגען, אַז זיי זאָלען מיטברענגען די קינדער מיט זיך — זיי טהוען עס סיי-ווי. פּראָסטע מענשען, בשעת זיי פערזאַמלען זיך פאַר׳ן אויבערשטען, אין אַ מקום קדוש, קומען זיי צוזאַמען מיט די קינדער. אָנזאָגען דאַרף מען עס ספּעציעל די שענע בעלי-בתים, די אידען פון דער מזרח-וואַנד, די „ראשיכם, זקניכם ושטריכם״ — זיי טרעפט מען זעלטען אין אַ מקום-קדוש מיט די קינדער צוזאַמען...

(הגיונות אל עמי)

למען הקים אותך היום לו לעם וכו׳ (כט. יב.)

„למה נסמכה פרשת אתם נצבים לקללות? לפי ששמעו ישראל מאה קללות חסר שתים וכו׳ הוריקו פניהם ואמרו, מי יוכל לעמוד באלה״ (רש״י)

פאַרוואָס ווערט נישט געזאָגט סתם: „צ״ח קללות״, נאָר „מאָה קללות חסר שתים״?

נאָר מיט דעם „חסר שתים״ ווערט געמיינט דער „כל חלי וכל מכת אשר לא כתוב״, די צוויי קללות („חלי״ און „מכה״), וועלכע זענען נישט אַרויסגעשריבען בפירוש, און דערויף טאַקי איז „הוריקו פניהם״. מעהר ווי פאַר אַלע אַנדערע קללות האָבען זיי געציטערט פאַר אָט די „חסר שתים״. וואָרום קוים, האָבען זיי זיך געשראָקען, איז נישט אָנגעוויזען דייטליך, וואָס עס ווערט געמיינט מיט די דאָזיגע צוויי קללות, איז מי-יודע וואָסערע אויסטערלישע צרות זיי ענטהאַלטען אין זיך...

(קהלת יצחק)

והיה בשמעו את דברי האלה הזאת והתברך בלבבו וכו׳ (כט. יח.)

און עס וועט זיין, ווען דער רשע וועט הערען די „דברי האלה הזאת״, ער וועט הערען די תוכחה און דאָס, וואָס מען דרשנ׳ט אויפ׳ן „גם כל חלי וכל מכה אשר לא כתוב״, אַז דאָס מיינט מען „מיתת צדיקים״, „והתברך בלבבו לאמר״, וועט ער זיך טראַכטען און זאָגען: „שלום יהיה לי״, וואָס אַהרט עס מיך, וואָס די צדיקים וועלען שטאַרבען אין מיינע זינד?... וואָרענט מען איהם דעריבער: דו זאָלסט עס דיר נישט איינרעדען. „ורבצה בו כל האלה הכתובה בספר הזה״. אין איהם וועט מקוים ווערען די „אלה הכתובה״, די איינפאַכע געשריבענע תוכחה, נישט די גע׳דרשנ׳טע, נישט דער דרש פון „מיתת צדיקים״...

(ארץ החיים)

ושבת עד ד׳ אלקיך וכו׳ בכל לבבך ובכל נפשך... (ל. ב.)

דאָ ווערט דער פסוק נישט פערענדיגט מיט „ובכל מאדך״, דען עס רעדט זיך דאָך וועגען אַחרית-הימים און דעמאָלס וועט שווער זיין צו דינען דעם אויבערשטען מיט „בכל מאודך״, מיט געלד, וואָרום — „אין משיח בן דוד בא עד שתכלה פרוטה מן הכיס״...

(שער בת רבים)

ומל ד׳ אלקיך את לבבך ואת לבב זרעך... (ל. ו.)

דערויף זאָגט דער בעל-הטורים: „את לבבך ואת לבב — ר״ת אלול, לכך נהגו להשכים להתפלל סליחות מר״ח אלול ואילך״.

און אין טור הלכות ר״ה סימן תקפ״א ווערט געזאָגט: „ומנהג אשכנז כשחל ר״ה ביום ה׳ אָז מתחיל לומר סליחות ביום ראשון שלפניו״, אַז סליחות

הויבט מען אן צו זאגען אין דער וואך פון ר״ה, נישט פון אנהויב אלול. ווי זשע קומט עס, וואס דער בעל-הטורים זאל זיך אליין סותר זיין?...

(זאב בערענט)

ולא מעבר לים היא... (ל. יג.)

עפ״י רוב בשעת א איד עמיגרירט קיין אמעריקא, איז ער זיך דארט מתיר א סך זאכען, וואס ער וואלט זיך אין דער היים נישט ערלויבט; ער הויבט אן ארבייטען און האנדלען אום שבת און ווארפט בכלל אראב פון זיך א גרויסען טייל פון די רעליגיעזע דינים, פערענטפערענדיג זיך, אז לעבען עפ״י התורה איז נאר מעגליך דארט אין די לענדער מעבר לים, אבער נישט אין אמעריקא, וואו מען געפינט זיך אין גאנץ אנדערע בע־דינגונגען, צו וועלכע מען איז געצוואונגען זיך צוצופאסען... און דערויף ווערט אלזא געווארענט: „ולא מעבר לים היא״! די תורה איז נישט געגעבען געווארען בלויז פאר די אידען מעבר-לים, „לאמר מי יעבר לנו אל עבר הים ויקחה לנו״, — נאר — „כי קרוב אליך הדבר מאד״, זי איז באהנט און פערפליכטענד פאר דיר איבעראל, וואו דו זאלסט נישט וואוינען און אין וועלכע בעדינגונגען דו זאלסט זיך נישט געפינען...

(הרב יעקב לעווינסאן, ניו-יארק)

ובחרת בחיים למען תחיה... (ל. יט.)

נישט קיין לעבען, אין וועלכען מען זוכט „די צייט צו פערטרייבען״, „די צייט צו פטר׳ן״, נאר א חיים פון „למען תחיה״, א לעבען, וואס זאל בעפרידיגען, וואס זאל זיין פול מיט לעבען...

(דרשות אל עמי)

וַיֵּלֶךְ

תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל באזניהם, הקהל את העם וכו׳ (לא. יא. יב.)

לויט׳ן סדר וואלט דאך אייגענטליך פריהער געדארפט שטעהן: „הקהל את העם וכו׳" און ערשט דאן — „תקרא את התורה הזאת וכו׳?" דען פריהער דארף מען דאך איינזאמלען דאס פאלק און ערשט נאכהער לייענען פאר זיי די תורה?

נאר די כוונה פון פסוק איז: „תקרא את התורה הזאת נגד כל ישראל באזניהם", די תורה, וואס דו וועסט לייענען פאר זיי, זאל בעשטעהן פון — „הקהל את העם", זיי זאלען זיך פערזאמלען, פעראייניגען, זיי זאלען זיך שטענדיג האלטען צוזאמען. אט דאס זאלסטו זאגען, די דאזיגע תורה זאלסטו פאר זיי פארלייענען!...

(געהערט)

הקהל את העם האנשים והנשים והטף... (לא. יב.)

„והטף למה באים — לתת שכר למביאיהם" (חגיגה ג׳)

דעריבער קומט דער שכר למביאיהם, צו די עלטערען, ווייל בשעת מען ברענגט מיט זיך די קינדער, זעהט מען דאן, אז אין פערגלייך מיט זיי, מיט דעם יונגען, אונטערוואקסענדען דור, זענען די טאטעס גאר גרויסע צדיקים...

(רבי שמעון סופר)

דער ראדזינער רבי, ר׳ גרשון העניך, פלעגט זאגען:

אין דער תפלה פון „בריך שמיה" זענען מיר מתפלל: „דתוריך לן חיין בטיבותא ולהוי אנא פקידא בגו צדיקיא". וואס איז עס פאר א סמיכות, וואס פאר א צוזאמענהאנג האט אריכת-ימים מיט צדקות? נאר דער פשט איז אזוי: דאס איז דאך ידוע, אז די וועלט ווערט וואס אמאל שוואכער אין דער אמונה. די פארצייטישע משכילים און אפיקורסים, ווען זיי וואלטען היינט

געלעבט, וואָלט מען זיי, אין פערגלייך מיט די היינטיגע אַפּיקורסים, גע-האַלטען פאַר עהרליכע פרומע אידען, פאַר צדיקים גמורים, בעטען מיר דעריבער דעם רבונו של עולם: „דתוריך לן חיין בטיבותא״, לאָז אונז לאַנג לעבען, „ולהוי אנא פקידא בגו צדיקיא״, ווייל איך דאַן מיט דער צייט, לויט ווי דאָס אידישקייט וועט אויסזעהן אין יאָהרען אַרום, אויך קענען פעררע-כענט ווערען אַלס צדיק...

הן קרבו ימיך למות... (לא, יד.)

רבי מענדעלי קאָצקער האָט שטאַרק פיינד געהאַט לעדיגגעהער, פוסט-און-פאַסניקעס און ער האָט אויך נישט פערטראָגען קיין אריכות. אַלץ האָט געמוזט זיין ביי איהם קורץ און שאַרף און ער פלעגט תמיד מעורר זיין זיינע חסידים, זיי זאָלען געדענקען אינ׳ם „הן קרבו ימיך״.

— איך וויל פון אייך — פלעגט ער צו זיי זאָגען — אַז איהר זאָלט נישט טהון קיין עבירה, נישט ווייל מען טאָר נישט, נור ווייל איהר זאָלט דערצו קיין צייט נישט האָבען...

הן בעודני חי עמכם ממרים הייתם עם ד׳ ואף כי אחרי מותי... (לא, כז.)

פון וואַנען איז די ראַיה און מיט וואָס איז עס אַזאַ זיכערער קל-וחומר? אפשר בשעת משה האָט געלעבט האָבען זיך די אידען ערלויבט צו זינדי-גען, ווייל זיי האָבען זיך סומך געווען, אז משה וועט פאַר זיי מתפלל זיין און זיי בעשיצען, דאַגעגען לאַחר מותו, ווען זיי וועלען נישט האָבען, ווער עס זאָל אויף זיי מגין זיין, וועלען זיי געצוואונגען זיין תשובה צו טהון, ווי מיר געפינען אין סנהדרין ל״ז, וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען די רשעים, וועלכע האָבען געוואוינט אין שכנות פון ר׳ זירא, אַז לאַחר מותו האָבען זיי חוזר געווען בתשובה.

נאָר דעם דאָזיגען קל-וחומר האָט משה געזאָגט אויפ׳ן גרונד פון איי-גענער ערפאַהרונג, דען ביי מעשה-העגל האָבען די אידען געזאָגט: „כי זה משה האיש וכו׳ לא ידענו מה היה לו״, דערויף ערקלערען די חז״ל (ווערט געבראַכט אין רש״י אויפ׳ן אָרט): „כמין דמות משה הראה להם השטן שנושאים אותו באויר רקיע השמים״, אַז זיי האָבען געמיינט, אַז משה לעבט נישט מעהר און דערפאַר האָבען זיי געמאַכט דאָס עגל. און דאָס האָט איצט משה רבינו גע׳טענה׳ט צו זיי: „הן בעודני חי עמכם״, מה דאָך בשעת איך האָב

נאָך באמת געלעבט, נאָר איהר האָט געמיינט בלויז, אַז איך בין געשטאָר-בען, „ממרים היתם עם ד׳״, היינט „ואַף כי אחרי מותי״, ווען איך וועל אויף אַנ׳אמת שטאַרבען, וועט איהר דאָך אַוודאי און אַוודאי זינדיגען...

(מנחת יהודה)

אין דער מדבר, בשעת משה רבינו האָט געלעבט, פלעגט נאָך יעדען חטא, וואָס די אידען זענען בעגאַנגען, תיכף קומען דער עונש. אַזוי איז געווען נאָכ׳ן עגל, נאָך דעם חטא פון די מתאוננים, נאָך דער מחלוקת פון קרח. שפּעטער אָבער, אין ארץ-ישראל, איז דער עונש נישט געקומען באַלד נאָך יעדען חטא, נאָר אין אַ צייט אַרום. משה האָט, אַלזאָ, גע׳טענה׳ט צו די אידען: „הן בעודני חי עמכם היום״, מה-דאָך בשעת מיין לעבען, ווען איהר פלעגט געשטראָפט ווערען תיכף נאָך יעדע זינד, האָט עס פונדעסט-וועגען נישט געהאָלפען און „ממרים הייתם עם ד׳״, היינט בפרט נאָך, „ואַף כי אחרי מותי״, נאָך מיין טויט, וואָרום „כי ידעתי אחרי מותי כי השחת תשחיתון וכו׳״, איך ווייס דאָך, אַז נאָך מיין טויט, בשעת איהר וועט זינ-דיגען, „וקראת אתכם הרעה באחרית הימים״, וועט די שטראָף נישט קומען באַלד, נאָר אין אַ שפּעטערדיגע צייט אַרום, און אויב אַזוי וועט איהר דאָך געוויס נישט אָבהאַלטען זיך פון זינד...

(ווילנער גאון)

וידבר משה וכו׳ את דברי השירה הזאת עד תֻמם... (לא. ל.)

משה רבינו ע״ה — פלעגט דערויף זאָגען דער רבי פון אַלעקסאַנדער, רבי חנוך העניך — האָט אין זיי אַריינגעלערנט אַזוי לאַנג, „עד תומם״, ביז ער האָט זיי גאַנץ געמאַכט...

הַאֲזִינוּ

אל אמונה... (לב. ד.)

רבי משה לייב סאסאווער פלעגט זיך אויס׳טענה׳ן מיט׳ן רבונו של עולם און זאגען: „יהי חסדך השם עלינו כאשר יחלנו לך״! פונקט אזוי ווי מיר, אידען, בעטען און האפען צו דיר, רבונו של עולם, כאטש מיר זעהען דיך נישט און בעגרייפען דיך נישט, נאר מיר האבען בלויז אמונה אין דיר, אזוי זאלסטו אויך אונז אבצאהלען מיט דער זעלבער מדה און הגם דו זעהסט ביי אונז קיין מעשים-טובים נישט, זאלסטו האבען אין אונז אמונה און אונז גלויבען אויפ׳ן ווארט...

עם נבל ולא חכם... (לב. ו.)

עם נבל, א געמיין, זינדיג פאלק, און דערצו ולא חכם, נישט קלוג. וואלטען זיי כאטש קלוג געווען!... א רשע, אויב ער איז קלוג, איז נאך צו דערליידען. אמערגסטען איז א רשע א נאר. פון אזעלכען קאן מען שוין קיין שום גוטס נישט ערווארטען...

(דברי שאול)

וועגען דעם כלי-זמר, וואס איז בעקאנט אונטער׳ן נאמען „נבל״, זאגען די חז״ל: „למה נקרא שמו נבל, שמנבל אחרים בנגינתו״.

אויב אזוי — האט דערויף געפרעגט דער חדושי-הרי״ם — האט ער דאך געדארפט הייסען „מנבל״?

נאר דער תירוץ איז — האט ער געענטפערט — אז דער, וואס איז א „מנבל אחרים״, איז ער אליין א „נבל״...

צור ילדך תשי ותשכח אל מחוללך... (לב. יח.)

א איד א גרויסער בעל-חוב איז אוועק צו זיינעם א פריינד בעראטען

זיך, ווי אַזוי מען ווערט פּטור פון די בעלי־חובות, וועלכע געבען איהם קיין רוה נישט, האָט איהם דער פריינד געגעבען אַן עצה, אַז בשעת די בעלי־חובות וועלען קומען צו איהם, זאָל ער זיך מאַכען משוגע, אָנהויבען טאַנצען און פייפען, וועלען זיי זיך מייאש זיין און איהם אָבלאָזען... וכך הוה. די עצה האָט געהאָלפען.

דעם זעלבען פריינד, דעם בעל־עצה, איז אָבער אַליין אויך געקומען ביי איהם אַ חוב, וועלכען ער איז אַוועק צו איהם אויפמאָהנען, אָבער ווי נאָר יענער האָט איהם דערזעהן און דערהערט נאָכוואָס ער איז געקומען, האָט ער זיך גענומען מאַכען משוגע, אָנהויבענדיג צו טאַנצען און צו פייפען... דאָ איז שוין דער פריינד געוואָרען אויסער זיך:

— דו אונפערשעהמטער! — האָט ער געשריגען — דאָס האָב איך דאָך דיר די דאָזיגע עצה געגעבען, כדי צו שיצען דיך געגען די אַנדערע בעלי־חובות, לסוף נוצסט דו דאָס אויס געגען מיר זעלבסט? מיר ווילסטו אויך איינריידען, אַז דו ביזט משוגע?

דער נמשל איז: „צור ילדך תשי", דער אויבערשטער האָט אין דיר איינגעפלאַנצט דעם „תשי", די מדה פון שכחה, כדי מסיח דעת צו זיין און צו פערגעסען די פערשידענע איבערגעלעבטע צרות און אומגליקען, ולסוף — „ותשכח אל מהוללך", בענוצט דו זיך גאָר מיט דער זעלבער מדה פון שכחה אויף צו פערגעסען אינ'ם אויבערשטען?...

(דובנער מגיד)

כי דור תהפכות המה... (לב. כ.)

גאַנץ אָפט, בשעת מען פרעגט איינעם, פאַרוואָס ער קומט נישט יעדען טאָג אין שוהל אַריין דאַווענען בצבור, ענטפערט ער, אַז ער האָט, ליידער, קיין צייט נישט, ער איז שטאַרק בעשעפטיגט. אין דער זעלבער צייט אָבער, בשעת מען קומט צו איהם נאָך אַ נדבה, מאַכט ער אַ טרויעריגע מינע און ענטפערט, אַז ער איז נעביך נישט אימשטאַנד, דען די פערדיענסטען האָבען זיך ביי איהם אויסגעלאָזען, ער דרעהט זיך אַרום גאַנצע טעג לעדיג אָהן בעשעפטיגונג...

דעסגלייכען, בשעת מען פרעגט איינעם, הלמאי ער היט נישט אָב די פיער תעניתים, ענטפערט ער מיט אַ קרעכץ, אַז די דורות זענען היינט שוואַך און עס איז איהם נעביך זעהר און זעהר שווער איבערצוטראָגען אַ תענית. דאַגעגען בעת מען קומט צו איהם בעטען אַ נדבה פאַר אַ בכבוד'יגען יורד, ענטפערט ער מיט כעס, אַז עס איז אַ געזונטער איד, ער האָט גענוג כח און ער איז נישט חולה צו געהן אַרבייטען!

„כי דור תהפוכות המה"...

(מנחת עני)

כי אשכיר חצי מדם... (לב. מב.)

נאפאלעאן דער ערשטער, דערצעהלט מען, פלעגט זעהר אפט דער-מאהנען דעם דאזיגען פסוק, פון וועלכען ער פלעגט שטארק נתפעל ווערען, אנווייזענדיג, אז דער דאזיגער ביבלישער, העכסט דיכטערישער און בילד-ליכער אויסדרוק, האט קיין גלייכען נישט צו זיך אין דער וועלט-ליטעראטור.

ויבא משה וידבר את כל דברי השירה הזאת באזני העם הוא והושע בן נון... (לב. מד.)

דערויף זאגט דער אבן-עזרא: „וקראו הכתוב הושע בשם שהיו כל ישראל יודעין אותו, כי מי ידע כי כנה שמו משה יהושע כי אם קרואי מועד לבדם".

פרעגט זיך: אין פ' וילך ווערט דאך בפירוש געזאגט: „וילך משה וידבר את הדברים האלה אל כל ישראל וכו' יהושע הוא עובר לפניך", און דאס זעלבע ווערט אויך איבערגע'חזר'ט אין א וייטערען פסוק (לא. ז.): „ויקרא משה ליהושע ויאמר אליו לעיני כל ישראל", פון וואס עס איז אלזא דייטליך צו זעהן, אז משה האט איהם גערופען יהושע אין דער אנוועזענ-הייט פון כלל-ישראל?

שווער איז אויך די ערקלערונג פון כלי-יקר, וועלכער זאגט, אז דערי-בער האט איהם משה איצט גערופען הושע, ווייל דעם נאמען יהושע האט ער איהם געגעבען אלס תפלה: „יה יושיעך מעצת מרגלים", אבער איצט, נאכדעם ווי דער דור-המדבר איז שוין געהאט אויסגעשטארבען, איז שוין נישט געווען פארוואס מורא צו האבען און די תפלה איז שוין מעהר נישט נויטיג געווען און ער האט איהם דערפאר צוריק אנגעהויבען רופען מיט'ן אלטען נאמען הושע.

טא פארוואס, אויב אזוי, ווערט אין פ' וילך יא דערמאהנט עטליכע מאל דער נאמען יהושע און דאס זעלבע אויך אין וזאת-הברכה?...

(ז. בערענס)

וְזֹאת הַבְּרָכָה

תורה צוה לנו משה מורשה קהלת יעקב... (לג. ד.)

מורשה, אַ ירושה איז די תורה נאָר בנוגע צום כלל, צום קהלת-יעקב, אָבער נישט בנוגע צום יחיד. וועגען יחיד ווערט געזאָגט אין אָבות: „התקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך"...

(כבוד חכמים)

תֻּמֶּיךָ ואוריך לאיש חסידך... (לג. ח.)

„כלפי שכינה הי' מדבר" (רש"י)

וואָס מיינט רש"י צו זאָגען דערמיט?

נאָר — זאָגט דערויף רבי חיים וואָלאָזשינער — אומעדום ווערט געזאָגט: „אורים ותומים", דאָס וואָרט „אורים" פאַר „תומים", בלויז דאָ, אַלס אויסנאַהם, שטעהט פריהער „תומיך" און נאָכהער „אוריך". פאַרוואָס?

דען די גמרא זאָגט: „למה נקרא שמם אורים, שמאירים דבריהם, ותומים — שמתאימים דבריהם". עס הייסט, פריהער האָבען פונ'ם חושן המשפט גענומען אַרויסלייכטען פערשידענע אותיות, אָהן אַ געהעריגען סדר, און דאַן איז דורך רוח-הקודש געגעבען געוואָרען דעם כהן-גדול די מעגליכקייט מצרף צו זיין די לייכטענדע אותיות, צונויפצושטעלען פון זיי די געהעריגע ווערטער, פון וועלכע עס האָט זיך אַרויסבעקומען די ריכטיגע, ערוואַרטעטע תשובה.

איז בנוגע צום כהן דאַרף טאַקי זיין פריהער „אורים" און נאָכהער „תומים", פריהער דאַרף מען איהם ווייזען די אותיות און דאַן — די בע־דייטונג און צירוף פון די דאָזיגע אותיות. דאָ אָבער, דער „תומיך ואוריך" פונ'ם דאָזיגען פסוק „כלפי שכינה היה מדבר", דאָ האָט זיך משה רבינו געווענדעט צו דער שכינה, צו השי"ת, פאַר וועלכען עס איז דאָך שוין פרי־הער גלוי וידוע דער פתרון אויף יעדע שאלה און ערשט נאָכהער איז ער עס אונז מגלה, און דעריבער שטעהט דאָ פריהער „תומיך" און נאָכהער „אוריך"...

מי כמוך עם נושע בד׳ מגן עזרך ואשר חרב גאותך וכו׳ (לג. כט.)

„ואשר חרב גאותך״, אונזער שווערד, מיט וועלכען מיר פיהרען דעם אונאויפהערליכען קאמף מיט אונזערע אונצעהליגע שונאים, בעשטעהט פון „גאוה״, פון אונזער גרויסען שטאלץ מיט דער אידישער פערגאנגענהייט און אונזער זיכערקייט וועגען דער גרויסער צוקונפט, וואס עס ערווארט אונז, וועגען דער בעדייטענדער ראליע, וואס דאס אידישע פאלק וועט נאך אמאל שפילען אין דער וועלט. מיט אט דעם דאזיגען וואפען, מיט דער דאזיגער גאוה און שטאלצקייט, האבען מיר בעוויזען צו דערהאלטען זיך אין די בי־טערסטע צייטען, אין די אונערטרעגליכסטע לעבענס־בעדינגונגען, פול מיט בטחון אין אונזער ענדגילטיגען זיעג און אין׳ם „ואתה על במותימו תדרוך״, אז סוף כל סוף וועלען מיר אויך להבא אלע אונזערע שונאים איבערלעבען, פונקט ווי מיר האבען איבערגעלעבט אונזערע אמאליגע פיינד, גרויסע און שטארקע וועלט־מלוכות פון וועלכע עס איז שוין איצט קיין זכר נישטא...

(רעיונות וחומר לדרוש)

ולא ידע איש את קבורתו עד היום הזה... (לד. ו.)

דערויף זאגט דער אבן־עזרא: „עד היום הזה — דברי יהושע״.

און וועגען די דאזיגע ווערטער פון אבן־עזרא ווערט געזאגט אין אור־החיים: „ואין ראוי לכתוב כדברים האלה, שבאזני שמעתי בבני אדם מסתבכים בדבר זה ומסעפים מזה כפירה בתורה״.

פרעגט זיך: וואס איז דא דעם אור־החיים אזוי קשה אויפ׳ן אבן־עזרא. עס איז דאך א בפירושע גמרא אין בבא־בתרא, וואו ר׳ יהודה האלט, אז „מן וימת משה עד סוף הפרשה כתב יהושע״?...

(זאב בערענט)

ולא קם נביא עוד בישראל כמשה... (לד. י.)

דערויף ווערט געזאגט אין ספרי: „בישראל אינו קם, אבל באומות העולם קם, ואיזה זה בלעם״.

עס איז ווירקליך א מערקווירדיגער מאמר, וועלכען מען פרובט צו ערקלערען אויף פערשידענע אופנים.

עס שיינט אבער, אז דאס ווארט „קם״ ווערט אין ספרי גע׳דרש׳נ׳ט אין זין פון „אויפשטאנד״, חוצפה, פון לשון „בת קמה באמה וכלה בחמותה״,

און די כונה איז: „בישראל אינו קם״, עס איז נאָך קיינער ביי אידען נישט אויפגעשטאַנען און נישט געוואָגט צו וועלען זיך פערגלייכען צו״משה רבינו, „אבל באומות העולם קם״, אָבער ביי די אומות העולם האָט זיך יאָ געפי- נען אַזעלכער, „ואיזה, זה בלעם״, וועלכער האָט געהאַלטען, אַז ער האָט דערגרייכט צו דער זעלבער מדרגת-הנבואה, ווי משה רבינו...

(הכתב והקבלה)

בעמערקונג פון זאַמלער:

דער דערמאָהנטער מאמר פון ספרי ווערט אויך געבראַכט אין ילקוט-שמעוני פיעל אויספיהרליכער און נעמליך: „בישראל אינו קם אבל באומות העולם קם וכו׳ אלא הפרש יש בין נבואתו של משה לנבואתו של בלעם בן בעור, משה לא היה יודע מה מדבר עמו ובלעם הי׳ יודע מה מדבר עמו, משה לא הי׳ יודע מתי מדבר עמו ובלעם הי׳ יודע מתי מדבר עמו וכו׳״...

לויט דעם אויספיהר פונ׳ם דאָזיגען מאמר, איז אַלזאָ די ערקלע- רונג פון „הכתב והקבלה״ ווייט נישט אויסגעהאַלטען...

חָמֵשׁ מְגִלּוֹת

שִׁיר הַשִּׁירִים

שיר השירים אשר לשלמה... (א. א.)

„כל הכתובים קדש ושיר השירים קדש קדשים" (מגילה ו')

אַלע ספרי-קדש ענטהאַלטען אין זיך פערשידענע דרשות און רמזים עפ"י פרד"ס, אָבער דער פשט ווערט געלערנט איינפאַך, בוכשטעבליך, כמו שהוא, אין שיר-השירים אָבער איז אויך דער געוועהנליכער פשט קדש און קאָן נישט גענומען ווערען איינפאַך, וואָרום אין איינפאַכען זין זעהט דאָך עס אויס, חלילה, ווי ניבול-פה...

(רבי ישראל סאַלאַנטער)

שמוני נוטרה את הכרמים, כרמי שלי לא נטרתי... (א. ו.)

כל מיני וויינגערטנער בעאַרבייט, אינדוסטריען געשאַפען, פאַבריקען אויפגעשטעלט, שטעדט געבויט, אָבער — „כרמי שלי לא נטרתי", די אַלע זאַכען וועלען קיינמאָל נישט אָנערקענט ווערען אַלס „כרמי שלי", שטענדיג וועלען זיי געהן אויף פרעמדען חשבון...

(בית דוד)

סמכוני באשישות רפדוני בתפוחים כי חולת אהבה אני... (ב. ה.)

רבי יחזקאל ליפשיץ, דער קאַלישער רב, האָט עטליכע מאָל בעמערקט, ווי ביי זיינע דרשות אין בית-המדרש, צו וועלכע עס קומט יעדעס מאָל אַ גרויסער עולם, זעהט מען קיינמאָל נישט די נגידים פון דער שטאָדט, האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צום עולם און געזאָגט:

די חז"ל דרשנ'ען (מס' סופרים פט"ז, ווי אויך אין מדרש רבה שה"ש)

„סמכוני באשישות — אלו הלכות, רפדוני בתפוחים — אלו אגדות, כי חולת אהבה אני — לשעבר כשהיתה הפרוטה מצויה היו מתאוים לשמוע דברי הלכה, עכשיו שאין הפרוטה מצויה מתאוים לדברי אגדה".

איז דער־בער, אפנים — האט ער אויסגעפיהרט — ווילען די נגידים נישט קומען הערען מיינע דרשות, כדי מען זאל דערפון נישט דערקענען, אז „אין פרוטה מצויה בכיסם", מחמת עס קאן זיי חלילה שאדען צום קרעדיט...

השבעתי אתכם בנות ירושלים... (ב. ז.)

„ד' שבועות כאן, השביע לישראל שלא ימרדו במלכיות וכו' ושלא יעלו חומה מן הגלות"... (שה"ש רבה)

דער רמב"ן, ארומרעדענדיג באריכות דעם זין פון דאזיגען מאמר, קומט צום אויספיהר און זאגט:

„ראשית הגאולה העתידה תהי' על פי רשיון המלכיות ויה' קצת קיבוץ גליות ואח"כ יוסיף השי"ת שנית ידו, כדכתיב „ושב את שבותך" ואחר כך — „ושב וקבצך מכל העמים"...

(פירוש המיוחס להרמב"ן על שה"ש)

„ציון במשפט תפדה ושביה בצדקה"... מרומז בזה, עס ווערט געמיינט דערמיט, אז אלע מלכיות ווענען זיך פערזאמלען למשפט וועגען ציון און זיי וועלען מסכים זיין, אז זי זאל אויסגעלייזט ווערען פון די פעלקער און צוריקגעגעבען ווערען די אידען...

(כוס ישועות)

„א"ר אבא אין לך קץ מגולה יותר מזה, שנאמר (יחזקאל ל"ו) ואתם הרי ישראל ענפיכם תתנו ופריכם תשאו לעמי ישראל כי קרבו לבוא" (סנהדרין צ"ח)

דערויף זאגט רש"י: „כשתתן א"י פריה בעין יפה אז יקרב הקץ ואין קץ מגולה יותר"...

רבי שמואל מאהילעווער איז אמאל געקומען אין א שטאדט זאמלען געלד פאר ישוב א"י. עס האבען זיך פערזאמעלט אלע חשובי־העיר, פאר וועלכע רבי שמואל האט געהאלטען א ווארימען דרוש וועגען דער וויכטיג־קייט פון ישוב־הארץ, וועגען דער חשיבות פון דער דאזיגער מצוה, וועלכע

איז שקולת כנגד כל המצוות, און ווי גרויס עס איז דעריבער דער חוב אויף יעדען איד, ובפרט די עשירים, צוצוהעלפען מיט זייער געלד צו דער אויפבויאונג פון א״י.

אז רבי שמואל האט געענדיגט זיין דרשה האט זיך אויפגעשטעלט איינער פון די בעלי-בתים, א איד א גביר און אויך א גרויסער ירא-שמים און ערקלערט, אז אודאי איז ביי איהם א״י הייליג און טייער און אודאי וואלט ער אויף אזא וויכטיגע זאך קיין געלד נישט געזשאלעוועט, אבער וואס זאל ער טהון, א סך פון די גדולי-הדור זענען מתנגדים צום רעיון פון א״י איינגעפינענדיג, אז מען איז דערמיט דוחה דעם קץ, וחוץ לזה ווערט דערצעהלט, אז די וואס זענען עוסק אין ישוב הארץ זענען ליידער ווייט פון יראת-שמים און היטען נישט אפ קיין אידישקייט, על-כן — על-כן קאן ער דעריבער נישט פועל׳ן ביי זיך צו געבען געלד אויף אזעלכע זאכען, מחמת ער האט מורא, אז עס זאל חלילה נישט זיין קיין מצוה הבאה בעבירה...

הערט רבי שמואל אויס די תשובה און ער ענטפערט:

— הערט, רבותי, וועל איך אייך דערצעהלען א מעשה שהיה: אין דער ישיבה ביי אונז אין שטעדטעל האט געלערנט א נגידישער בחור פון א צווייטער שטאדט, וועלכער פלעגט זעהר אפט בעקומען פון דער היים געלד. דאס געלד פלעגט מען איהם שיקען אויף דעם אדרעס פון שוחט.

ויהי היום, דערהאלט איינמאל דער בחור א בריעף פון פאטער, וועלכער שרייבט איהם, אז שוין עטליכע וואכען, ווי ער האט איהם געשיקט אויפ׳ן שוחט׳ס אדרעס פינף און צוואנציג רובל און עס איז איהם א גרויס חידוש, פארוואס ער האט נאך פון איהם ביז איצט נישט דערהאלטען קיין קבלה. לויפט דער בחור אוועק צום שוחט און ווייזט איהם דעם בריעף, אבער יענער הויבט מיט די פלייצעס: ער ווייסט נישט פון וואס צו זאגען, ער האט פאר איהם קיין שום געלד נישט ערהאלטען. אין עטליכע טעג ארום בעקומט ער א צווייטען בריעף מיט נאך מעהר אויספיהרליכע פרטים. אט אין דעם און אין דעם טאג האט ער איהם געשיקט געלד און טאקי בפירוש אויפ׳ן שוחט׳ס אדרעס. בקיצור, מען רופט דעם שוחט צו א דין-תורה און דער רב טראגט ארויס א פסק, אז דער שוחט איז מחויב א שבועה. דערהערט אזעלכע ווערטער, האט דער שוחט ארויסגענומען פינף און צוואנציג רובל און אוועקגעלעגט פאר׳ן דיין, ער זאל דאס געלד איבערגעבען דעם תובע, דעם בחור הייסט עס, און דאן האט ער זיך אוועקגעשטעלט און געשווארען בנקיטת-חפץ, אז ער האט דאס געלד נישט בעקומען...

שטעהט דער עולם ארום פערגאפט, פער׳חידושט און הויבט מיט די פלייצעס.

— היתכן? — פרעגט מען איהם — ממה נפשך, אויב דו האסט בעצאהלט, נאך וואס האסטו געשוואוירען? האסטו ווידער געשוואוירען, טא נאך וואס האסטו בעצאהלט?

— איך וועל אייך זאגען — ענטפערט זיי דער שוחט — ווען איך וואלט געווען בלויז געשוואוירען און מיט דער שבועה זיך גע׳פטר׳ט פון בעצאהלען, וואלט מען מיר אפשר חושד געווען, אז איך האב געשוואוירען פאלש, ווען ווידער איך וואלט בעצאהלט און נישט געשוואוירען, וואלט מען מיך ווידער חושד געווען, אז לעולם האב איך טאקי דאס געלד גענומען, נאר דערשרעקענדיג זיך פאר דער שבועה האב איך צוריקגעגעבען די גזילה. איצט אבער, אז איך האב אי בעצאהלט, אי געשוואוירען, איז פאר אלעמען קלאר, אז איך האב דאס געלד נישט גענומען און אז איך האב געשוואוירען אמת...

— דאס זעלבע — פיהרט-אויס רבי שמואל מאהילעווער — איז אויך מיט אונזער ענין. אז א איד טענה׳ט געגען א״י און וויל דערביי קיין געלד נישט געבען, האבען מיר איהם דאס רעכט חושד צו זיין, אז ער מיינט נישט עהרליך מיט זיינע טענות און אז זיין בענוצען זיך מיט די מאטיווען פון פרומקייט און יראת-שמים זענען בלויז אנ׳אויסרייד פאר דער קעשענע. קודם-כל, ליעבע אידען, דארפט איהר געבען געלד און נאכהער טענה׳ן, וועט מען דאמאלס וויסען, אז איהר טענה׳ט עהרליך...

(מדור דור)

יונתי בחגוי הסלע... (ב. יד.)

„כנסת ישראל נמשלה ליונה" (ברכות י״ב)

דער גורל פון דער כנסת ישראל, רעכענען אויס די חז״ל, איז אין א סך זאכען עהנליך צום גורל און צו די אייגענשאפטען פון דער טויב.

אבער א חוץ די אלע אויסגערעכענטע טעמים זענען זיי עהנליך צווישען זיך מיט נאך עפיס: די טויב, אט דאס בעשיידענע שטילע בעשעפעניש, וועלכע ווערט גע׳רודפ׳ט פון אלע רויב-פויגעל, האט אין העברעאיש, אויסער דעם נאמען „יונה", נאך א צווייטען מערקווירדיגען נאמען — „גוזל", וואס האט די בעדייטונג פון גזלן... און דעם זעלבען שיקזאל האבען אויך די אידען, אממעהרסטען ווערען זיי בע׳עול׳ט און בע׳גזל׳ט און דאך — שטענדיג בלייבען זיי די „גוזלים" און גזלנים...

(חכמת ציון)

בסתר המדרגה הראיני את מראיך... (ב. יד)

מען קאן נישט דערקענען דעם מענש און מען קאן נישט אורטיילען

וועגען זיין פרומקייט און עהרליכקייט לויט זיין אויפפיהרונג אין דער עפענטליכקייט, צווישען מענשען. זעהען וואָלט איך געוואָלט דיין געשטאַלט דאַן ווען דו געפינסט זיך „בסתר המדרגה", ווי אַזוי דו פיהרסט זיך אויף בחדרי חדרים, בשעת קיינער זעהט נישט...

(עוללות אפרים)

עיניך יונים... (ד. א.)

„מה יונה — זאָגט דערויף דער מדרש — אַעפ"י שאתה נוטל גוזליה מתחתיה אינה מניחה שובכה לעולם, כך ישראל אַעפ"י שחרב בהמ"ק לא בטלו ג' רגלים".

פונ'ם דאָזיגען מדרש—שרייבט דער תשב"ץ אין זיינע שאלות-ותשובות חלק ב' סימן ר"א — איז אַ בעוויַיז, אַז אויך בזמן הזה איז פאַרהאַן אַ חיוב עולה-רגל צו זיין אויף יום-טוב קיין ירושלים...

כחוט השני שפתותיך... (ד. ג.)

„כחוט השני — זה לשון של זהורית, אמרו ישראל לפני הקב"ה: רבש"ע, אין לנו לשון של זהודית ושעיר המשתלח, אמר להם: כחוט השני שפתותיך, רחישת פיך חביבה עלי כחוט של זהורית" (שה"ש רבה)

די כונה דערפון איז: אין בית המקדש האָט דער „חוט של זהורית", דער רויטער פאָדים, אויב ער איז ווייס געוואָרען, בעדייט אַלס סימן צי דער שעיר המשתלח איז מקובל געוואָרען און צי די אידישע תפילות זענען געוואָרען אָנגענומען, אָבער מיום שחרב בית-המקדש האָט מען אונז דעם דאָזיגען סימן געגעבען אין די „שפתותיך" — „אם תפלתו שגורה בפיו ידוע שהוא מקובל" (ברכות ל"ד)...

(מהר"ם שי"ף)

בשעת רבי שמואל מאָהילעווער איז איינמאָל אַריינגעקומען אין ביאַ-ליסטאָקער בית-המדרש האָט מען איהם אָנגעוויזען, אַז עס דאַווענט אַ רבי, וועלכער מאַכט ביים דאַוונען פערשיעדענע תנועות און העויות און מען זאָגט אויף איהם, אַז ער איז אַ גרויסער מקובל.

— דאָס איז זעהר לייכט צו דערקענען — ענטפערט דערויף רבי שמואל מאָהילעווער מיט אַ שמייכעל — די חז"ל האָבען אונז געגעבען דערויף אַ גאַנץ דייטליכען סימן: „אם תפלתו שגורה בפיו יודע אני שהוא מקובל" ואם לאו — יודע אני שהוא „מטורף"...

כפלח הרמון רקתך... (ד. ג.)

„רקנים שבך מלאים מצוות כרמון" (סנהדרין ל"ז)

אין פסוקים, אין פרק „כיצד צולין", זאגט די משנה: „מביא שפוד של רמון ותוחבו לתוך פיו". פארוואס עפעס גראד „שפוד של רמון"? ווערט געזאגט דערויף אין ירושלמי: „מפני שכל העצים כשהם יבשים — יבשים מבחוץ ולחים מבפנים, והרמון — יבש מבחוץ ויבש מבפנים". און דאס, אלזא, איז דער פערגלייך: „רקנים שבך מלאים מצות כרמון". די ריקנים שבך, כאטש זיי זענען אנגעשטאפט מיט מצוות, איז עס ביי זיי נישט מעהר ווי „מצות אנשים מלומדה", אהן טעם, אהן פייער, אהן נשמה, אויסערליך טרוקען און אינערליך טרוקען...

(הרב שלמה גרינשפאן)

ששים המה מלכות... (ו. ח.)

„ששים המה מלכות — ששים מסכתות, ושמונים פלגשים — אלו בתיחות" (מדרש)

די ערשטע אותיות פון די ווערטער מיט וועלכע עס הויבען זיך אן די ששה סדרים, בעטרעפען אכציג: „מאימתי קורין את שמע", „יציאות השבת", „חמש עשרה נשים", „ארבעה אבות", „כל הזבחים", „אבות הטומאה", און אט דאס איז דער זין: „ושמונים פילגשים — אלו פתיחות"...

(רבי יהושע העשיל אפטער)

מה יפית ומה נעמת אהבה בתענוגים... (ז. ז.)

עס איז זעהר שעהן און גוט צו זיין אן'אוהב השם, צו דיענען דעם אויבערשטען — „בתענוגים", מתוך הרחבה, מתוך עשירות, נישט חלילה אין ארימקייט...

(בית יצחק)

וחכך כיין הטוב... (ז. י.)

צו רבי שמואל סאלאנט האט זיך אמאל געווענדעט איינער פון די שטאדטישע משכילים, וועלכען מען האט געהאלטען פאר אן'אפיקורס או ער איז געווען אין שטאדט דער אנפיהרער פון דער חברה „חובבי שפה עבר", און איהם געפרעגט, הלמאי ער איז א געגנער פון דער דאזיגער חברה, וואס איהר צוועק איז דאך צו פערשפרייטען לשון-קודש צווישען אידען.

— די שפראך — האט איהם דערויף רבי שמואל געענטפערט —

ווערט אין פסוק געגליכען צו ווײן: „וחכך כיין הטוב". ווײן, ווי איהר ווייסט, ווערט בענוצט צו פערשידענע תשמישי קדושה. ווײן האָט מען מנסך געווען אויפ׳ן מזבח, ווײן געברויכט מען צו קידוש והבדלה, פונדעסטוועגען ביי זיין גאַנץ חשיבות און קדושה, אויב צום ווײן ריהרט זיך צו א גוי — ווערט דער ווײן אומריין...

אויך מיט׳ן נצי"ב (רבי נפתלי צבי יהודא בערלין) האָט אַמאָל א געוויסער משכיל פערפיהרט אַנ׳עהנליכען שמועס וועגען נאַציאָנאַליזם און וועגען דער העברעאישער שפראַך, אויף וואָס דער נצי"ב האָט איהם געענטפערט: געוויס, אויך איך בין אַנ׳אָנהענגער פון די אַלע זאַכען. אָט זאָגען מיר דאָך טאַקי אין יום-טוב׳דיגען קידוש מיט א פייערליכען ניגון: „אשר בחר בנו מכל עם" — מיר דאַרפען שטאָלצירען מיט אונזער פאָלק, מיט אונזער נאַציע, „ורוממתנו מכל לשון"— מיר דאַרפען זיך גרויס האַלטען מיט אונזער שפראַך, מיט אונזער לשון, אָבער צו דעם אַלעם מוז נאָך צוקומען א דריטע זאַך — „וקדשנו במצוותיו", מען דאַרף אויך זיין א שומר-תורה, אויך אָבהיטען די מצוות...

רות

דעריבער ווערט מגילת רות געלייענט אום שבועות, אין טאג פון מתן-תורה, כדי אונטערצושטרייכען אינ'ם דאזיגען טאג דעם אונטערשיעד פון אונזער אידישע תורה ביז אנדערע תורות. פינף און פיערציג מאל ווערט אנגעזאגט אין דער תורה, ליעב צו האבען דעם גר, און דאך — האט מען נישט אזוי לייכט מקבל געווען ביי אונז גרים, מחמת מיר זענען בטבע ווייט פון צו יאגען זיך נאך פרעמדע נשמות... דריי מאל, ווערט דערצעהלט אין דער דאזיגער מגילה, האט נעמי אבגעהאלטען די פרעמד-גלויביגע ערפה און רות פון זייער בעשלוס אנצונעהמען דעם אידישען גלויבען, טענה'נדיג צו זיי: „שובנה בנותי, שובנה". מיר האבען טאקי ליעב דעם גר, אבער מיר יאגען זיך נישט נאך איהם און מיר ווילען איהם פריהער נישט צולאזען צו זיך, ביז מיר האבען נישט די זיכערהייט, אז ער מיינט מיט זיין שריט ערנסט און אויפריכטיג, אויס ריינער אינערליכער איבערצייגונג...

(דר. אהרן יעלינעק)

ויהי בימי שפוט השופטים ויהי רעב בארץ... (א. א.)

„כל מקום שנאמר ויהי אינו אלא צרה וכאן נאמר תרי ויהי — שתי צרות. ויהי בימי שפוט השופטים, שהיה בה רעבון של תורה, דור ששפטו את שופטיהם. ויהי רעב בארץ— שהיה בה רעבון ללחם. אמר אלימלך הכל משכימין לפתחי ובורח" (מדרש רבה)

פרעגט זיך: בשלמא, אז ער איז אנטלאפען פאר'ן „רעבון ללחם", איז פערשטענדליך, אבער נאכוואס האט ער געהאט צו אנטלויפען פאר'ן „רעבון של תורה"?

נאר די גמרא זאגט: „נקטינן האי צורבא מרבנן וכו' אהדורי אפיתחא לא מיהדר" (שבת קנ"א), אז א ארימאן א צורבא-מרבנן איז שעמעוודיג און ער געהט נישט ארום אין די הייזער בעטלען.

און דעריבער, בשעת אלימלך האט דערזעהן, אז נישט נור עס איז א „רעבון ללחם", מען זיצט אין שטוב און מען הונגערט, נאר עס איז אויך א „רעבון לתורה", די ארימעלייט זענען זיך נישט נוהג, ווי עס דארפען

זיך נוהג זיין בני-תורה, זיי האַלטען נישט פונ׳ם כלל „אהדורי אפיתחא לא מיהדר״ און זיי געהן אויך אַרום איבער די הייזער, „אָמר אלימלך הכל משכימין לפתחי!״ אויב אַזוי, וועלען דאָך אַלע אָנהויבען קומען צו מיר — וברח...

(רבי יונתן אייבעשיץ)

למי הנערה הזאת... (ב. ה.)

„דבר חכמה ראה בה, שתי שבלים לקטה, שלש אינה לקטה״ (רש״י)

וואָס פאַר אַ דבר-חכמה האָט ער דאָ געזעהען פון איהר?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף דער חדושי הרי״ם — לויט׳ן דין טאָר מען נישט קלויבען מעהר ווי צו צוויי זאַנגען, דריי הייסט שוין נישט קיין „לקט״, דאַגעגען אַ גר און גיורת מעג עפ״י דין קלויבען אויך דריי זאַנגען, נישט קוקענדיג אָבער אויפ׳ן דאָזיגען היתר איז רות די גיורת אַרומגעגאַנגען איבער׳ן פעלד און אויפגעקלייבען בלויז יענע זאַנגען, וועלכע זענען געלעגען צו צוויי אויף אַנ׳אָרט, מחמת פאַר די דאָזיגע זאַנגען האָט זי מורא געהאַט, אַז אַנדערע אָרימעלייט זאָלען זיך נישט מקדים זיין און זיי צונעהמען, דאַגעגען יענע ערטער, וואו עס זענען געלעגען צו דריי זאַנגען, האָט זי איבערגעלאָזט אויף שפּעטער, ווייל פאַר זיי האָט זי קיין מורא נישט געהאַט, עס זאָל זיי ווער נישט אויסכאַפּען — דען אויסער אַ גר טאָר דאָך קיינער קיין דריי זאַנגען מיטאַמאָל נישט נעהמען!... אָט דאָס איז געווען די חכמה, וואָס בועז האָט ביי איהר בעמערקט.

ותהי משכרתך שלמה וכו׳ אשר באת לחסות תחת כנפיו... (ב. יב.)

„אמר ר׳ חסא, אשר באת לחסות תחת כנפיו״ מדרש רבה)

אַלע מפרשים שטעלען זיך אויפ׳ן דאָזיגען מדרש: וואָס איז דאָ ר׳ חסא מחדש, די דאָזיגע ווערטער שטעהען דאָך אין פסוק?

נאָר כידוע, דאַרף מען לויט׳ן אידישען דין נישט יאָגען זיך נאָך קיין גרים און קומט איינער און וויל זיך מגייר זיין, דאַרף מען איהם נישט צו-רעדען דערצו, נישט געבען איהם קיין שום הבטחות, נאָר פערקעהרט, מען דאַרף איהם ווי וויים מעגליך פּרובען דערפון אָבהאַלטען און איהם ערקלע-רען, אַז ער מאַכט דאָ נישט קיין גלענצענד געשעפט: „אי אתה יודע שישראל בזמן הזה דווים, סחופים ומטורפים״? מען דאַרף איהם אַפילו נישט

צוזאָגען דאָס „הימלישע קעניגרייך", אַז ער וועט האָבען דערפאַר שכר אויף יענער וועלט...

און דערויף טאַקי מאַכט ר' חסא אויפמערקזאַם. דען אין פסוק דאָ ווערט דערצעהלט, אַז בועז האָט געזאָגט צו רות'ן: „ישלם ד' פעלך ותהי משכורתך שלמה וכו' אשר באת לחסות תחת כנפיו", איז כדי מען זאָל נישט מיינען, אַז בועז האָט איהר פילייכט צוגערעדט און געגעבען פערשידענע הבטחות, בעמערקט דעריבער ר' חסא, אַז דער „ישלם ד' פעלך ותהי משכורתך שלמה" בעשטעהט בלויז אין'ם — „אשר באת לחסות תחת כנפיו". דיין „תשלום" און דיין „שכר" בעשטעהט אין דעם, וואָס דו האָסט זוכה געווען צוצוקומען צום אמת. דאָס איז דאָס איינציגע, וואָס מיר מעגען דעם גר „מבטיח" זיין. נישט מעהר...

(קול יעקב)

ותדבק וכו' ללקט עד כלות קציר השעורים וקציר החטים... (ב. כג.)

„א"ר שמואל בר נחמן, מתחילת קציר שעורים עד כלות קציר חטים שלשה חדשים"
(מדרש רבה)

אנטקעגען וואָס אייגענטליך דאַרפען מיר דאָס וויסען?

מחמת אין פריהערדיגען קאַפּיטעל ווערט געזאָגט: „והמה באו בית-לחם בתחלת קציר שעורים", און דער דין איז אין יבמות, אז דער זמן, וואָס אַ גיורת דאַרף וואַרטען, ביז זי זאָל מעגען חתונה האָבען מיט אַ ישראל, איז דריי חדשים, און דערפאַר דערצעהלט אונז דער פסוק, אַז „ותדבק בנערות בועז ללקט עד כלות קציר השעורים וקציר החטים", אַז עס איז שוין פאַר-איבער דער בעשטימטער זמן פון דריי חדשים און דעריבער — „ותאמר לה נעמי וכו' הלא אבקש לך מנוח"...

(אלשיך)

אֵיכָה

הָעִיר רַבָּתִי עָם הָיְתָה כְּאַלְמָנָה... (א. א.)

בעת רבי מרדכי גימפעל יפה, דער ראָזשינויער רב, איינער פון די ערשטע חובבי-ציון, איז געקומען צום ערשטען מאָל קיין ארץ-ישראל, איז ער פערפאָהרען קיין „ראשון לציון", וועלכע האָט געהאַט דאַמאָלס אַ שם אַלס נישט איבריג פרומע קאָלאָניע.

אַריינגעקומען אין דער קאָלאָניע, האָט זיך רבי מרדכי גימפעל אַרומגעקוקט אין אַלע זייטען און געזאָגט:

— מאַ, זי איז אַפילו אַ שטיקעל חצופה, די דאָזיגע אַלמנה, אָבער דאָך (און דאָ האָט ער אַ בעגייסטערטער אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און הויך אַ ברכה געמאַכט): „ברוך מציב גבול אַלמנה"!...

גָּלְתָה יְהוּדָה מֵעֹנִי וּמֵרֹב עֲבוֹדָה... (א. ג.)

ביידע זאַכען גילטען פאַר אונזערע שונאים אַלס תירוץ צו רודפ'ן אידען און צו טרייבען זיי פון זייערע איינגעזעסענע מקומות. אַמאָל טרייבט מען זיי — „מעוני", אונטער'ן אויסרייד, אַז אידען זענען אַנ'אָרים פאָלק פון קבצנים און שנאָרער, וואָס פראָדוצירען גאָרנישט, דאָס לאַנד האָט נישט פון זיי קיין שום פּראָפיט און זיי לעבען רק אויף פרעמדען חשבון, און אַמאָל טרייבט מען זיי צוליעב אַ פערקעהרטען מאָטיוו — „מרוב עבודה", אַז די אידען האָבען אַלע אַרבייטס-פּלעצער, אַלע פּאָסטענס, אַלע אונטערנעהמונגען פערכאַפּט און דאָס גאַנצע עשירות ליעגט אין זייערע הענד...

(דבש וחלב)

אויפ'ן פסוק „גלתה יהודה מעוני" זאָגט דער מדרש (איכה פ"א): „על שלא שמרו לחם עוני".

דערויף ווייזט אָן דער ווילנער גאון, אַז אין גאַנץ תורה, וואו עס

רעדט זיך וועגען פסח, איז אויף יעדען וואָרט „ונכרתה” דער טעם-הנגינה א „גרשים”...

היא ישבה בגוים לא מצאה מנוח... (א. ג.)

„הא אם מצאה מנוח לא היתה חוזרת”... (מ״ר איכה)

ווען, הייסט עס, די אידען וואָלטען יאָ געהאַט מנוחה צווישען די פעלקער, וואָלטען זיי נישט געטראַכט וועגען אומקעהרען זיך נאָך ארץ-ישראל...

היו צריה לראש... (א. ה.)

„כל המיצר לישראל נעשה ראש” (גטין נ״ו)

צוליעב וואָס — האָט אמאָל א געוויסער שר געפרעגט א אידישען חכם — האָבען די בעלי-התלמוד פערעפענטליכט דעם דאָזיגען מאַמר, וועלכער קאָן בלויז צוגעבען מוט די אידישע שונאים, זיי זאָלען די אידען וואָס מעהר צרות אָנטהון? ער האָט איהם געענטפערט דערויף מיט דער ערקלערונג פון תוספות (אין חגיגה י״ג), אַז „כל המיצר לישראל נעשה ראש”, איז דער פשט, אַז דער יעניגער, וועגען וועלכען עס איז אָנגעצייכענט געוואָרען, אַז ער זאָל ווערען אַ „מיצר לישראל”, ווערט ער פריהער בעשטימט אַלס ראש, צוליעב׳ן כבוד פון די אידען. אויב ליידען — זאָלען זיי כאָטש ליידען פון א גדול, נישט פון קיין שפל ונבזה...

(הויכוח)

דעריבער האָבען אונזערע פיינד אונז מנצח געווען, ווייל „היו צריה לראש”, ווייל זיי זענען אַלע געווען פעראייניגט געגען אונז, אונטער דער אָנפיהרונג פון איין ראש, וועלכען אַלע זענען געווען געהאָרכזאַם. מיר אָבער, בעוונותינו הרבים, זענען בעת׳ן חורבן געווען צוטיילט אויף פערשיעדענע כתות, אונטער פערשיעדענע „ראשים”, וועלכע האָבען זיך איינער דעם צווייטען בעקעמפט, און דאָס איז געווען די הויפט-סיבה פון אונזער גרויסען אומגליק...

(רבי חיים יוסף דוד אזולאי)

„מקדש שני מפני מה חרב, מפני שהיתה בו שנאת-חנם” (יומא ט׳)

פרעגט מען: אין אַ צווייטען מאמר ווערט דאָך געזאָגט: „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שביזו בה תלמידי-חכמים” (שבת קי״ט)?

ענטפערט דערויף רבי יהושע הורוויץ (דער דזשיקאָווער רבי) בדרך-הלצה, אַז ביידע מאַמרים שטימען, ווארום וואָלטען זיי פיינד געהאַט ווירקליכע תלמידי-חכמים, וואָלט נאָך דער חטא נישט געווען אַזוי גרויס, דען דער דרך-הטבע איז, אַז דער עם-הארץ זאָל פיינד האָבען דעם תלמיד-חכם, ווי מיר געפינען אינ'ם בעקאַנטען מאמר פון רבי עקיבא: „כשהייתי עם-הארץ אמרתי מי יתן לי תלמיד-חכם ואנשכנו כחמור (פסחים מ"ט)... די מעשה איז אָבער, וואָס די תלמידי-חכמים, וועלכע זיי האָבן פיינד געהאַט, זענען באמת גאָר קיין תלמידי-חכמים נישט געווען און די שנאה צו זיי איז אַלזאָ געווען אַ פשוט'ע שנאַת-חנם...

אין מדרש איכה ווערט אויפ'ן פסוק „היו צריה לראש" דערצעהלט, אַז בשעת די רופאים פון אַספסינוס'ן האָבען געהיילט רבי צדוק'ן, וועלכער האָט געפאַסט פיערציג יאָהר, האָט זיין זוהן, רבי אליעזר, געזאָגט צו איהם: „אבא, הב להו אַגרייהו בעלמא הדין דלא ליהוי להון זכותא עמך בעלמא דאתי", געב זיי, טאַטע, זייער שכר אויף דער וועלט, כדי זיי זאָלען נישט האָבען מיט דיר קיין זכות אויף יענער וועלט, „ויהיב להו הדין חושבנא דאצבע", האָט ער זיי אויסגעלערנט דעם חשבון, צו צעהלען אויף די פינגער.

אין פירוש צום מדרש, „יפה נוף", ווערט אויספיהרליך ערקלערט די המצאה פונ'ם דאָזיגען, איבעריגענס, זעהר פאָפּולערען און בעקאַנטען חשבון.

חטא חטאה ירושלים... (א. ח.)

„וכי אומות העולם אינם חוטאים", צי די אומות-העולם זינדיגען נישט? נאָר די אומות-העולם אַז זיי זינדיגען, „אינן כלום", איז גאָרנישט, אָבער די ישראל, אַז זיי זינדיגען, ווערען זיי געשלאָגען...

(איכה רבה)

כל עמה נאנחים מבקשים לחם... (א. יא.)

דאָס גאַנצע פאָלק זיפצט און לעכצט נאָך ברויט, און צוליעב אַט דער ברויט-פראַגע, זייענדיג אינגאַנצען פערנומען מיט דער מאַטעריעלער נויט, האָט עס ווי מסיח-דעת געווען און אויפגעהערט צו אינטערעסירען זיך מיט דער נאַציאָנאַלער טראַגעדיע, מיט דעם גרויסען אַלגעמיינעם פאָלקס-אומגליק...

(תפארת עוזיאל)

ראה ד׳ והביטה כי הייתי זוללה... (א. יא.)

וואס מיינט מען „זוללה״? — „מאוסה״, מיאוס, פערארכטעט... עס האט פאסירט און צוויי זונות האבען זיך צוקריגט, רופט זיך אן איין זונה צו דער צווייטער: ווי א אידישקע זעהסטו אויס, א אידיש פנים האסטו... אין א צייט ארום האבען זיי זיך איבערגעבעטען, און די בעליידיגטע זונה זאגט דאן צו איהר חבר׳טע: אלץ בין איך דיר מוחל, א חוץ דאס, וואס דו האסט געזאגט אויף מיר, אז כ׳האב א אידיש פנים, די דאזיגע בעליידיגונג וועל איך דיר קיינמאל נישט מוחל זיין...

(איכה רבה)

מלכה ושריה בגוים אין תורה... (ב. ט.)

אויב א מענש וועט דיר זאגען, אז עס איז דא „חכמה בגוים״ — זאלסטו גלויבען, אויב אבער ער וועט דיר זאגען, אז עס איז דא „תורה בגוים״ — זאלסטו נישט גלויבען...

(דארט)

זכור תזכור ותשוח עלי נפשי... (ג. כ.)

עס איז א כלל, אז „אין מקבלין תנחומין על החי״, און אויב מען לאזט זיך נישט טרייסטען און מען קאן נישט פערגעסען, איז עס א סימן, אז יענער לעבט... און דאס איז דער פשט: צוליעב דעם, וואס „זכור תזכור ותשוח עלי״, וואס אונזער גרויסער חורבן געהט מיר קיינמאל פון זכרון נישט ארויס, „זאת אשיב אל לבי״, אט דאס גופא גיט מיר א גרונד צו טראכטען, אז „על כן אוחיל״, אז איך האב דאס רעכט צו זיין פול מיט האפנונג, אז דער חורבן איז נור א צייטווייליגער, א פאראיבערגעהענדער, אז די זאך איז נאך חלילה פאר אונז נישט פערשפילט און נישט פערלוירען...

(דרכי ציון)

„כל המתאבל על ירושלים זוכה ורואה בשמחתה״ (תענית ל׳)

עס שטעהט נישט „יזכה ויראה״, נאר „זוכה ורואה״, א לשון הוה.

דען אויף א מת, זאגען די חז״ל (פסחים נ״ד), איז נגזר געווארען, ער זאל ווערען „משתכח מן הלב״, איז אויב נאך אזויפיעל טויזענדער יאהרען איז ירושלים נאך אלץ נישט פערגעסען געווארען און מען האלט נאך אין איין טרויערען אויף איהר, איז „זוכה ורואה בשמחתה״, איז דאס דאזיגע

אבלות גופא אַ געוויסע טרייסט און שמחה, אַ בעוויז, אַז ירושלים איז נאָך פאַר אונז חלילה נישט געשטאָרבען, וואָרום—„אין החי נשכח מן הלב״.

(רבי חיים וואָלאָזשינער)

נאַפּאָלעאָן, דערצעהלט מען, איז אַמאָל דורכגעפאָהרען אום תשעה-באב דורך אַ אידיש שטעדטעל, פאַרביי אַ אידישע שוהל, וואו אידען האָבען זיצענדיג אויף דער ערד געזאָגט קינות און געוויינט. וואָס וויינען זיי, די אידען? — פרעגט נאַפּאָלעאָן, און מען ערקלערט איהם, אַז דאָס וויינען זיי אויף זייער לאַנד, וואָס איז חרוב געוואָרען מיט קרוב צוויי טויזענד יאָהר צוריק... די דאָזיגע ווערטער האָבען אויף נאַפּאָלעאָנ׳ען אַ שטאַרקען רושם געמאַכט און ער האָט געזאָגט: אַ פאָלק, וואָס טרויערט און וויינט אויפ׳ן פערלוסט פון זיין לאַנד גאַנצע צוויי טויזענד יאָהר, אַזאַ פאָלק קאָן נישט אונטערגעהן, אַזאַ פאָלק מעג זיכער זיין, אַז סוף-כל-סוף וועט עס זיין לאַנד צוריק בעקומען...

ראיתה ד׳ עותתי, שפטה משפטי... (ג. נט.)

אַ איד איז פאַרבייגעגאַנגען פאַר אדרינוס קיסר און ער האָט איהם בעגריסט. איז דער קיסר אין כעס געוואָרן: אַ איד האָט די העזה מיך צו בעגריסען? און ער האָט אויף דעם איד אַ טויט-אורטייל אַרויסגעגעבען... געהט פאַרביי אַ צווייטער איד, וועלכער, זעהענדיג, וואָס עס האָט מיט דעם ערשטען פאַסירט, האָט ער שוין דעם קיסר נישט בעגריסט. איז דער קיסר אין כעס געוואָרען: אַ איד האָט די העזה פאַרבייצוגעהן און מיך נישט צו בעגריסען? און ער האָט אויף דעם איד אַ טויט-אורטייל אַרויסגעגעבען... רופען זיך אָן די שרים צו איהם: אונפערשטענדליך, קיסר, זענען פאַר אונז דיינע מעשים... ענטפערט זיי דער קיסר: דאַרף איך דען אייערע עצות? אַנ׳אויסרייד בלויז דאַרף איך, אַנ׳אויסרייד אויף נקמה צו נעהמען אין מיינע שונאים...

(איכה רבה)

עוללים שאלו לחם פורש אין להם... (ד. ד.)

אַז קינדער הונגערען איז דער האַרצוועהטאָג אַ דאָפּעלטער, דאָפּעלט דערפאַר, ווייל „פורש אין להם״, ווייל מען קאָן זיי אַפילו נישט ערקלערען און צו פערשטעהן געבען, פאַרוואָס און צוליעב וואָס זיי הונגערען...

(לחם דמעה)

יתומים היינו ואין אָב... (ה. ג.)

אַ יתום אָהן אַ מאַמען בעקומט עפ״י רוב אַ שטיף-מוטער, אַ יתום אָהן אַ טאַטען — אַ שטיף-פאַטער. דער חלוק אין דער בעהאַנדלונג פון די צוויי יתומים איז דער, וואָס דער ערשטער יתום, וועלכער האָט אַ שטיף-מוטער, הגם ער ליידט פון איהר צרות, איז ער נישט פונדעסטוועגען אינגאַנצען געפּאַלען ביי זיך. בשעת דער פאַטער קומט אַהיים און מען זעצט זיך צו דער סעודה, זיצט ער דאַמאָלס צוזאַמען מיט אַלע איבעריגע קינדער ביים טיש און ווערט בעהאַנדעלט גלייך מיט זיי. אַנדערש אָבער איז מיט'ן צווייטען יתום, וועלכער האָט אַ שטיף-פאַטער. ער זיצט נישט בעת'ן עסען מיט אַלע איבריגע קינדער ביים טיש, נאָר דרעהט זיך כסדר אין קיך, וואו די מאַמע דערלאַנגט איהם אַ חלק פלייש פון טאָפּ אַרויס, בגנבה, כאַפּענדיג, קיינער זאָל נישט זעהען.

אויך מיר, אידען, געפינען זיך ליידער אין דער דאָזיגער לאַגע. „יתומים היינו ואין אב״, מיר זענען ווי די יתומים אָהן אַ טאַטען, וועלכע מוזען זיך ערנעהרען אין קיך, בעהאַלטען זיך מיט דעם ביסען אין מויל און פערשטעקען זיך מיט די פרנסות אין אַ ווינקעל, מורא-האָבענדיג פאַר די פרעמדע, בייזע, שטיף-פאַטערישע און שטיף-ברודערישע קנאה-בליקען...

(ר' אליעזר לייזעראָוויטש בריסקער מגיד)

„אמר הקב״ה לישראל, אתם בכיתם ואמרתם לפני יתומים היינו ואין אב, חייכם, אף הגואל שאני עתיד להעמיד מכם במדי לא יהיה לו אב ואם״. (איכה רבה)

דער דאָזיגער מאמר ווערט זעהר אָפט ציטירט דורך די מיסיאָנערען, בויענדיג דערויף גאַנצע בנינים... דערביי אָבער מאַכען זיי זיך נישט וויסען און פערענדיגען נישט דעם סוף פונ'ם דאָזיגען מאמר — „הדא הוא דכתיב באסתר כי אין לה אב ואם״, אַז דאָס בעציהט זיך נישט אויפ'ן גואל און משיח, נאָר אויף אסתר'ן...

בנפשנו נביא לחמנו... (ה. ט.)

מה דאָך די ערשטע דורות, וועלכע האָבען בלויז דערשפּירט אַ מקצת צרות פון גלות, האָבען זיי שוין נישט געקאָנט איבערטראָגען און האָבען אויסגערופען „בנפשנו נביא לחמנו״, מיר — על אחת כמה וכמה!...

(איכה רבה)

למה לנצח תשכחנו... (ה. כ.)

צווישען רבונו של עולם און זיין פאָלק ישראל, ווי עס זאָגען די חז״ל,

געהט־פאַר אַ שטענדיגער וכוח. דער רבונו של עולם טענה׳ט: „שובו אלי ואשובה אליכם״ און די אידען ענטפערען דערויף: „השיבנו ד׳ אליך ונשובה״, קום דו פריהער צו אונז...

און קיינער וויל נישט נאָכגעבען, יעדער צד האַלט זיך עקשנות׳דיג ביי ס׳זייניגע...

ווענדען מיר זיך אַלזאָ צום רבונו של עולם און זאָגען צו איהם: „למה לנצח תשכחנו״, הלמאַי זאָלסטו צוליעב׳ן „נצח״, צוליעב׳ן נצחון און אמביציע, פערגעסען אין אונז? ביי וועמען געהסטו דאָ געווינען — ביי נאַרישע איינגעשפּאַרטע קינדער? געב זיי דאָס מאָל נאָך, רבונו של עולם, און — „השיבנו ד׳ אליך ונשובה״!...

(רבי ישראל, קאָזשעניצער מגיד)

די בעלויהנונג פאַר אַלע אונזערע צרות און ליידען ווערט אָבגעלעגט אויף שפּעטער, אויף ימות המשיח, אויף עולם־הבא. מיר האָבען אָבער נישט קיין כח אַזוי לאַנג צו וואַרטען און מיר טענה׳ן דעריבער: „למה לנצח תשכחנו, תעזבנו לאורך ימים״, הלמאַי זאָלסטו אַלץ אָבלעגען אויף שפּעטער, ביז נצחיות, אַזש אויף לאורך ימים? מיר ווילען אויך פון דער וועלט עפּיס געניסען, מיר זענען נישט אימשטאַנד אַזוי לאַנג זיך צו מאַטערען...

(תפארת עוזיאל)

קֹהֶלֶת

הבל הבלים אמר קהלת, הבל הבלים הכל הבל... (א. ב.)

אָבער — זאָגט דערויף קהלת אין אַ צווייטען פסוק — „הכסף יענה את הכל", דער „כסף" פיינינט דעם „הכל", דעם „הכל הבל". ווי נור עס קומט צו געלד פערנעסט מען אין אָט דעם גאַנצען מוסר, אפילו — „צדיקים ממונם חביב עליהם יותר מגופם"...

(רבי אלעזר שפירא)

מה יתרון לאדם בכל עמלו שיעמול תחת השמש... (א. ג.)

עס שטעהט נישט „מה יתרון לעולם", נאָר „מה יתרון לאָדם". די וועלט פונ'ם מענש האָט אַ גאַנץ סך, דער מענש האָלט אין איין אַרבייטען, אין איין טראַכטען, אין איין אויסקלערען אַלץ נייע און נייע ערפינדונגען, בכדי אויסצובעסערען און אויסצושענערען די וועלט, אָבער דער מענש פון דער וועלט וואָס האָט ?...

(קול יעקב)

ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה... (ד. ב.)

בעת רבי הערשעלע וואָלאָזשינער איז געווען אין אויסלאַנד אויף קוראַ-ציע, האָט ער, דאָוועגענדיג שבת אין שוהל, בעמערקט צו זיין גרויס פער-וואונדערונג, אַז אַלע מתפללים זאָגען קדיש. האָט ער צוגערופען דעם שמש און איהם געפרעגט, צי האָט אין דער שטאָדט געהערשט דאָס לעצטע יאָהר אַזאַ שרעקליכע עפידעמיע ר"ל, וואָס אַלע מתפללים זענען ל"ע געוואָרען יתומים?

לאַכט דער שמש און ער ערקלערט איהם, אַז חס-ושלום, עס האָט ביי זיי, גאָט זאָל אויסהיטען, קיין שום עפידעמיע נישט געהערשט. נאָר גאַנץ

פשוט — די אידען האָבען ביי זיי נישט קיין גרויס חשק צום דאַווענען און אין שוהל אַריין קומען נאָר די יעניגע, וועלכע דאַרפען קדיש זאָגען...

— איצט — שמייכעלט רבי הערשעלע — פערשטעה איך ערשט דעם ריכטיגען פשט פון האַרבען פסוק אין קהלת: „ושבח אני את המתים שכבר מתו מן החיים אשר המה חיים עדנה״, אַז די טוידטע שטעהען העכער פון די לעבעדיגע, וואָס לעבען נאָך. ווארום והא ראיה: די לעבעדיגע טאַטעס זענען נישט אימשטאַנד צו ברענגען זייערע קינדער אין שוהל אַריין און די טוידטע טאַטעס בעוויזען עס יאָ...

עושר שמור לבעליו לרעתו... (ה. יב.)

גאַנץ אָפט היט דאָס עשירות דעם בעל-הבית, אַז ער זאָל חלילה נישט געניסען און נישט נהנה זיין דערפון...

(תפארת עוזיאל)

רבי מענדעלי קאָצקער האָט זיך אַמאָל געוועגדעט צו אַ איד אַ קמצן, וועלכער האָט נישט נהנה געווען פון זיין פערמעגען, און איהם געפרעגט:

— וואו איז דיין עולם-הזה?

— וואָס הייסט? — פערשטעהט יענער נישט די שאלה — וועניג עולם-הזה האָב איך? וועניג געלד? וועניג פערמעגען?

— ניין — מאַכט צו איהם דער קאָצקער — דאָס איז דאָך דיין עולם-הבא, ווארום פון דעם דאָזיגען פערמעגען האָסטו דאָך אויף דער וועלט קיין שום הנאה נישט. פרעג איך דיך דעריבער: וואו איז דיין עולם-הזה?..

ואיננו חסר לנפשו מכל אשר יתאוה... (ו. ב.)

עס ווערט איהם, דעם מענש, קיינמאָל נישט וועניגער פון דעם, וואָס ער גלוסט, דען מיט'ן מאָמענט, ווי די תאוה, צו וועלכער ער האָט גע-שטרעבט, ווערט בעפרידיגט, פערנעהמט תיכף דאָס אָרט אַ צווייטע תאוה...

(קול יעקב)

כי בצל החכמה בצל הכסף... (ז. יב.)

איז אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס זעהען מיר, אַז געהן געהט דער חכם צום עושר און נישט פערקעהרט?

מחמת דער חכם, ווייל ער איז אַ חכם, ווייסט ער די מעלה פון עשירות, דער עושר דאַגעגען ווייסט נישט די מעלה פון חכמה...

(מכלל יופי)

שמח בחור בילדותך וכו׳ ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט... (יא: ט.)

אָט דאָס איז די העכסטע מדרגה, צו קענען פעראייניגען אָט דיביידע זאַכען צוזאַמען: „שמח בחור בילדותך״ און דאָך — „ודע כי על כל אלה יביאך האלקים במשפט״, הנאה האָבען פון לעבען און דערביי אויף איין רגע חלילה נישט צו פערגעסען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט!..

(רבי דוד׳ל קאָצקער)

אֶסְתֵּר

והשתיה כדת... (א. ה.)

„כדת של תורה, אכילה מרובה משתיה" (מגילה י"ב)

דערויף זאָגט רש"י, אַז די ראַיה איז פון „אכילת המזבח", וואו אויף אַ „פר ושלשת עשרונים סולת" איז דער נסך בעשטאַנען ס"ה פון „חצי ההין יין".

דע"ר ווילנער גאון דאַגעגען ברענגט אַ ראַיה פון אָבות, וואו עס ווערט געזאָגט: „כך דרכה של תורה, פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה". ביי דער אכילה ווערט קיין שום שיעור נישט דערמאָהנט, נאָר סתם: „פת במלח תאכל", ביי דער שתיה אָבער ווערט אָנגעוויזען אַ שיעור—„ומים במשורה"...

ובהגיע תור נערה ונערה... (ב. יב.)

אויף די ווערטער „נערה ונערה" זענען די טעמי הנגינה — „קדמא ואזלא", דאַגעגען אויף „ובהגיע תור אסתר" — „מונח, מונח".

מחמת אַלע אַנדערע נערות, אַז זיי האָבען דערהערט, אַז מען רופט זיי צום מלך — „קדמא ואזלא", האָבען זיי זיך געאיילט צו געהן וואָס שנעלער, אָבער „ובהגיע תור אסתר", בשעת מען האָט אסתר'ן גערופען — „מונח, מונח", איז זי געגאַנגען בנחת, לאַנגזאַם, טריט ביי טריט, אָהן אי-בעריגען חשק...

(אין נאָמען פון ווילנער גאון)

ותהי אסתר נשאת חן... (ב. טו.)

„ר' יהושע בן קרחה אמר אסתר ירקרוקת היתה וחוט של חסד משוך עליה" (מגילה י"ג)

ווי עס ווייזט אויס, געהט ר' יהושע בן קרחה לשיטתו, דען אין בבא-

בתרא פרק א׳ זאגט ר׳ יהושע בן קרחה, אז „איוב בימי אחשורוש הי׳", און אין פסוק ווערט דאך געזאגט — „ולא נמצאו נשים יפות כבנות איוב"...

(פרח לבנון)

אין אסתר מגדת מולדתה ואת עמה... (ב. כ.)

דאס — פלעגט זאגען רבי אייזיל חריף בדרך הלצה — וואס א פרוי האט געקענט האלטען א סוד און „אין אסתר מגדת מולדתה", דאס איז געווען דאס גרעסטע וואונדער און דער גרעסטער נס אינ׳ם נס פורים...

ויודע הדבר למרדכי... (ב. כב.)

„שהי׳ מרדכי מכיר בשבעים לשונות" (רש"י)

א געוויסער משכיל האט זיך אמאל געווענדעט צו רבי ישראל סאלאנטער און איהם געפרעגט: פארוואס זענען היינט די תלמידי-חכמים ביי אידען לגמרי ארויסגעטהון פון דער וועלט, ווערענד אמאל זענען די אידישע גאונים געווען גלייכצייטיג געבילדעטע מענשען און גרויסע געלעהרטע אויף פערשיעדענע וויסענשאפטליכע געביעטען? — ענטפערט איהם דערויף רבי ישראל סאלאנטער: מיר איז, פערקעהרט, קשה א צווייטע זאך. פארוואס זענען אמאל די געבילדעטע מענשען און די גרויסע געלעהרטע ביי אידען געווען גלייכצייטיג אויך בעריהמטע גאונים בתורה, און די היינטיגע אידישע געלעהרטע זענען עפי׳ רוב מורא׳דיגע עמי-הארצים אין אידישקייט?...

ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו, כי הגידו לו את עם מרדכי... (ג. ו.)

„כי הגידו לו את עם מרדכי", מען האט איהם דערצעהלט, אז דאס איז א פאלק פון מרדכי׳ס, א פאלק, וואס איז ביכולת ארויסצוגעבען א סך מרדכי׳ס פון זיך, און אויב אזוי, טא וואס וועט ער האבען דערפון, וואס ער וועט אומברענגען דעם איינעם מרדכי, וויבאלד אויף זיין ארט וועט תיכף אויסוואקסען א צווייטער...

(רבי יצחק ווארקער)

ישנו עם אחד מפוזר ומפורד בין העמים... (ג. ח.)

ישנו — ער עקזיסטירט, ווייל — עם אחד — ווייל זיי פלעגען זיך

ביז איצט האלטען אין אחדות, אָבער היינט זענען זיי — מפזר ומפרד בין העמים — צושפּליטערט און צוריסען צווישען זיך, און דעריבער איז איצט לייכט זיי בייצוקומען...

(רבי נפתלי ראָפּשיצער)

„מפזר ומפרד בין העמים"... זיי האָבען מעהר קיין חס נישט אויף זייער כבוד... אַלע זייערע אינערליכע מחלוקת'ן, דעם גאַנצען פּיזור-ופירוד זייערען טראָגען זיי אַרויס עפענטליך, „בין העמים", אַ דאַנק דעם זענען פאַר אונז געגנוי בעקאַנט אַלע זייערע חסרונות און שוואַכקייטען, און מיר ווייסען שוין, אַלזאָ, ווי אַזוי זיי צו בעקעמפען...

(רבי יצחק יעקב ריינעס)

ועשרת אלפים ככר כסף אשקל וכו׳ (ג. ט.)

אין בריסק האָט אַמאָל אַ געוויסער בייזער פּריץ, צו וועלכען עס האָבען געהערט צעהנדליגער אידישע געוועלבער, אַרויסגעגעבען אין איין פריהמאָרגען אַ גזירה, אַז די אידען זאָלען אַברוימען די געוועלבער, ער וויל נישט האָבען ביי זיך קיין אידען... איז געוואָרען אַ געוואַלד, צעהנדליגער אידישע פאַמיליעס איז פאָרגעשטאַנען זייערע פּרנסות צו פערלירען. עס איז אוועק צום פּריץ אַ דעלעגאַציע פון די נכבדי-העיר און מיט גרויס מיה איז זיי געלונגען צוריקצוציהען די גזירה, אָבער דערביי האָט דער פּריץ פערלאַנגט, אַז די אידישע קרעמער זאָלען איהם אַריינטראָגען אַלס „פערגיטיגונג" אַ גרעסערע סומע געלד. די דעלעגאַציע האָט באין ברירה דערויף מסכים געווען, אָבער ווען מען האָט שפּעטער צונויפגערופען די קרעמער און זיי פאָרגעלעגט, אַז יעדער פון זיי זאָל זיך צו דעם צוועק בעשטייערען מיט אַ געוויסע סומע, האָט זיך אָנגעהויבען צווישען זיי אַ קריגעריי און יעדער פון זיי האָט גע'טענה'ט, אַז ער איז נישט ביכולת, אַז געבען זאָלען די איבריגע... מען איז אוועק צו רבי יאָשע בער'ן און רבי יאָשע בער, אויסהערענדיג אין וואָס עס האַנדעלט זיך, האָט ער זיך אָנגערופען:

— עס איז מיר שטענדיג קשה געווען. בשעת המן האָט פאַר'ן פרייז פון „עשרת אלפים ככר כסף" אויסגע'פּועל'ט ביי אחשורוש'ן די גזירה פון „להשמיד להרוג ולאבד", פאַרוואָס האָבען דאַן די אידען געשוויגען? פאַרוואָס האָבען זיי נישט געפּרובט אין אַזאַ עת-סכנה צונויפצוזאַמלען צווישען זיך און אוועקצוטראָגען צו אחשורוש'ן אַ גרעסערע סומע, ווי המן האָט איהם פאָרגעלעגט? איצט אָבער פערשטעה איך. מען האָט דאָס דאַמאָלס זיכער געפּרובט טהון, אָבער עס האָט זיך ליידער נישט איינגעגעבען, מחמת יעדער

איד, צו וועלכען מען איז געקומען נאך געלד, האט ער, נישט קוקענדיג, וואס עס שטעהט פאר אזא מורא׳דיג אומגליק, אודאי גע׳טענה׳ט, אז ער איז נישט ביכולת, זאלען די אנדערע אידען געבען...

„גלוי וידוע לפני מי שאמר והי׳ העולם שעתיד המן לשקול שקלים על ישראל, לפיכך הקדים שקליהם לשקליו״ (מגילה י״ג)

דערויף זאגט דארט תוספות (דף ט״ז), אז דער סכום פון די חצאי שקלים, וואס זענען גענומען געווארען פון די ששים רבוא אידען אין דער מדבר, טרעפט-אן עשרת אלפים ככר כסף. דער חשבון שטימט אבער נישט, דען באמת מאכט עס אויס א סך ווייניגער. עס איז דעריבער אנצונעהמען, אז דא איז אריינגעפאלען א טעות-הדפוס און אנשטאט „חצאי שקלים״ דארף זיין „חמשים שקלים״ און געמיינט ווערט דערמיט דער סכום פון פופציג שקלים, וואס די תורה בעשטימט אלס ערך פון יעדען זכר פון בן עשרים עד חמשים.

(תורה תמימה)

בשעת המן — זאגען די חז״ל — האט פארגעלעגט אחשורוש׳ן עשרת אלפים ככר כסף, האט איהם אחשורוש געפרעגט: „אית ביניהו רבנן״? צי זענען פאראן צווישען זיי רבנים? פרעגם זיך: וואו קומען דא אהער רבנים?

נאר — האט איהם אחשורוש ערקלערט — אויב ס׳זענען פאראן צווישען די אידען אזעלכע, וועלכע ווילען ווערען רבנים, לוינט נישט פאר איהם די גאנצע טראנזאקציע, ווארום פון אלע רבנישע קאנדידאטען, וועלכע זענען גרייט צו לאזען זיך קאסטען געלד און צו געבען שוחד אום צו בעקומען רבנישע פאסטענס, קאן ער האבען א פיעל גרעסערע הכנסה...

(זרע בירך השלישי, בדרך הלצה)

ונשלוח ספרים ביד הרצים... (ג. יג.)

עס שטעהט נישט „וישלח״, נאר „ונשלח״, א נפעל, דען אויף אויסצופיהרען דעם בעפעהל וועגען אומברענגען די אידען, האט מען נישט געדארפט מיט׳ן פאלק א סך צו ארבייטען און עס איז נישט נויטיג געווען צוצושטעלען די שלוחים. עס איז געשיקט געווארען ווי פון זיך אליין, בליץ-שנעל האט צו אלעמען די פעראָרדנונג דערגרייכט... שפעטער, דאגעגען, ביים איבערופען די גזירה, דא שטעהט שוין „וישלח ספרים״, דא האט מען שוין די שלוחים, די בעאמטע, געמוזט אונטערטרייבען...

(אמרי אמת)

להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים וכו׳ ביום אחד... (ג. יג.)

פאַרוואָס גראָד ביום אחד? וואָלט ער נישט פאַר זיין טייוולאָנישען פלאַן פיעל צוועקמעסיגער געווען איינצואָרדנען אַ פיעל-טאָגיגע שחיטה?

נאָר — זאָגט דערויף רבי שלמה קאַרלינער — המן, דער צורר היהודים, וויסענדיג, אַז ער האָט צו טהון מיט אידען, מיט׳ן עם המלומד בנסים, האָט זיך בעוואָרענט, אַז טאָמער וועט זיך איהם דער פלאַן נישט איינגעבען און ער וועט ענדיגען מיט אַ מפלה, זאָלען כאָטש די אידען נישט האָבען מעהר ווי איין טאָג יום-טוב, נישט עטליכע טעג...

(שמע שלמה)

ויאמרו לו חכמיו וכו׳ אם מזרע היהודים מרדכי, אשר החלות לנפול לפניו וכו׳ (ו. יג.)

המן האָט דאָך צונויפגערופען די חכמים, זיי זאָלען איהם געבען עפּיס אַן׳עצה, נו, איז דאָס דען די עצה: „אשר החלות לנפול לפניו לא תוכל לו, כי נפל תפול״?... נאָר דער פשט איז — ווערט געטייטשט אין נאָמען פון נודע-ביהודה — זיי האָבען איהם ערקלערט, אַז מיט בייזען וועט ער מיט מרדכי גאָרנישט מאַכען מעהר, דען „אשר החלות לנפול לפניו לא תוכל לו״, נאָר וואָס דען? „אם מזרע היהודים מרדכי״, אויב מרדכי איז אַ איד, איז נאָך פאַרהאַן איין עצה און איין האָפנונג, דהיינו: „כי נפול תפל לפניו״, דו זאָלסט איהם פאַלען צו די פיס און בעטען, ער זאָל דיר מוחל זיין און אַלס איד, וועלכער איז בטבע אַ בעל-רחמים, וועט ער אודאי אויף דיר רחמנות האָבען...

ויאמר חרבונה וכו׳ גם הנה העץ אשר עשה המן וכו׳ גבוה חמשים אמה... (ז. ט.)

„אף חרבונה רשע באותה עצה היה״ (מגילה ט״ז)

פון וואַנען דרינגען דאָס חז״ל?

דערפון, וואָס תיכף ומיד, ווי נאָר עס איז געווען: „ופני המן חפו״, האָט חרבונה שוין געוואוסט צו דערצעהלען אַלע גענויע פרטים, אַז המן האָט אויסגעבויט ביי זיך אַ תליה, אַז די תליה איז בעשטימט פאַר מרדכי׳ן

און אַז די תּליה האָט פופציג איילען. פון וואַנען האָט ער שוין געוואוסט אפילו, וויפיעל איילען די תּליה האָט? איז נישט אַנדערש, ווי נאָר, אַז — „באותה עצה היה"...

(דובנער מגיד)

ואותו תלו על העץ וכו' ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם... (ח. ז. ח.)

צוליעב וואָס האָט אחשורוש פריהער מקדים געווען די ווערטער: „ואותו תלו על העץ" און וואָסער צוזאַמענהאַנג האָט עס מיט'ן „ואתם כתבו על היהודים"?

דען די חז"ל זאָגען (תענית כ"ט): „גמירי דכי גזרי מלכות גזירה ומית חד מנייהו מבטלי לגזירתא". עס איז ביי די מלוכות, הייסט עס, געווען איינגעפיהרט, אַז בשעת די רעגירונג האָט אַרויסגעגעבען אַ גזירה און ביני לביני איז איינער פון די העכערע רעגירונגס-לייט געשטאָרבען, איז די גזירה בטל געוואָרען. אחשורוש, אַלזאָ, וועלענדיג בערעכטיגען פאַר'ן פאָלק זיין איצטיגען שריט און מאָטיווירען, פאַרוואָס ער ציהט צוריק זיין פעראָרדנונג, האָט ער דעריבער ערקלערט: „ואותו תלו על העץ", המן דער מלוכה-מאַן איז אומגעקומען, צוליעב וואָס די אַרויסגעגעבענע גזירה האָט איהר ווערט פערלוירען און דעריבער — „ואתם כתבו על היהודים כטוב בעיניכם"...

(דרכי דוד)

והאחשדרפנים... (ט. ג.)

אין רמב"ם הל' ס"ת פרק ז' ווערט געזאָגט: „נזדמנה לו בתוך השיטה תיבה בת עשר אותיות או יותר"... וואונדערען זיך דערויף אַלע מפרשים: וואו געפינען מיר דען אין דער תּורה אַזא וואָרט, וואָס זאָל ענטהאַלטען מעהר ווי צעהן אותיות? אַ טייל ווילען זאָגאַר האַבען, אַז דאָ זאָל זיין אַ טעות-הדפוס... אָבער ווי ר' יצחק בער לעווינזאָהן ערקלערט, בעציהט זיך די דערמאָהנטע שטעלע אין רמב"ם אויפ'ן וואָרט „והאחשדרפנים", וואָס האָט עלף אותיות, און כּידוע זענען אויף דער מגילה חל אַלע דינים פון אַ ספר-תּורה.

קימו וקבלו היהודים... (ט. כז.)

„ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהם הקב"ה את ההר כגגית וכו' אעפ"כ הדר קבלוה בימי אחשורוש דכתיב קימו וקבלו" (שבת פ"ח)

פרעגט מען: מיט וואָס איז די איצטיגע קבלה געווען שטאַרקער, ווי

דאָמאָלס, בשעת מתן־תורה? אויך דאָס מאָל איז דאָך עס געווען ע״י אונס, ווייל זיי האָבען מורא געהאַט פאַר המנ׳ען? — נאָר דער דין איז: (חשן משפט סי׳ ר״ה), אַז אויב איינער גיט דעם צווייטען אַ שבועה צו געבען איהם אַ געוויסע סומע געלד דערפאַר, ווייל יענער איז איהם מבטיח אָבצו־ראַטעווען פון רוצחים, וועלכע גרייטען זיך אויף איהם אָנצופאַלען, איז ער נאָכהער פטור פון צו האַלטען די שבועה, ווייל די שבועה איז געגעבען געוואָרען ע״י אונס, זייענדיג געצוואונגען דערצו, דאַגעגען אָבער, ווען איינער שווערט דעם צווייטען צו געבען איהם אַ סומע געלד דערפאַר, ווייל יענער האָט איהם אָבגעראַטעוועט פון רוצחים, איז די שבועה אַ שבועה און ער איז איהם מחויב צו בעצאָהלען... אַלזאָ דאָרט, ביי קבלת־התורה האָט מען דאָך זיי פריהער געדראָהט: „אם תקבלו את התורה מוטב ואם לאו פה תהא קבורתכם״, איז דעריבער די קבלה קיין קבלה נישט געווען, דאָ אָבער, בימי אַחשורוש, איז די קבלה געווען שפּעטער, נאָכדעם ווי זיי זענען שוין געהאַט ניצול געוואָרען פון דער גזירת־המן, האָט עס שוין דעריבער געהאַט דעם דין פון אַ קבלה שלימה...

(הגיון לב)

אויף אַנ׳אַנדער אופן פערענטפערט דאָס דער ווילנער גאון:

די משנה זאָגט אין בבא־בתרא (פרק א׳ משנה ג׳): „המקיף את חבירו משלש רוחותיו, גדר את הראשונה ואת השניה ואת השלישית אין מחייבין אותו (איז מען נישט מחייב דעם נוקף, אַז ער זאָל זיין אַ שותף צו די קאָסטען פונ׳ם אויפגעשטעלטען גדר, דען ער קאָן זאָגען, אַז פון זיינעט־וועגען קאָן ער אויסקומען אָהן אַ גדר), רבי יוסי אומר עם עמד וגדר את הרביעית מגלגלין עליו את הכל״ (דען דערמיט בעווייזט ער, אַז ער נויטיגט זיך יאָ אין אַ גדר און אַז ער איז צופרידען פון יענע דריי גדרים, וואָס דער מקיף האָט אויפגעשטעלט)... און אויך דאָ, וויבאַלד אַז עס איז „קימו וקבלו היהודים״, וויבאַלד זיי האָבען איצט, אַ חוץ די פריהערדיגע תרי״ג מצוות, מקבל געווען אויף זיך נאָך אַ פרישע מצוה — קריאַת־מגילה, הייסט דאָך עס, אַז זיי זענען מרוצה מיט די געגעבענע מצוות, און דעריבער איז לויט׳ן דין — „מגלגלין עליו את הכל״...

„אסתר ברוח הקדש נאמרה וכו׳ שנאמר קימו וקבלו, קיימו למעלה מה שקיבלו למטה״ (מגילה ז׳)

און אין שבת פ״ח ווערט פונ׳ם זעלבען פסוק געדרשנ׳ט, אַז „הדור קבלוה בימי אַחשורוש דכתיב קימו וקבלו״. ווי אַזוי קאָן מען דרשנ׳ען צוויי זאַכען פון איין פסוק?

זאָגט דערויף דער ווילנער גאון: אינ'ם וואָרט „וקבלו" איז פאַרהאַן אַ קרי מיט אַ כתיב, דער קרי איז „וקבלו" און דער כתיב — „וקבל". דאָרט, אין מס' שבת, דריקען זיך אויס די חז"ל: „דכתיב קימו וקבלו", אַז דער דרש שטיצט זיך אויפ'ן „כתיב", דאַגעגען דאָ, אין מס' מגילה, ווערט געזאָגט: „שנאמר קימו וקבלו" — פון „קרי"...

„המן מן התורה מנין? שנאמר המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו" (מגילה)

דען די חז"ל זאָגען: „למה נתחייבו ישראל שבאותו הדור כליה מפני שנהנו מסעודתו של אותו רשע". און דאָס איז אַלזאָ די כונה: „המן מן התורה מנין"? וואו געפינען מיר אין דער תורה אַזאַ עהנליכע זאַך, ווי עס האָט פאַסירט בימי המן, אַז צוליעב אַ חטא בלויז פון עסען זאָל מען חייב זיין כליה? דערויף קומט דער ענטפער: „שנאמר המן העץ אשר צויתך", אויך דאָרט זעהען מיר, אַז עס איז נגזר געוואָרען מיתה אויף דער וועלט בלויז צוליעב דעם חטא פאַר'ן עסען פון עץ-הדעת...

(תורת יצחק)

יָמִים־טוֹבִים

ראש-השנה

זכרנו לחיים וכו׳ למענך אלקים חיים...

„למענך״ — פלעגט זאָגען רבי יחזקאל פון קוזמיר — נישט-נאָר פאַר אונז, נאָר אויך פאַר דיינעטוועגען דאַרפסטו עס טהון. פאַר דיר אַליין, רבונו של עולם, איז געוואונשען, אַז דו זאָלסט אונז איינשרייבען אין ספר-החיים, וואָרום אַז דו וועסט אונז שענקען לעבען, האָבען מיר האָפנונג אויסצוקויפען די חטאים, וואָס מיר האָבען געזינדיגט און אָבצוצאָהלען דיר דעם חוב מיט מצוות ומעשים-טובים, מיט ריוח און פראָצענט. ווען אָבער חלילה פערקעהרט — דאַמאָלס איז אַלץ פערפאַלען, „במתים חפשי״, מען קאָן מעהר פון זיי גאָרנישט מוציא זיין. טאָ נאָכוואָס לוינט עס דיר?...

כי זוכר כל הנשכחות אתה...

דיין שטייגער איז, רבונו של עולם, צו געדענקען נור דאָס, וואָס דער מענש פערגעסט, און דאָס איז סיי ביי מצוות, סיי ביי עבירות... בשעת אַ מענש טהוט אַ מצוה און ער פערגעסט זי, ווייל ער מאַכט קיין וועזען נישט פון דער מצוה און ער האַלט זיך נישט גרויס מיט איהר — דאַן געדענקט זי השי״ת... אויב אָבער דער מענש פערגעסט נישט די מצוה, וואָס ער האָט געטהון, ער האַלט זיך מיט איהר אין איין אַרומטראָגען און ער איז שטאָלץ אויף איהר און צופרידען מיט זיך — אַזאַ מצוה, אַ מצוה, וועלכע איז איינגעוויקעלט אין גאוה, וויל השי״ת נישט געדענקען...

און דאָס זעלבע איז, פערקעהרט, מיט עבירות. בשעת אַ מענש טהוט אַן עבירה און ער פערגעסט זי, וואָרום עס אַרט איהם נישט און זי פערשאַפט איהם נישט קיין צער און קיין חרטה — געדענקט זי השי״ת... אויב אָבער דער מענש פערגעסט נישט די בעגאַנגענע עבירה, די זינד שטעהט איהם שטענדיג פאַר די אויגען און זי איז איהם גורם צער און וועהטאָג — אַזאַ עבירה ווערט אַוועקגערוקט אין דער זייט, השי״ת וויל זי מעהר נישט געדענקען...

ווארום „כי זוכר כל הנשכחות אתה״, געדענקען ווילסטו נור דאס, וואס דער מענש פערגעסט...

(רבי משה לייב סאסאווער)

באין מליץ יושר וכו׳ תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט...

דער זין פון די דאזיגע לעצטע ווערטער זעהט-אויס צו זיין אונפער-שטענדליך. וואס ווערט געמיינט דערמיט און וואס פאר א צוזאמענהאנג האט דער דאזיגער אויספיהר מיט די פריהערדיגע ווערטער? די מבארים בעמיהען זיך צו זאגען דערויף פשט אויף פערשידענע אופנים. אבער, ווי עס שיינט, לאזט זיך עס ערקלערען גאנץ איינפאך און נעמליך: אלע מצוות אין דער תורה זענען איינגעטיילט אין צוויי קאטעגאריעס, איין טייל פון זיי זענען „משפטים״ און איין טייל — „חוקים״, בלויז איין מצוה איז פאראן, תקיעת שופר, וועלכע ווערט פעררעכענט גלייכצייטיג אי אלס „חק״, אי אלס „משפט״, ווי עס ווערט געזאגט אין פסוק: „תקעו בחדש שופר וכו׳ כי חוק לישראל הוא, משפט לאלקי יעקב״. פאר דער תפלה פון מלכיות זענען מיר דעריבער מתפלל, אז „באין מליץ יושר״, אז אויב עס וועט זיך חלילה נישט געפינען אויף אונז קיין שום המלצה לטובה, „תגיד ליעקב דבר חוק ומשפט״, זאל אויף אונז ממליץ זיין די מצוה, וואס מיר האבען היינט, אט נור-וואס מקיים געווען, די מצוה פון תקיעת-שופר, וועלכע ווערט אנגערופען „חוק ומשפט״...

(דער דאזיגער באמת ריכטיגער און לאגישער פשט ווערט נאכגעזאגט אין נאמען פון הרבנית מרת שרה מייזעל ז״ל, די טאכטער פון פרושאנער רב און די שנור פון לאדזער רב, רבי אלי׳ חיים מייזעל, וועלכע האט גע-שמ׳ט אלס גרויסע מלומדת, איבערלאזענדיג פיעל כתבים מיט לומדיש׳ע חדושי-תורה).

„למה תוקעין בר״ה, כדי לערבב השטן״ (ר״ה ט״ז)

דערויף זאגט רש״י: „שלא ישטין, כשישמע ישראל מחבבין את המצות מסתתמין דבריו״.

אין פלוג, בשעת דער שטן זעהט, אז די אידען זענען מחבב את המצות און זיין גאנצע ארבייט איז אין געפאהר, דארף ער דאך דאן פון גרויס פערביטערונג נאכמעהר פערשטארקען אויף זיי דעם קטרוג?

נאר די חז״ל זאגען: „העושה תשובה מאהבה זדוניו נעשים לו כזכיות״, איז דעריבער, בשעת דער שטן דערזעהט, אז די אידען זענען חוזר בתשובה

און זענען „מחבבין את המצות״, טהוענדיג די מצוות מאהבה, מתוך חיבה, שטעלט ער דאן אָב דעם קיטרוג און הערט אויף אויסצורעכענען זייערע עבירות, מורא האָבענדיג, אַז די אַלע אויסגערעכענטע עבירות זאָלען נישט פערוואַנדעלט ווערען אין זכיות...

(הפלאה)

„שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות״ (ר״ה כ״ח)

דאָס גרעסטע אומגליק אונזערס איז, וואס מיר זענען צוטיילט און צושפליטערט אויף אָהן אַ שיעור „שופרות״, און יעדער פון זיי בלאָזט און רופט און אַגיטירט צו עפּיס אַנדערש. אָבער — „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות״! אונזער איינציגע רעטונג איז אַ „שופר אחד״, איין געמיינזאַמע אידישע שטרעבונג, די פעראייניגונג צום אַלגעמיינעם גרויסען אידישען ציעל, און דאָס איז דער זין פונ׳ם נביא׳ס הבטחה: „והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול ובאו האובדים בארץ אשור והנדחים בארץ מצרים״, דער קבוץ־גליות פון די „אובדים״ און „נדחים״ קאָן נור מעגליך זיין דורכ׳ן „יתקע בשופר גדול״, ווען דאָס אָרט פון די פערשידענע שופרות וועט פער־נעהמען דער איינער און פעראייניגטער „שופר גדול״, דען — „שופר אחד אמר רחמנא ולא שנים ושלשה שופרות״!...

(המגיד)

רבי שלמה קלוגער האָט אַמאָל גע׳מוסר׳ט אַ בעל־תוקע און געזאָגט צו איהם:

— אמת טאַקי, אַז תקיעת שופר איז „חכמה ואינה מלאכה״, מען דאַרף אָבער דערביי למעה״ש נישט פערגעסען, אַז „ראשית חכמה—יראת ד׳״.

איינמאָל, פאַר תקיעת־שופר, האָט זיך רבי לוי יצחק אָוועקגעשטעלט און געזאָגט פאַר׳ן עולם פאָלגענדען משל:

עס איז אַמאָל אַ מלך געגאַנגען אין וואַלד אַריין אויף יאַגד און גע־הענדיג אין טיעפען וואַלד האָט ער פערבלאָנדזשעט און נישט געטראָפען דעם וועג צוריק. וואָכען זענען אַוועק און חדשים, די מדינה־לייט האָבען נאָך לאַנגע זוכענישען זיך שוין געוואָלט פון איהם מייאש זיין, די צייט איז געגאַנגען, זיי האָבען ביסלעכווייז אָנגעהויבען פערגעסען אין איהם און דער מלך האָט נאָך אַלץ אין וואַלד געבלאָנדזשעט און נישט געטראָפען דעם וועג צוריק. ויהי היום, האָט דער וואַלד־שומר אַ בלאָנדזשענדען מענש דערזעהען און איינקוקענדיג זיך אין זיין פנים האָט ער אין איהם דעם מלך

דערקענט. מיט גרויס שמחה האָט ער דעם מלך אויפ'ן וועג אַרויסגעפיהרט און בעגלייט צו זיין לאַנד און היים, וואו ער האָט די מדינה-לייט, וועלכע האָבען שוין געהאָט אין דעם מלך פערגעסען, מיט פערשידענע סימנים אי-בערצייגט, אַז דאָס איז זייער מלך און קעניג, וועלכער האָט אין טיעפען וואַלד פערבלאָנדזשעט און נישט געפונען דעם וועג צוריק... דער מלך איז מיט גרויס פּאַראַד צוריק אַוועקגעזעצט געוואָרען אויף זיין טראָהן און, אַלס בעלויהנונג, האָט ער דעם וואַלד-שומר פאַר אַ גרויסען שר בעשטימט.

ויהי היום, האָט זיך דער שר זעהר שווער פערזינדיגט און דער קע-ניגליכער ראַט האָט איהם פער'משפט צום טויט. ווען מען האָט איהם צו דער תליה געפיהרט, איז זיין לעצטער וואונש געווען, מען זאָל איהם אָנטהון אין זיינע אַמאָליגע וואַלד-קליידער און די תליה זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען פאַר'ן מלכ'ס פענסטער. זיין וואונש איז ערפילט געוואָרען און ווען דער מלך האָט דורכ'ן פענסטער דערזעהען די תליה און דעם פער'משפט'ן אין זיינע אַמאָליגע קליידער אַלס וואַלד-שומר, איז זיין הארץ פול געוואָרען מיט גרויס רחמנות, ער האָט זיך דערמאָהנט אין יענער צייט, ווען ער איז אַליין נע-ונד געווען און אין טיעפען וואַלד געבלאָנדזשעט און גאַר ער איינער, דער שומר, האָט איהם דערקענט און איהם איינעם האָט ער צו פערדאַנקען, וואָס ער האָט צוריק דעם טראָהן און די הערשאַפט איבער זיין מדינה בע-קומען, און דאַן האָט דער מלך דעם גזר-דין צוריסען און דעם פער'משפט'ן זיין בעגאַנגענע זינד מוחל געווען און איהם צוריק אויף זיין חשוב'ן אַמט בעשטימט.

אויך מיר — האָט רבי לוי יצחק אויסגעפיהרט — דערמאָהנען היינט מיט'ן קול-שופר דעם רבונו של עולם, אַז מיר זענען די איינציגע געווען, וועלכע האָבען, דערהערענדיג דעם ערשטען קול-שופר פון סיני, דעם מלך דערקענט און זיין מלכות פערשפרייט איבער דער וועלט, צווישען די מענ-שען פון אַלע מדינות, וואו גאָטס נאָמען איז געווען פערגעסען און אונבע-קאַנט... האָבען מיר דעריבער דאָס רעכט צו פערלאַנגען, אַז ער זאָל אויך אין אונזערע חטאים פערגעסען און זיך בעגעהן מיט אונז לפנים משורת-הדין, ובכן, זאָגט, ליעבע אידען: — „למנצח לבני קרח מזמור, שמעו זאת כל העמים, האזינו כל יושבי חלד”...

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט זיך נוהג געווען אַליין צו זיין ראש-השנה בעל-תוקע.

איינמאָל פאַר תקיעות, האָט רבי לוי אָנגעטהון דעם קיטעל, איינגע-וויקעלט זיך אין טלית און אַרויף אויפ'ן בעלעמער, אָבגעזאָגט זיעבען מאָל „למנצח”, „מן-המצר”, גענומען דעם שופר אין האַנד — און שווייגט. ער

לעגט אוועק דעם שופר, נעהמט איהם צוריק און לעגט איהם ווייטער אוועק. דער עולם שטעהט מיט די טליתים איבער די קעפ, ווארט אין ציטערניש און ווארט — און מען הערט נישט קיין ברכה און מען הערט נישט קיין קול־שופר.

א טיעפע אימה'דיגע שטילקייט הערשט אין בית־המדרש, און דאן רופט זיך אן רבי לוי יצחק צום עולם און זאגט:

— רבותי, אין פאליש ביי דער טהיר זיצט א איד, וועלכער איז כל ימיו געווען צווישען גוים און ער קאן נעביך נישט דאווענען. פון גרויס צער, וואס ער קאן נישט מיטדאווענען מיט'ן עולם, האט דער דאזיגער איד אנגע־הויבען צו וויינען און ער האט געזאגט צום רבונו של עולם: דו, רבונו של עולם, ווייסט דאך די אמת'ע כונות פון אלע תפלות און דו ווייסט דאך דעם אמת, אז מעהר ווי אלף־בית קאן איך נישט, בעט איך דיך: איך וועל פאר דיר זאגען אלף, בית, גימל דלית — און דו מאך פון זיי תפלות...

— איצט — פיהרט אויס רבי לוי יצחק — זיצט כביכול און מאכט תפלות פון דעם אידענס אלף־בית — מוז מען דעריבער צוווארטען...

זכרתי לך חסד נעוריך וכו׳ לכתך אחרי במדבר...

אויב דו געדענקסט אונז, הארציגער טאטע — פלעגט זיך אויסטענה'ן רבי מענדעלי רימאנאווער — און דו האלסט עס פאר א זכות, וואס מיר זענען נאכגעגאנגען נאך דיר דאמאלס אין דער מדבר, על אחת כמה וכמה דארפסטו געדענקען אונזער נאכגעהן נאך דיר אין דער היינטיגער מדבר, וואו מיר זענען ארומגערינגעלט פון ווילדע חיות, פון די געפעהרליכסטע נחשים ועקרבים, און עס איז אונז פיעל־פיעל ערגער, ווי אין דער דאמאלס־דיגער מדבר, וואו עס איז געפאלען פאר אונז מן פון הימעל און מיר זענען כאטש געווען פטור פון דער ביטערער דאגת־פרנסה...

כי אתה שומע קול שופר וכו׳ ואין דומה לך...

וואס פאר א שייכות האט דא דער אויספיהר: „ואין דומה לך״?

נאר מיר, אידען, כידוע, איז אין כחנו אלא בפה, אונזער איינציג געוועהר איז בעטען און מתפלל זיין, וויינען און שרייען, אבער בלויז ביים רבונו של עולם קענען מיר עפעס אויס־פועל'ן מיט'ן דאזיגען כח. „כי אתה שומע קול שופר ומאזין תרועה״, דו בוזט דער איינציגער, וואס דו הערסט

דיך צו צו אונזערע קולות און — „ואין דומה לך״, ביי אנדערע האט דער דאזיגער כח אונזערער קיין שום ווערט נישט. אין דער וועלט, צו וועלכער מיר האלטען אין איין אפעלירען געגען די אונרעכטען, וואס ווערען געגען אונז בעגאנגען, ווערען אויף אונזערע קולות און געשרייען, אויף אונזערע אונאויפהערליכע תפלות ותחנונים, קיין שום אכט נישט געלעגט, קיינער הערט זיי נישט...

(דרשות אל עמי)

ואתה יודע יצרם כי הם בשר ודם...

רבונו של עולם — פלעגט זיך דערביי אויס׳טענה׳ן רבי נח לעכעוויטשער — אתה יודע, דו ווייסט דאך גאנץ גוט, אז צווישען דעם יצר-הרע און דעם בשר-ודם איז פארהאן א גרויסער אונטערשיעד. דער יצר-הרע האט נישט קיין ווייב און קינדער, דער יצר-הרע טראגט נישט אויף זיך קיין דאגות-פרנסה, און דער עיקר, דער יצר-הרע האט נישט קיין יצר-הרע, וואס זאל איהם אנרעדען נישט צו פאלגען, איז איהם דעריבער לייכט אויסצופיהרען בשלמות דיין בעפעהל און די מיסיע, וואס דו האסט אויף איהם ארויפגעלעגט, אנצורעדען דעם מענשען צו זינד. אנדערש איז אבער מיט׳ן בשר-ודם, וועלכער האט א ווייב און קינדער, וואס דארפען עסען און פאר וועלכע ער דארף זארגען יעדען טאג פרנסה, וועלכע איז שווער כקריעת ים סוף, און דערצו בעזיצט ער א יצר-הרע, א פגע-רע, וואס קריכט איהם נאך אויף שריט און טריט. טא וואס-זשע איז דער וואונדער, וואס נישט שטענדיג איז ער אימשטאנד דאס אלץ בייצוקומען?...

אין ט״ז או״ח ס׳ קי״ז ווערט געזאגט, אז אנשטאט דעם נוסח אין די סליחות „מתרצה ומתפתה בתחנונים״, ווי עס איז געדרוקט אין מאנכע דפוסים, דארף זיין — „מתרצה ומתפייס בתחנונים״, אנווייזענדיג דערביי אויפ׳ן רמב״ן, וועלכער ערקלערט אין פ׳ משפטים אויפ׳ן פסוק „כי יפתה וכו׳״, אז פיתוי איז שייך נור אויף א דבר-שקר, איבערריידען יענעם צו האנדלען געגען דעם אמת.

טא פארוואס, פרעגט זיך עלזא, זאגען מיר אין יוצר יום א׳ דר״ה— „בשופר אפתנו״?...

(שמעון זאקאן)

וועגען דעם מנהג צו פערזאמלען זיך ראש-השנה ביים טייך, וואו עס ווערט געזאגט די תפלה פון „תשליך״, ווערען געגעבען פערשיעדענע טעמים,

אָבער דער איינפאַכסטער טעם, ווי עס ווייזט אויס, איז, ווייל מיר געפינען אין פסוק, אַז בשעת די אידען האָבען זיך אומגעקעהרט מיט עזרא'ן פון בבל, וואו זיי זענען אָבגעטראָטען פון אידישען וועג און זיי האָבען מחלל געווען דעם שבת און געחייראַט מיט פרעמדע פרויען, איז דער אַקט פון חוזר זיין בתשובה און דאָס פאָרלייענען פאַר זיי די תורה פאָרגעקומעןביים וואַסער: „ויאספו כל העם כאיש אחד אל־הרחוב אשר לפני שער המים" (נחמיה ח. א.), און געשעהען איז דאָס אינ'ם טאָג פון ראש-השנה: „ויביא עזרא הכהן את התורה וכו' ביום אחד לחודש השביעי, ויקרא בו לפני הרחוב אשר לפני שער המים" (דאָרט)...

(מנהגי ישורון)

דער פיוט „אל חנן נחלתו בנועם להשפר", וואָס ווערט געזאָגט אין דער צווייטער נאַכט ר"ה, איז, לויט דער לעגענדע, פערפאַסט געוואָרען דורכ'ן פאָטער פון רוימישען פויבסט, אַנאַקליטוס דער צווייטער, וועלכער האָט געלעבט אין עלפטען יאָהרהונדערט, און וואָס זיין אידישער נאָמען זאָל האָבען געווען אלחנן בן שמעון הגדול פון מאינץ. אַלס קינד זאָל אלחנן האָבען אַרויסגע'גנב'עט געוואָרען פון פאָמער'ס הויז דורך אַ קריסטליכע דיענסט, וועלכע האָט איהם איבערגעגעבען אין די הענד פון גלחים און זיי האָבען איהם אָבגע'שמד'ט און אַוועקגעפיהרט קיין רוים. צוליעב די אונגעוועהנליכע פעהיגקייטען, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען, האָט מען זיך אין די גלחישע קרייזען שטאַרק אָבגעגעבען מיט זיין ערציהונג. ער איז אויסגעוואַקסען אַלס גרויסער געלעהרטער און זיך פערפאָלקאָמט אין אַ סך שפראַכען, ביז ער האָט אין זיין קאַריערע דערגרייכט צום אַמט פון אַ קאַרדינאַל און שפּעטער איז ער אויסגעוועהלט געוואָרען אַלס פויבסט. צופעליג האָט ער זיך דערוואוסט וועגען זיין אידישער אָבשטאַמונג און זאָגאַר ווער זיין פאָטער איז. וועלענדיג זיך בעקענען מיט'ן פאָטער האָט ער בכיון אַרויסגעגעבען אַ גזירת-שמד אויף די אידען פון דער מאַינצער קהלה, מיט דער האָפנונג, אַז די מאַינצער קהלה וועט אַוודאי שיקען צו איהם אַ דעלעגאַציע, אָבצושרייען די גזירה, און אין דער דעלעגאַציע וועט זיך געוויס בעטייליגען זיין פאָטער, ר' שמעון, וועלכער איז געווען איינער פון די קהלה-מנהיגים... וכך הוה. בשעת די דעלעגאַציע האָט זיך פאַר איהם פאָרגעשטעלט, האָט ער דערקענט דעם פאָטער, וועלכען ער האָט איינגעלאַדען צו שפּיעלען מיט איהם אין שאַך. ביים שאַך-שפּיעל האָט זיך פערבונדען צווישען זיי אַ שמועס און ענדליך האָט זיך דער פויבסט געגעבען צו דערקענען. געענדיגט האָט זיך עס דערמיט, וואָס דער פויבסט האָט גלייך אַרויסגעגעבען אַ פעראָרדנונג, לויט וועלכער עס איז צוריקגעצויגען געוואָרען די פריהערדיגע גזירה און דאַן איז ער אין געהיים אַנטלאָפען קיין מאַינץ, וואו ער האָט זיך אומגע-

קעהרט צום אידענטום, און אלס זכר צום דאזיגען געשעהעניש האט דער פאטער פערפאסט דעם פיוט „אל חנן נחלתו בנועם להשפר", פון וועלכען די ערשטע ווערטער ענטהאלטען דעם נאמען פון זיין זוהן, דעם געוועזענעם פויבסט — „אלחנן"...

שבת־שובה

קחו עמכם דברים ושובו אל ד' וכו' ונשלמה פרים שפתינו...

ביים דאווענען איז דער איד מתפלל: „ונשלמה פרים שפתינו", אז די ווערטער, וואס ער זאגט מיט'ן מויל, זאלען זיין חשוב גלייך, ווי ער וואלט מקריב געווען קרבנות, צוגעבענדיג דערביי יעדעס מאל דאס ווארט „כאלו": „כאלו הקרבתי חטאת, כאלו הקרבתי עולה וכו'... דאגעגען אויף די „כאלו"ס", וואס ער זינדיגט מיט'ן מויל, אויף לשון־הרע, וועלכע איז „כאלו הורג נפשות", אויף חניפה, וועלכע איז „כאלו עובד עבודה־זרה", דערויף איז ער נישט שטארק מקפיד, ווארום וואס האט ער דען געטהון, ער האט דאך נישט מעהר, ווי געזאגט?... ווארענט אלזא דער נביא און זאגט: „קחו עמכם דברים", טהוט תשובה אויף די דברים, אויף די ווערטער, וואס איהר זינ־דיגט מיט'ן מויל, און דאן ערשט וועט איהר קענען פערלאנגען, אז „ונשלמה פרים שפתינו", אז מען זאל אויך די ווערטער, וואס איהר זאגט ביים דאווי־נען, פערעכענען פאר מעשים, גלייך ווי איהר וואלט מקריב געווען קרבנות.

(קול יהודה)

רבי יעקב דוד סלוצקער האט געהאט א שם אלס בעריהמטער דרשן, וועלכער איז געווען בכח מיט יעדע דרשה זיינע צו ברענגען דעם עולם צו טרעהרען. איינמאל איז איהם אויסגעקומען צו זיין אום שבת־שובה אין א שטעדטעל אין קורלאנד, וועלכע האט געהאט א נאמען אלס א נישט איבריג פרומע שטאדט. מען האט איהם פערבעטען צו האלטען א דרשה אין שוהל, ווי עס פאסט פאר שבת־שובה, האט ער געהאלטען א העכסט־פייערדיגע מוסר־דרשה, אבער נישט קוקענדיג דערויף איז דער עולם געבליבען אייז־קאלט, אהן שום ווירקונג.

מען האט נאכהער געפרעגט דעם סלוצקער דרשן, פארוואס זיין מוסר האט דאס מאל קיין שום פעולה נישט געהאט, האט ער געענטפערט: מיין

עובדא איז בלויז צו קענען צופּאַסען דעם שליסעל און אויפצודרעהען דעם קראַן, אָבער אַז דאָס פאַס איז לעדיג — איז עס נישט מיין שולד...

עהנליכעס האָט פּאַסירט מיט'ן דובנער מגיד צווישען די בערלינער משכילים, פאַר וועלכע ער האָט געהאַלטען אַ שאַרפע מוסר־דרשה, אָבער זעהענדיג, אַז עס נעהמט זיי נישט, האָט ער די דרשה פערענדיגט, כּדרכּו, מיט אַ משל:

אַ קאָוואַל פון אַ פּראָווינץ־שטעדטעל האָט איינגעקויפט אין דער גרויסער שטאָדט און אַראָבגעבראַכט צו זיך אין קוזשניע אַ בלאָזער. ביזאהער האָט ער דאָס פייער געמוזט אַליין אויפבלאָזען, איצט וועט ער שוין האָבען אַ מעכאַנישען בלאָזער.

בלאָזט ער און בלאָזט און עס מאַכט זיך נישט קיין פייער.

מחמת איין קליינינקייט בלויז האָט ער פערגעסען, אַז דער בלאָזער קאָן נור דאַמאָלס אויפבלאָזען אַ פייער, ווען אינוועניג געפינט זיך כאָטש אַ פונק.

— אָבער ווען ביי אייך — האָט דער דובנער פערענדיגט — פעהלט אפילו דער מינדעסטער פונק, וואָס קאָן איך אויפבלאָזען?...

יום-כפור

א טאג פאר ערב יום כפור איז צום רבי'ן אלימלך פון ליזענסק געקומען צו פאהרען א חסיד, וועלכער איז צוגעשטאנען צום משמש און איהם שטארק געבעטען, ער זאל איהם געבען די מעגליכקייט צו זעהען, ווי אזוי דער רבי איז זיך נוהג ביים שלאגען כפרות... אז דער רבי אלימלך האט דאס דערהערט, האט ער געהייסען דעם חסיד אריינרופען צו זיך און ער האט איהם בעפוילען, ער זאל תיכף נעהמען א פוהר און אראבפאהרען אין דעם און דעם דארף, וואס ליגט נישט ווייט פון ליזענסק, דארט זאל ער זיך דערפרעגען און אריינגעהן צו א געוויסען ארענדאר, וואו ער זאל בלייבען איף נאכטלעגער, און דארט וועט ער שוין זעהען, ווי אזוי מען דארף שלאגען כפרות.

דער חסיד האט געפאלגט דעם רבי'נס בעפעהל. ער איז גלייך אוועקגעפאהרען אינ'ם אנגעוויזענעם דארף, וואו ער האט זיך דערפרעגט צום ארענדאר. אריינקומענדיג אהין האט ער געטראפען א פולע שטוב מיט האלב שכור'ע גוים, ארום וועלכע דער ארענדאר, א פראסטער מגושמ'דיגער איד, און זיין ווייב, א מגושמ'דיגע אידענע, האבען זיך ארומגעפארעט. דער חסיד האט זיך א שווייגענדיגער אוועקגעזעצט אין א ווינקעל איף א באנק, מאכענדיג זיך שלאפען און געקוקט און געווארט...

נאך האלבע נאכט, ווען די שכורע גוים זענען זיך שוין געהאט פונאנדערגעגאנגען און טהיר און פענסטער זענען שוין געווען געשלאסען, זעהט ער, ווי דער ארענדאר דרעהט זיך הין און צוריק איבער'ן צימער און זיפצט, און דאן הייסט ער דעם ווייב, זי זאל איהם דערלאנגען דאס בוך, וואס ליגט אונטער'ן בעט. זי האט אפערגעשלעפט פון דארט און איהם דערלאנגט אנ'אלט צופליקט בוך, איבער וועלכען דער ארענדאר האט זיך אוועקגעזעצט ביים טיש און מיט א וויינענדיגער שטים אנגעהויבען ארויסלייענען פון דארט, מישענדיג בלאט נאך בלאט... אינ'ם דאזיגען בוך זענען געווען פערשריבען כל מיני עבירות, אין וועלכע ער איז נכשל געווארען במשך פונ'ם גאנצען יאהר: אין דעם און דעם טאג פון דער און דער וואך האט ער אנ'ארימען דורכוואנדערער נישט אויפגענומען ווי עס דארף צו זיין,

נישט מקיים געווען די מצוה פון הכנסת-אורחים כראוי; אין דעם און דעם טאָג האָט ער זיך איינגעהערט אינ׳ם ניבול-פה פון די שכורע פויערן; אין דעם און דעם טאָג האָט ער ביים דאַווענען שמונה עשרה געהאַט מחשבות-זרות, און אַזוי ווייטער, אַ לאַנגען צעטעל, בלאַט נאָך בלאַט. נאָך יעדע איבערגעלייענטע עבירה האָט ער שווער אָבגעזיפצט און ביי מאַנכע פון זיי זיך אויך שטאַרק צעוויינט.

פערטיג געוואָרען דערמיט, האָט דער אַרענדאַר זיך ווידער אַמאָל געווענדעט צום ווייב, זי זאָל איהם דערלאַנגען דאָס צווייטע בוך, וואָס ליגט דאָרט אינ׳ם ווינקעל אונטער׳ן אַנדערען בעט. ווידער האָט זי אָפּער-געשלעפּט און איהם דערלאַנגט אַן׳אַלט צופליקט בוך, וואָס ער האָט גענומען מישען און אַרויסלייענען בלאַט נאָך בלאַט. אינ׳ם דאָזיגען בוך זענען געווען פערשריבען כל מיני דאַגות, צרות און ליידען, וואָס ער איז במשך פונ׳ם דאָזיגען יאָהר דורכגעגאַנגען. אַ לאַנגער, זעהר לאַנגער צעטעל. נישט געווען אַ טאָג אָהן עגמת-נפש און אָהן עפּעס אַ פּורעניות... און ווען ער איז אויך מיט׳ן דאָזיגען בוך פערטיג געוואָרען, האָט ער אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויפ׳ן טיש און זיך פערטראַכט אין טיפע מחשבות, און דאַן האָט ער אויפגע-הויבען די אויגען אין דער הויך און געזאָגט: איך לייקען נישט, רבונו של עולם, אַ גרויסען חוב קומט דיר ביי מיר, גאָר אַ גרויסען חוב, איך בין דיר אַ סך שולדיג, אָבער אויך מיר ביי דיר קומט אַ גרויסער חוב, אויך דו ביזט מיר, כביכול, אַ סך שולדיג. כ׳ווייס נישט, וועלכער חוב עס איז גרע-סער און וועמען ביי וועמען עס קומט אַ רעשט. עס איז אַ צו-שווערער און פערפלאָנטערטער חשבון... ובכן, רבונו של עולם, לאָמיר זיין קוויט: דיין חוב פאַר מיין חוב, דאָס בוך פאַר דעם בוך, דער פנקס פון חטאים פאַר׳ן פנקס פון די צרות. זה חליפתי, זה תמורתי, זה כפרתי...

פאַרטאָג איז דער חסיד צוריקגעפאָהרען קיין ליזענסק און אַריינקו-מענדיג צום רבי׳ן אלימלך, האָט איהם דער רבי בעגעגענט מיט אַ שמייכעל:

— גז, וואָס האָסטו דאָרט געזעהען? — דער חסיד האָט איהם אַלץ גענוי איבערדערצעהלט און דער רבי אלימלך האָט איהם דערויף גע-ענטפערט:

— דאָס זעלבע, וואָס דער אַרענדאַר, האָט אויך דוד המלך גע׳טענה׳ט צום רבונו של עולם, און דאָס איז דער פשט אין תהלים (ל״א): „ד׳ נגדך כל תאותי ואנחתי ממך לא נסתרה״. אמת טאַקי, אַז עס איז „נגדך כל תאותי״ אָבער אויך „ואנחתי ממך לא נסתרה״, טאָ לאָמיר זיין קוויט... איצט ווייסטו שוין, ווי אַזוי מען שלאָגט כפרות?

(געהערט פון הרב יחזקאל מיכעלזאָן)

דעריבער — זאָגט דער מלבי״ם אין אַנ׳אָרט — איז „כל האוכל ושותה בתשיעי כאילו התענה תשיעי ועשירי״, ווייל עסען לשם-שמים איז שווערער, ווי פאַסטען לשם-שמים...

ערב יום כפור, ביים שלאָגען מלקות, איז דער דין: „פניו יהיו מוטים לצד צפון״.

דען „מצפון זהב יאתה״, הייסט מען איהם דעריבער אויסדרעהען זיך לצד-צפון: אָט איז דער מקור פון אַלדאָס בייז. פון דאָרט, פון געלד, שטאַמען אַלע חטאים...

(טורי זהב)

ווי עס ווערט אָנגענומען, איז דער נוסח פון „כל נדרי״ פערפאַסט געוואָרען אין שפּאַניען. בשעת די אָנוסים פלעגען זיך אין דער נאַכט פון יום-כפור פערזאַמלען אין געהיים אין די פערבאָרגענע מערות, פלעגען זיי דאַן פאָרלייענען דעם דאָזיגען נוסח פון התרת-נדרים, אַז עס ווערען אַנולירט די אַלע נדרים ושבועות, וואָס זיי זענען געצוואונגען געווען אָבצוגעבען ביים אָנערקענען דעם קריסטליכען גלויבען...

ווער אָבער האָט פערפאַסט די וואונדערבאַרע מעלאָדיע צו די ווערטער פון „כל-נדרי״? וועגען דעם גיט איבער דער בעריהמטער קאָמפּאָזיטאָר גאָלאָמב פאָלגענדע לעגענדע:

צווישען די מקורבים פון שפּאַנישען קעניג פערדינאַנד האָט זיך געפונען אַ געוויסער דאָן מאַנועל, וועלכער איז געווען אין לאַנד זעהר פּאָפּולער. דער דאָזיגער דאָן מאַנועל איז אָבער געווען איינער פון די קאָנספּיראַטיווע אָנוסים, וועלכער איז ענטדעקט געוואָרען דורך די שפּיאָנען פון דער הייליגער אינקוויזיציע און דער טריבונאַל האָט איהם פער׳משפט צו ווערען פערברענט אויפ׳ן אויטאָ-דאַ-פע. דעם צערעמאָניאַל פון דער עקזעקוציע האָט בייגעוואוינט דער קעניג זעלבסט, וועלכער האָט אין דער לעצטער מינוט אויסגעדריקט זיין פערלאַנג צו בעגנעדיגען איהם, בתנאי, אַז ער זאָל עפענטליך אויסדריקען זיין חרטה און שווערען פון היינט אָן טרייהייט דער קריסטליכער אמונה.

דאָן מאַנועל האָט זיך פערטראַכט אַ ווײַלע און דאַן האָט ער זיך געווענדעט צום קעניג און גענומען שרייען:

— די קייט! די קייט! ווי אַזוי רייסט מען איבער די קייט?

— וועלכע קייט? — פרעגט איהם איבער דער קעניג — דו ביזט דאָך נישט געבונדען אין קיין קייטען?

— די קייט! — האָט דאַן מאַנועל נישט אויפגעהערט צו שרייען —

די קייט פון אַברהם, יצחק ויעקב, די קייט, וואָס ציהט זיך ביז דוד המלך (דאָן מאַנועל האָט געהאַט אַ יחוס-בריעף, אַז ער שטאַמט מגזע-דוד), ווי אַזוי קאָן איך עס פועל׳ן ביי זיך די דאָזיגע קייט איבערצורייסען?

און דאָן האָט ער אויסגערופען: „שמע ישראל!״ און איז אַריינגע-שפּרונגען אינ׳ם ברענענדען שייטער-הויפען.

איינער פון די דאַמאָלסדיגע קאָמפּאָזיטאָרען זאָל די אַלע מאָמענטען האָבען פעראייביגט אין אַ מוזיקאַלישער שאַפונג, וועלכע איז נאָכהער בכל תפוצות ישראל אָנגענומען געוואָרען אַלס טראַדיציאָנעלער ניגון צו „כל-נדרי״: אין די ערשטע איינליייטונגס-טענער קומען צום אויסדרוק די הייליגע געפיה-לען פון די אַנוסים, בשעת זיי פערזאַמלען זיך אינ׳ם פאָרכטיגען טאָג אין די אונטערערדישע חדרים מתפלל צו זיין צום בורא-עולם. דאַן ווערען די טענער וואָס אַמאָל העכער, שטורמישער, עס הערען זיך פערשטיקטע קולות, פול מיט פחד און פערצווייפלונג. עס איז דער פּלוצלונגער איבערפאַל פון די אינקוויזיציע-סאָלדאַטען, וועלכע רייסען זיך אַריין אינ׳ם פערבאָרגענעם בעהעלטעניש... און דאַן — די שטילע יאוש-זיפצען פון די אין קייטען-גע-שמיעדטע מערטורער... דאַן — דאָס פיהרען דעם פעראורטיילטען צו דער עקזעקוציע... דאַן — דער הילכיגער „אוי-אוי-אוי״, וועלכער איז פול מיט שטאָלץ, עקשנות, פערביסענקייט און פעראַכטונג צו די שונאים און אין וועלכען עס הערט זיך דער אויסגעשריי פון דאָן מאַנועל: „די קייט! די קייט!״... און דאַן — די לעצטע, כאָרכלענדיגע גסיסה-טענער, די אויסגע-הענגדע כחות, וועלכע פערענדיגען זיך מיט „שמע ישראל״!...

רבי משה קאָברינער איז אַמאָל אַריינגעקומען אין קלויז צו כל-נדרי און זעהענדיג, ווי די חסידים זאָגען „תפלת זכה״, וואו עס זענען אויסגע-רעכענט כל-עבירות שבעולם, האָט ער זיך אָנגעשטעלט און אַ געשריי געטהון: „המערת פריצים היה לי הבית הזה״? צי דען איז דאָ אַ גנבים-קנייפע, וואו יעדער איינער בעריהמט זיך פאַר׳ן צווייטען מיט זיינע שענע מעשים? חרטה וואו איז? בושה, וואָס זאָל ברענען און בראָטען און קיין מנוחה נישט געבען? בושה!...

דעריבער מאַכט מען ביי כל-נדרי אַ „שהחיינו״, ווייל מען זעהט דאַ-מאָלס זעהר פיעל „פנים-חדשות״, אַזעלכע, וועלכע ווייזען זיך נישט אין שוהל אַ גאַנץ יאָהר...

(אוסם בושם)

ונסלח לכל עדת בני ישראל כי כל העם בשגגה...

כי לכל העם בשגגה — איטליכעס פאָלק האָט זיך זיין שגגה, זיינע פעהלערען, און ווען דו וועסט פערגלייכען, רבונו של עולם, אונזערע פער־לערען און אונזערע זינד צו די פעהלערען און זינד פון אַלע אַנדערע פעל־קער, דאַן — „ונסלח לכל עדת בני ישראל״, וועסטו אונז זיכער מוחל זיין, איינזעהענדיג, אַז אין פערגלייך מיט זיי אַלעמען זענען מיר צדיקים גמורים.

(חזות יאיר)

חוקת עולם לדורותיכם בכל מושבותיכם (אמור כג. לא.)

הלואי — ווינשט זיך די תורה — זאָלען ענטשטעהן אַזעלכע פרומע דורות, אין וועלכע דער יום-כפור מיט זיין „ועניתם את נפשותיכם״ זאָל געפייערט ווערען נישט אַלס טאָג, וואָס דאַרף מכפר זיין אויף די בעגאַנ־גענע זינד, נאָר אַלס „חק״, אַלס געוואוינהייט און טראַדיציע פון די פריהער־דיגע צייטען...

(אלשיך)

אָנו עזי פנים ואתה רחום וחנון...

און תיכף תוך כדי דבור זאָגען מיר: „שאין אָנו עזי פנים לומר לפניך וכו׳״?

נאָר ס׳זענען פאַראַן פערשידענע מדרגות פון עזות. אמת טאַקי — זענען מיר זיך מודה ומתודה — אַז „אָנו עזי פנים״, אַז מיר זענען עזות־פנים׳ער. עס איז געווען אַ גרויס עזות און חוצפה פון אונזער זייט, וואָס מיר האָבען געזינדיגט און נישט געפאָלגט, וואָס השי״ת האָט געהייסען, אָבער — „אין אָנו עזי פנים לומר לפניך וכו׳ צדיקים אנחנו ולא חטאנו״, אַזעלכע גרויסע עזות-פנימער צו זיין, אַוועקצושטעלען זיך און לייקענען שטיין אוןביין און טענה׳ן, אַז מיר האָבען גאָר לגמרי נישט געזינדיגט—צו אַזאַ מדרגה פון עזות זענען מיר נאָך חלילה נישט דערגאַנגען...

(דעת קדושים)

אָבל אנחנו ואבותינו חטאנו...

היתכן? ווי געשיקט זיך עס, מיר זאָלען זיך אַוועקשטעלען און שרייען, אַז אונזערע עלטערען האָבען געזינדיגט? אדרבה, געדאַרפט וואָלטען מיר דאָך דערמאָהנען דעם זכות פון אונזערע עלטערען?... נאָר עס איז בעקאַנט די קשיא פון של״ה, וועלכער פרעגט אויפ׳ן פסוק: „וזכרתי את בריתי יעקב

ואף את בריתי יצחק ואף את בריתי אברהם אזכור", ווי קומט דער דאָזיגער פסוק אין מיטען דער תוכחה, צווישען די קללות און שטראָף-רייד? דאָס איז דאָך גאָר, פערקעהרט, אַ לימוד-זכות? נאָר דער אמת איז, ענטפערט דערויף דער של"ה, אַז אויך דאָס געהער צו דער תוכחה און אויך דאָס איז אַ גרויסער קטרוג אויף אידען. דען אינו דומה, עס איז נישט גלייך, ווען עס געהט אַרויס לתרבות-רעה איינער, וועלכער שטאַמט פון נידריגע פּראָסטע עלטערען, ווי ווען דאָס טהוט אַזעלכער, וואָס שטאַמט פון אַ שענע יחוס-דיגע פאַמיליע, וואָס זיין זיידע איז געווען יעקב, זיין עלטער-זיידע — יצחק א. אַ. וו.

ווען מיר שטעלען זיך אַלזאָ אַוועק אום יום-כפור זיך מתנצל זיין פאַר אונזערע חטאים, זאָגען מיר: אמת טאַקי, מיר האָבען געזינדיגט, „אֲבָל אֲנַחְנוּ וַאֲבוֹתֵינוּ חָטָאנוּ", אָבער אויך אונזערע עלטערען זענען נישט געווען ריין פון זינד, אַ סך חטאים זענען צו אונז איבערגעגאַנגען בירושה און דעריבער איז אונזער שולד נישט אַזוי גרויס...

(רבי משה נפתלי טאַרניגראָדער)

עַל חֵטְא שֶׁחָטָאנוּ לְפָנֶיךָ בְּוִדּוּי פֶּה...

אויף דעם חטא, וואָס מען איז יוצא מיט'ן „ודוי פה", זאָגענדיג בלויז מיט'ן מויל...

און דאָס איז אויך דער פשט: „כי עוני אַגיד אדאג מחטאתי", מיין זינד בעשטעהט אין דעם, וואָס „אַגיד אדאג מחטאתי", וואָס כ'זאָג בלויז, אַז „אדאג מחטאתי", וואָס כ'בין יוצא מיט'ן מויל און דאָס האַרץ איז נישטאָ דערביי...

(רבי מענדיל קאָסובער)

מַעֲבִיר רִאשׁוֹן רִאשׁוֹן, מַרְבֶּה מְחִילָה לְחַטָּאִים...

די האַרבסטע עבירה איז די ערשטע עבירה. די שפּעטערדיגע עבירות זענען שוין אַ רעזולטאַט פון די פריהערדיגע, דען „עבר ושנה נעשה לו כהיתר". בעטען מיר דעריבער: „מעביר ראשון ראשון", השי"ת זאָל קודם כל מעביר זיין און אָבמעקען די ערשטע עבירות, וועלען די איבעריגע שוין במילא אַוועקפאַלען...

(רבי לוי יצחק בערדיטשעווער)

אָשַׁמְנוּ מִכָּל עָם בּוֹשְׁנוּ מִכָּל דּוֹר וָדוֹר...

דעריבער איז „אָשמנו מכל עם", זענען אונזערע זינד אַזוי גרויס, ווייל—

„בושנו מכל דור ודור", יעדע אומה צייכענט זיך אויס מיט איהר נאציאנא-לען שטאלץ, מיט איהר זיכערקייט ביי זיך, אז זי שטעהט העכער פון אלע ארומיגע פעלקער. בלויז מיר, כאטש מיר זאגען מיט'ן מויל „אתה בחרתנו מכל העמים", בעטראכטען מיר זיך אין דער ווירקליכקייט אלס מינדערווערטיגע פון אלע אנדערע, ווערענדיג פאר אלעמען בטל, שעמענדיג זיך מיט אונזער אידישקייט און מיט אונזערע טראדיציעס פאר'ן מינדעסטען גוי...

(הגיונות אל עמי)

שמע קולנו...

אין די פנימער איז אונז שוין היינט אפשר שווער צו דערקענען, אונזערע פנימער זענען געווארען שטארק פער'גוי'איִשט... אבער — „שמע קולנו", אינ'ם קול דערקען אונז, אונזער קול האט זיך נישט געענדערט. מיט אונזער זיפצען און קרעכצען, מיט אונזערע געוויינען און געשרייען, זענען מיר די זעלבע אידען, ווי אמאל, די זעלבע בני אברהם, יצחק ויעקב...

(רבי ישכר הורוויץ)

כי לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך...

דער דובנער מגיד פלעגט זאגען: „כי לא על צדקותינו אנחנו מפילים תחנונינו לפניך". אויף אלץ אין דער וועלט בעטען מיר ביים רבונו של עולם, א חוץ „על צדקותינו", א חוץ אויף צדקות, אויף פרומקייט. דערויף איז קיינער נישט מתפלל...

הס קטיגור וקח סניגור מקומו...

הס קטיגור — זאל שווייגען דער קטיגור, וקח סניגור — און נעהם-אן אלס סניגוריא, אלס פערטיידיגונג — „מקומו", זיין ארט, וואו דאס פאלק ישראל געפינט זיך און אין וועלכע שווערע, אונערטרעגליכע בעדינגונגען עס לעבט...

(פרח לבנון)

למשפטיך עמדו היום כי הכל עבדיך...

„למשפטיך עמדו היום" — פלעגט זאגען רבי לוי יצחק — דיינע אידען ווילען היינט מיט דיר, כביכול, א משפט, א דין-תורה האבען. דען א גרויסע טענה האבען זיי צו דיר און א גערעכטע טענה. זייער טענה איז: „כי הכל עבדיך", אז די אלע צרות, וואס זיי ליידען, איז דאס אלץ דער-

פאַר, ווייל זיי זענען דיינע קנעכט, ווייל זיי זענען אידען. וואָלטען זיי קיין אידען נישט געווען, וואָלטען זיי נישט געווען אַזויפיעל געליטען... און קוים ליידען זיי צוליעב דיר, איז דאָך ממילא מוטל אויף דיר, כביכול, דו זאָלסט זיי העלפען!

„ביום-הכפורים — ווערט געזאָגט אין מדרש — נוטל הקב״ה עוונותיהן של ישראל ונותנן על שרו של עשיו, כמה שנאמר „ונשא השעיר עליו את כל עוונותם״.

אין פלוג: וואָס איז עס פאַר אַ יושר? פאַרוואָס קומט עס דעם שר של עשיו צו טראָגען אויף זיך די אידישע זינד?

נאָר די כונה איז: ווען עס איז יום-הדין מלמד-זכות זיין אויף זיין פאָלק ישראל, איז השי״ת תולה זייערע חטאים אינ׳ם שרו של עשיו. אין אַ גרויסען טייל פון די אידישע זינד איז עשיו שולדיג. דער שווערער גלות, די אונאויפהערליכע ענויים, גזירות און רדיפות, וואָס די אידען ליידען פון עשיו׳ן, דאָס אַלץ איז גורם, זיי זאָלען אַראָבגעפיהרט ווערען פונ׳ם ריכטיגען עהרליכען וועג, נישט קענענדיג ביישטעהן די שווערע טאָג-טעגליכע נסיונות...

סֻכּוֹת

סוּכּה, די דירת-ארעי, איז מרמז אויפ׳ן גלות, און די דינים, וואָס זענען פערבונדען מיט דער דאָזיגער מצוה, שטעלען-פאָר מיט זיך דאָס לעבען פונ׳ם גלות-איד.

דער סכך טאָר נישט זיין פון מחובר-לקרקע — אַ רמז אויף דער אי-דישער באָדענלאָזיגקייט...

אַ סוכה, וועלכע איז הויך ס״ה צעהן טפחים און מען קאָן אין איהר דעם קאָפּ נישט אויפהויבען — איז אויך אַ סוכה, דען אין גלות איז דער איד געצוואונגען צו געהן מיט אַנ׳אַראָבגעבויגענעם קאָפּ...

דער דין איז ביי סוכה: „תעשה ולא מן העשוי״. אַ איד מוז אַלץ אַליין שאַפען און בויען און יעדעס מאָל מוז ער אָנהויבען פון אָנהויב. זיין אויפגאַבע איז צו בויען כסדר פערשידענע אינדוסטריע-צווייגען, צו שאַפען נאָכאַנאַנד פערשידענע האַנדעלס-פּלעצער, פון וועלכע ער ווערט שפּעטער אַרויסגעשטויסען און פערנומען דורך אַנדערע, און ער מוז זיך אַוועקשטעלען בויען פון דאָס ניי...

(כנסת ישראל)

רבי פישל סטריקאָווער פלעגט זיצען אין סוכה אַפילו בשעת אַ רעגען. האָט מען איהם איינמאָל געפרעגט: היתכן? עס ווערט דאָך בפירוש געזאָגט אין שולחן-ערוך (שו״ע או״ח סי׳ תרל״ט): „ירדו גשמים הרי זה יכנס לתוך הבית״ און דערויף ווערט צוגעגעבען אין הגהות הרמ״א: „וכל הפטור מן הסוכה ואינו יוצא משם אינו מקבל עליו שכר ואינו אלא הדיוט״?

— באַדיי אַ הדיוט זאָל איך זיין — האָט רבי פישל דערויף געענט-פערט — און אין סוכה זאָל איך זיצען...

דער חדושי הרי״ם האָט געטייטשט: „ואינו אלא הדיוט״, דאָס וואָרט „הדיוט״ איז דאָ דער פּשט: אַ פּשוט׳ער, איינפאַכער איד, אַ איד אָהן קונצען...

און דער איזשביצער האָט דערויף געזאָגט: דער טעם, פאַרוואָס ירדו גשמים איז מען פטור מן הסוכה איז דאָך נור דערפאַר, ווייל ער הייסט אַ מצטער, איז ווייבאַלד אַ איד האָט מעהר צער דערפון, וואָס ער זיצט נישט אין סוכה, איז ער שוין דאַן ממילא מחויב בסוכה...

(בית יעקב)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער פלעגט אַריינרופן אַלס שכנים צו זיך אין סוכה דוקא פּראָסטע מענשען, פון דער נידריגסטער קלאַס.

אַז מען האָט איהם איינמאָל געפרעגט אַ טעם דערויף, הלמאי עס געפעלט איהם דוקא צו זיצען ביי איין טיש מיט אַזעלכע פּראָסטע לייט, האָט ער געענטפערט בדרך-הלצה:

לעתיד-לבא, בשעת מען וועט אַריינבעטען אַלע צדיקים אין דער „סוכת עור של לויתן", און איך, לוי יצחק, וועל אויך האָבען חשק אַריינצוקריגען זיך אַהין, וועט דאָך מיך אַודאי דער מלאך אָבשטעלען ביים אַריינגאַנג און אַ פרעג טהון מיט כעס: האַ, ווי קומסטו, דו פּראָסטער מענש, אַריינצושטופּען זיך צווישען סאַמע לויטער צדיקים? וועל איך איהם דערויף ענטפערן: האָט קיין פּעראיבעל נישט. צו מיר, אין מיין סוכה, האָב איך אויך אַריינגעלאָזט פּראָסטע מענשען און זיך לגמרי מיט זיי נישט געשעמט...

„ולקחתם לכם פרי עץ הדר — זהו אתרוג הדר באילנו משנה לשנה" (סוכה ל"ח)

איטליכע פרי האָט זיך איהר צייט און איהרע קלימאַטישע בעדינגונ-גען, אין וועלכע זי קאָן בליהען און וואַקסען. פאַרהאַן פירות, וועלכע וואַק-סען נאָר דאַן, ווען די זון וואַרימט און קיין קעלט קענען זיי נישט פער-טראָגען, און ווידער זענען פאַרהאַן פירות, וועלכע וואַקסען נאָר ווען עס איז קאַלט, און בעת עס ווערען היצען, וועלקען זיי. אתרוג איז די איינציגע פרי, וועלכע וואַקסט און זיצט אויפ'ן בוים אַ גאַנץ יאָהר, זומער און ווינ-טער, איבערטראָגענדיג פרעסט און היצען, שניי און רעגען.

אַזוי ווי די פירות — אַזוי זענען אויך די פעלקער. איטליכעס פאָלק האָט זיך זיין אָרט און אָנגעצייכענטע בעדינגונגען, ביי וועלכע עס קאָן זיך ענטוויקלען.

אתרוג איז דער סימבאָל פונ'ם איד, דעם אייביגען וואַנדרער, וועל-כער מאַכט מיט אין זיין גלות-וועג אַלערליי ענדערונגען, לעבט אין אַלערליי אָרדנונגען און פאַסט זיך צו צו אַלע בעדינגונגען...

(בית יעקב)

אתרוג, דער „פרי עץ הדר״, סימבאליזירט די שענע אידען, ערבה „שאין בה לא טעם ולא ריח״ — דעם המון, הדס „שיש בו ריח ולא טעם״ — די יעניגע, וואס האבען מעשים אהן תורה, לולב „שתמריו יש בהם טעם ולא ריח״ — די יעניגע, וואס האבען תורה אהן מעשים.

און א מערקווירדיגע זאך: די לעצטע דריי מינים לאזען זיך אלע צונויפבינדען צוזאמען, בלויז דער אתרוג, דער „שענער איד״, בלייבט אנ׳אבגעזונדערטער, א מיוחס פאר זיך...

(לקוטי מרגליות)

אין די שו״ת „בכורי יעקב״ פון רבי יעקב עטינגער, געפינען מיר א זעהר כאראקטעריסטישע און קוריאזע שאלה. עס ווערט דארט נעמליך געפרעגט, צי קאן א איד פון איירעפא יוצא זיין און א ברכה מאכען איבער די ארבעה מינים, וואס זענען געבראכט געווארען פון אמעריקא, אדער פון אויסטראליען (און דאס זעלבע פערקעהרט, צי קענען די דארטיגע אידען יוצא זיין מיט די ארבעה מינים פון איירעפא), מחמת דער דין איז דאך, אז די ארבעה מינים דארפען געהאלטען ווערען אין האנד כדרך גדולתן און היות, ווי די ערד איז קיילעכיג און די געוויקסען פון אמעריקא און אויסטראליען וואקסען אויף אזא אופן אונטער אונזערע פיס, קומט דאך אלזא אויס, אז די דארטיגע ארבעה מינים, בשעת מיר נעהמען זיי דא אין דער האנד אריין צום בענשען, זענען זיי להיפוך מדרך גדולתן...

אגב, א עטוואס עהנליכע, און אין דעם פאל גראד גאנץ ערנסטע שאלה, ווערט געבראכט אין שו״ת „תורת חיים״ (ח״ג סי׳ ז׳). די דאזיגע שאלה איז געפרעגט געווארען דורכ׳ן ערשטען אידישען קיבוץ אין בראזיליען און נעמליך: היות, ווי דער סדר-הזמנים, די קלימאטישע ענדערונגען פון יאהר זענען דארט פערקעהרט, ווי ביי אונז: בשעת ביי אונז איז ווינטער איז דארט זומער און אין אונזערע זומער-חדשים איז דארט ווינטער, לכן, צי דארפען זיי נישט איבעררוקען די ברכות פון „משיב הרוח״ און „ותן טל ומטר״ און צופאסען זיי צום דארטיגען צייט-סדר?...

פארהאן א ילקוט שמעוני:

„אתה מוצא שלש שמחות כתיב בחג: „ושמחת בחגך״, „והיית אך שמח״, „ושמחת לפני ד׳ שבעת ימים״, אבל בפסח אין אתה מוצא וכו׳ אפילו שמחה אחת, וכן אתה מוצא שאין כתיב בעצרת אלא שמחה אחת דכתיב: ושמחת אתה וביתך״.

ביי פסח, אינ׳ם יום-טוב פון פרייהייט, ווערט דאָס וואָרט „שמחה״ נישט דערמאָהנט, ווייל פרייהייט אַליין פאַר זיך איז גאָרנישט. די ערוואָרבענע פרייהייט בעקומט ערשט אַ זין נאָך מתן-תורה, אין חג-השבועות, און דאַן ווערט שוין געברויכט דאָס וואָרט „שמחה״, אָבער נאָר איינמאָל, דען די שמחה איז נאָך אַלץ נישט בשלמות. די אמת׳ע שמחה איז ערשט אום סוכות, ערשט דאַן, ווען צו דער ערוואָרבענער פרייהייט און צו דער נתינה פון אַ תורה, ווערט צוגעגעבען דער „קמח״, דער „חג-האסיף״, די מאַטעריעלע פערזיכערונג, ערשט דאַן ווערען די אַלע דריי ימים-טובים געגענזייטיג פערפאָלקאָמט און — דריי מאָל ווערט דעריבער איבערגע׳חזר׳ט דאַן דאָס וואָרט „שמחה״...

(הרב משה הורוויץ)

אויפ׳ן פסוק „והיית אך שמח״, דרשנ׳ען די חז״ל: „לרבות לילי יו״ט האחרון לשמחה״, הגם אומעדום איז דאָס וואָרט „אך״ אַ מיעוט. דאַגעגען אויפ׳ן פסוק „ארבעים יכנו״ געפינען מיר פערקעהרט: „אתו רבנן ובצרי חדא״, הגם אין פסוק שטעהט בפירוש „ארבעים״.

אָט דאָס איז דער כח פון די חכמים: דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך מהנה צו זיין אידען און זיי משמח צו זיין, מאַכען זיי פון אַ מיעוט אַ רבוי, דאַגעגען אָבער וואו עס האַנדעלט זיך וועגען מלקות, מאַכען זיי פון אַ רבוי — אַ מיעוט...

(בית יעקב)

אַ זעהר אָריגינעלען טעם אויפ׳ן מנהג פון חבוט-הערבה, צו קלאַפּען די ערבה (אום הושענא-רבה, נאָך די הושענות) אָן דער ערד, ברענגט דער בעקאַנטער חוקר א. ש. הערשבערג, און נעמליך:

ביי פיעל פון די פאַרציייטישע פעלקער איז די ערבה געווען פערהייליגט אַלס געטין, וואָס האָט צו שאַפען איבער דער פרוכטבאַרקייט פון דער ערד. אין אַ הונגער-יאָהר פלעגט מען קושען די ערבה און מתפלל זיין צו איהר, אַז זי זאָל פייכט מאַכען די ערד און איהר בענשען מיט גערעטעניש. אַ געוויסער היסטאָריקער פערזיכערט זאָגאַר, אַז דעריבער הייסט אַראַביען „ערב״, אויפ׳ן נאָמען פון דער געטין „ערבה״...

דער דאָזיגער גלויבען — ווי עס שטעלען פעסט די עגיפּטילאָגער — האָט אויך געהערשט אין מצרים, און צוליעב דעם אַלזאָ האָט מען ביי אידען בעת׳ן חג-האסיף, בשעת מען האָט מתפלל געווען אויף רעגען, געקלאַפּט די ערבות און געוואָרפען זיי אויף דער ערד, בכדי אויסצולאַכען און אויסצוואָרצלען דעם נאַרישען אַבערגלויבען וועגען דער הייליגקייט פון דער ערבה, אַלס משפיע פון רעגען און גערעטעניש...

(עזרת ישראל)

בדרך הלצה:

דעריבער ווערט בשעת'ן קלאפען די ערבה אויסגעשריען: „למען דעת כל עמי הארץ", דען כידוע זענען די פיער מינים, ווי עס ווערט געזאגט אין מדרש, מרמז אויף פיער ערליי פערשידענע קאטעגאריעס אידען, און די ערבה סימבאליזירט די סאמע נידעריגסטע אידען, די יעניגע „שאין בהם לא טעם ולא ריח". בשעת עס קומט אלזא צו די תפלות נאך די הושענות, ווען אלע אנדערע מינים ווערען אוועקגעלעגט אן א זייט און אין האנד האלט מען בלויז די ערבה, ווערט זי מיטאמאל זעהר שטאלץ ביי זיך און זי הויבט זיך אן איינריידען, אז פון אלע ארבעה מינים איז זי די חשוב'סטע, דער עיקר, די מיוחסת... איז מען איהר דעריבער תיכף מכבד מיט קלעפ און מען שרייט: „למען דעת כל עמי הארץ"! זאל זיך דער עם-הארץ, „שאין בו לא טעם ולא ריח", נישט גרויס האלטען, זאל ער נישט מיינען און זאל ער זיך נישט איינרעדען, אז ער איז טאקי באמת דאס אויבערשטע פון שטויסעל...

(אומם בושם)

וואס איז דער טעם, וואס אום שבת חול-המועד פסח איז דער מפטיר מסיים די ברכות און לאזט אויס בלויז: „מקדש השבת", דאגעגען אום שבת חול-המועד סוכות פערענדיגט ער: „מקדש השבת וישראל והזמנים"?

עס איז דערפאר, ווייל חול-המועד פסח ווערען יעדען טאג ארויסגענומען צוויי ספרים צו קריאת-התורה און שבת (אין ועלכען עס ווערען אויך ארויסגענומען צוויי ספרים) איז דאן נישט קיין אויסנאהם פון יעדען אנדערען טאג חול-המועד, חול-המועד סוכות דאגעגען ווערט יעדען טאג ארויסגענומען נאר איין ספר און בלויז שבת חול-המועד — צוויי ספרים, און צוליעב דעם אלזא, וואס דער שבת איז אינ'ם דאזיגען יום-טוב אנ'אויסנאהם פון אלע אנדערע טעג, ווערט דעריבער אונטערגעשטראכען זיין בעזונדערע חשיבות און מען לאזט אויס די ברכות מיט — „מקדש השבת וישראל והזמנים"...

(מהרי"ל)

סוכות, ווי עס ערקלערט דער מדרש, האט מען מקריב געווען שבעים פרים פאר'ן וואויל און שלום פון די שבעים אומות. ערשט דעם לעצטען טאג, שמיני-עצרת, האט מען מקריב געווען א קרבן פאר אידען.

אזוי איז שוין די אייביגע טראגעדיע אונזערע: מיר זארגען רק פאר פרעמדע, רק פאר דער וועלט. אונזערע אייגענע אינטערעסען לאזען מיר צום סאמע סוף... און דערפאר טאקי האבען מיר אזא שעהן פנים.

וועגען שמיני-עצרת זאָגען די חז"ל (סוכה נ"ה): "משל למלך שעשה סעודה וכו' לאחר שבעה ימים אמר קשה עלי פרידתכם".

דערויף ווערט געטייטשט: "קשה עלי פרידתכם", ס'איז מיר שווער דער פירוד, וואָס הערשט ביי אידען... און דעריבער, כדי צו בעזייטיגען דעם פירוד, איז אַ מנהג, מען זאָל זיך שמיני עצרת צונויפקומען און זיך משמח זיין בחברותא, וואָס ברענגט צו התקרבות, צו אהבה ואחוה...

(צרור החיים)

און דאָס — פלעגט זאָגען רבי ישראל ריזשינער — איז דער פשט אין דער גמרא (שבת ל"א), וואו עס ווערט דערצעהלט וועגען דעם גר, וועלכער האָט פערלאַנגט פון הלל: "גיירני על מנת שתלמדני כל התורה כולה על רגל אחת" און הלל האָט איהם דערויף געענטפערט: "מה דע׳ך סני לחברך לא תעביד".

דען וועגען יעדען יום-טוב ווערט געגעבען אין דער תורה אַ טעם, פאַר-וואָס און צוליעב וואָס דער יום.טוב ווערט געפייערט. דער טעם ווערט אָנ-געוויזען אין יעדען נאָמען גופא: חג-המצות, חג-השבועות, חג-הסוכות. בלויז איין יום-טוב איז פאַרהאַן, שמיני-עצרת, וועגען וועלכען עס ווערט אין דער תורה קיין שום טעם נישט אָנגעוויזען. דער גר האָט אַלזאָ פערלאַנגט פון הלל, ער זאָל איהם לערנען די תורה, דעם זין און דעם טעם פון יענעם "רגל אחת", פונ'ם דאָזיגען איינעם יום-טוב, שמיני-עצרת, וועלכער איז לגמרי נישט קלאָר. דערויף האָט ער איהם געענטפערט: "מה דעלך סני לחברך לא תעביד", אַז דער טעם פונ'ם דאָזיגען יום-טוב איז, אַז עס זאָל בעזייטיגט ווערען דער פירוד ביי אידען, עס זאָל אויפגעוועקט ווערען אינ'ם דאָזיגען טאָג אַ התעוררות פון אַהבה און אַחדות פון איין איד צום צווייטען, דען— "קשה עלי פרידתכם"...

"שישו ושמחו בשמחת תורה"...

אַ שמחה, אויף וועלכער נאָר איין צד איז זיך משמח און דער צוויי-טער צד געהט אַרום פער'מרה-שחורה'ט, איז נישט קיין עכטע, אמת'ע שמחה.

שישו ושמחו בשמחת תורה.ביידע צדדים, ביידע מחותנים זאָלען זיך משמח זיין. נישט-נאָר איהר זאָלט זיך פרעהען מיט דער תורה, נאָר די תורה זאָל זיך אויך פרעהען מיט אייך...

(פנינים)

חֲנֻכָּה

פערשיעדענע ערקלערונגען ווערען געגעבען וועגען דער בעדייטונג פון וואָרט „חשמונאים", מיט וועלכען יהודה און מתתי' און זייערע קינדער ווערען אָנגערופען אין דער משנה (מדות פ"א ו) און אין דער גמרא (שבת כ"א: „מלכות בית חשמונאי"; בבא-קמא פ"ב: „כשצרו מלכי חשמונאים זה על זה").

דער רד"ק, אין זיין פירוש אויף תהלים, בעמערקט, אַז „חשמונאים" ווערט געמיינט אין זין פון „חשמנים", שרים, נכבדים, ווי — „יאתיו חשמנים מני מצרים (תהלים סח. לב.). אַנדערע ווילען האָבען (און אַזוי ווערט אויך געבראַכט אין ספר „חמש ידות"), אַז „חשמונאי" זאָל זיין אַ צוזאַמענשטעל פון ראשי-תיבות, וועלכע זענען מרמז אויף די גזירות, וואָס די יונים האָבען דאַמאָלס גוזר געווען אויף אידען, און נעמליך: חדש, שבת, מילה, נדה, אישות...

עס זענען אָבער פאַרהאַן נאָך פערשיעדענע אַנדערע ערקלערונגען. עס איז פאַרהאַן, למשל, אַ מיינונג, אַז דער זיידע פון מתתיהו, דער פאָטער פון יוחנן כהן גדול, זאָל האָבען געהייסען „חשמונאי". אָבער אַמוואַהרשיינליכסטען זעהט אויס צו זיין די איינפאַכע ערקלערונג, אַז „חשמונאים" האָט מען זיי גערופען דערפאַר, ווייל זיי זאָלען האָבען געשטאַמט פון אָרט „חשמון" אין נחלת-יהודה, וואָס ווערט דערמאָהנט אין יהושע טו. כז.

דעריבער ווערט חנוכה געפייערט בלויז בתפלה ובהודאה און פורים— במשתה ושמחה, ווייל די יונים האָבען בעיקר געשטרעבט אויסצוראָטען די אידישע תורה, צו בעקעמפען אונז גייסטיג, דאַגעגען המן האָט אונז געוואָלט אומברענגען פיזיש. איז דערפאַר ווערט חנוכה געפייערט ברוחניות און פורים — בגשמיות...

(חנוכת יוסף)

„מסרת גבורים ביד חלשים, ורבים ביד מעטים, וטמאים ביד טהורים ורשעים ביד צדיקים"...

מילא „גבורים ביד חלשים ורבים ביד מעטים" איז טאַקי אַ רבותא, אַ וואונדערליכע זאַך, אָבער וואָס פאַר אַ רבותא איז עס, וואָס די טמאים

זענען איבערגעגעבען געוואָרען ביד טהורים און רשעים ביד צדיקים?
באמת אָבער איז אויך דאָס אַ גרויס נס, אַ זאַך, וואָס איז חוץ לדרך־הטבע, דען בדרך־הטבע איז שטענדיג דער טמא גובר דעם טהור און דער רשע — דעם צדיק...

(אמרי חן)

ווי עהנליך מיר זענען און ווי סימבאָליש אונזער גורל איז צום שמש פון די נרות־חנוכּה! ער איז דער „ליכט־טרעגער", וואָס צינדט־אָן אַלע ליכט־לעך און — אַליין בלייבט ער נאָכהער שטעהן אין דער זייט, ווי אַנ׳אי־בעריגער, אין וועלכען קיינער נויטיגט זיך נישט מעהר...

(עזרת ישראל)

עס איז בעקאַנט די קשיא פון בית־יוסף, וועלכער פרעגט: פאַרוואָס פייערען מיר אַכט טעג חנוכּה, דער נס איז דאָך נאָר געווען זיעבען טעג, דען אויפ׳ן ערשטען טאָג איז דאָך אינ׳ם פך שמן געווען גענוג בוימאייל?
נאָר — האָט דערויף געענטפערט רבי יעקב יצחק פון פשיסכע (דער „יוד הקדוש") — תוספות פרעגט, ווי אַזוי האָט מען זיך געמעגט בענוצען מיט׳ן געפונענעם פך שמן, הגם ער איז געווען פער׳חתמ׳עט בחותמו של כהן גדול. מען האָט דאָך גוזר געווען, אַז עכו״ם האָבען דעם דין ווי זבים, וועלכע זענען מטמא אויך „בהיסט" (מיט דער בלויזער בעוועגונג)?
אָבער — האָט דער „איד הקדוש" אויסגעפיהרט בבדיחות — אַ טייל פונ׳ם גרויסען נס איז טאַקי בעשטאַנען אין דעם, וואָס עס איז דאַן קיינעם בעת־מעשה נישט איינגעפאַלען צו פרעגען תוספות׳ס קשיא... און דער דאָזי־גער נס איז דאָך ממילא חל געווען אויך אויפ׳ן ערשטען טאָג.

דער נס־חנוכּה איז בעשטאַנען, כידוע, אין דעם, וואָס עס זענען טמא געוואָרען אין בית־המקדש „כל השמנים", אַלע אייל׳ען, און מ׳האָט דאַן געפו־נען בעהאַלטען אַ פך שמן פער׳חתמ׳עט בחותמו של כהן גדול. פרעגט מען אַ האַרבע קשיא: דער דין איז דאָך אין דער גמרא און אַזוי פּסקנ׳ט אויך להלכה דער רמב״ם, אַז „משקין של בית מטבחים", ס׳הייסט פון בית־המקדש, זענען נישט מקבל טומאָה?
ענטפערט דערויף דער חדושי הרי״ם: ווען זאָגען מיר, אַז די משקין, וועלכע געפינען זיך אין בית־המקדש זענען נישט מקבל טומאָה, ווען דער בית־המקדש אַליין איז טהור. דאַמאָלס אָבער איז דאָך דער בית־מקדש גופא געווען טמא און נישט געהאַט אין זיך קיין קדושה, ווי מיר זאָגען: „ואח״כ באו בניך לדביר ביתך ופינו את היכלך וטהרו את מקדשך", אַז מען האָט

דעם בית-המקדש זעלבסט געדארפט מטהר זיין, וממילא האבען שוין די אלע איילען נישט געהאט מעהר דעם דין פון „משקין של בית מטבחים״...

לויט'ן דין, אויב איינער האט קיין געלד נישט צו קויפען נרות-חנוכה, און דאס זעלבע אויך אויב ער האט נישט אויף ארבע כוסות, איז ער מחויב צו זיין א „מחזיר על הפתחים״, ארומצוגעהן פשוט בעטלען און צו קלויבען נדבות דערויף. פארוואס האט מען דוקא ביי די דאזיגע צוויי מצוות מחמיר געווען אין דער היגזיכט מעהר ווי ביי אלע אנדערע מצוות?

ווייל וועגען יעדע אנדערע מצוה — האט דערויף ערקלערט רבי אברהמ'לע סאכאטשעווער — ווערט געזאגט: „חשב אדם לעשות מצוה ונאנס ולא עשה מעלה עליו הכתוב כאלו עשאה״, דען „מחשבה טובה הקב״ה מצרפה למעשה״. ביי אלע אנדערע מצוות, אויב ער איז אנ'אונס, איז אלזא די מחשבה טובה אליין אויך גענוג. ביי נרות-חנוכה אבער, ווי אויך ביי ארבע כוסות, איז דאך דער עיקר טעם פון דער מצוה — „לפרסומי ניסא״, און דא קאן מען שוין נישט יוצא זיין מיט דער מחשבה, מיט דער בלויזער מחשבה קאן מען דעם נס נישט מפרסם זיין...

דער סדר-הברכות ביי חנוכה-ליכט איז: להדליק נר של חנוכה, שעשה נסים און שהחיינו.

דער סימן פונ'ם דאזיגען סדר — האט דערויף בעמערקט רבי יצחק וואלאזשינער — איז אנגעוויזען אין א פסוק אין דער תורה: „עשה לך שרף (להדליק) ושים אותו על נס (שעשה נסים) וראה אותו וחי״ (שהחיינו)...

צווישען די ספרדישע אידען אין ירושלים עקזיסטירט א זעלטענער מנהג: אינ'ם לעצטען טאג חנוכה געהען ארום די ת״ת-קינדער איבער די הייזער פון די בעלי-בתים, ביי וועלכע זיי זאמלען נדבות, זינגענדיג דערביי דעם פסוק: „שבו שברו לנו מעט אוכל״. פון די געזאמעלטע נדבות ווערט געפראוועט א סעודה פאר די תלמידים און מלמדים אלס זכר פון חנוכת-המזבח. פאר דער סעודה ווערט דער דערמאהנטער פסוק געזונגען דריי הונדערט און אכט מאל, לויט דער גמטריא פון ווארט „שבו״, און א חוץ דעם ווערט אויך געזונגען גאנץ שיר-השירים...

פורים

ומה שמו וזכרו וכו׳... (יוצר לפרשת זכור)

אין סלאָנים איז אַמאָל אויסגעבראָכען אַ מחלוקת צווישען שטאָדט-חזן און די ראשי-הקהל. דער רב, רבי אייזשע סלאָנימער, האָט אויסגעהערט זייערע טענות און איינגעפונען, אַז ביידע זענען אומגערעכט, ביידע האָבען דאָ געהאַנדעלט שלא-כחוגן, האָט ער צאָרניג אַ מאַך געטהון מיט דער האַנד און געזאָגט:

— ס׳איז אַזוי ווי אין פיוט שטעהט: „ומה שמו וזכרו", דערביי איז צוגעצייכענט ביי דער זייט — „חזן וקהל"...

„ואם כל המועדים יהיו בטלים ימי הפורים לא נבטלין"... (יוצר לפ׳ זכור)

פרעגט מען: אין מדרש רבה פ׳ פנחס ווערט דאָך געזאָגט בפירוש: „אבל המועדים האלו אינן בטלים לעולם, למה? שהן להקב"ה, שנאמר אלה מועדי ד׳", אַז די ימים-טובים וועלען לעולם, קיינמאָל נישט בטל ווערען?..

אַנמערקונג פון זאַמלער:

דער דערמאָהנטער זאַץ אין פיוט איז גענומען פון ירושלמי תענית (פ"ב י"ב) און געזאָגט ווערט עס דאָרט נישט נור וועגען פורים, נאָר אויך וועגען חנוכה: „אם כל המועדים יהיו בטלים חנוכה ופורים לא נבטלין", אָבער, ווי עס ווערט ערקלערט, בעציהט זיך דאָס נישט אויף די ימים-טובים פון דער תורה, נאָר אויף די פינף און דרייסיג מועדים, וואָס ווערען אויסגערעכענט אין מגילת תענית, און וועגען וועלכע עס ווערט געזאָגט „די לא להתענייא בהון ודי לא למספד בהון". די דאָזיגע מועדים האָבען די חז"ל שפּעטער מבטל געמאַכט און דערויף ווערט געזאָגט, אַז חנוכה ופורים, כאָטש זיי געהערען אויך נישט צו די ימים-טובים פון דער תורה, דאָך — „לא נבטלין"...

אַ גלח האָט אַמאָל אין אַ וכוח מיט אַ געוויסען רב, געשטעלט איהם אַ שאלה: ביי אייך, אידען, ווערט דאָך די נאַכט פעררעכענט צום קומענדען טאָג און אַזוי טאָקי ווערען געפייערט ביי אייך אַלע ימים-טובים, וועלכע הויבען זיך אָן פון דער פריהערדיגער נאַכט, טאָ פאַרוואָס איז פורים גראָד ביי אייך אַנ'אויסנאַהם און די גרויסע פורים'דיגע סעודה פראַוועט איהר ערשט אין דער נאַכט נאָך פורים און נישט אַ נאַכט פריהער?

ענטפערט איהם דערויף דער רב מיט אַ געגען-שאלה: ביי אייך, קריסטען, איז דאָך פערקעהרט, געהער דאָך די נאַכט צום פערגאַנגענעם טאָג, טאָ פאַרוואָס הויבט איהר אָן פראַוּוען די וויינאַכטען, דעם יום-טוב פון קריסטוס'עס געבורט, אין דער נאַכט פאַר'ן אָנקומענדען טאָג?

— נאָר — פיהרט ער אויס — איך וועל עס אייך פערענטפערען: דעם יום-טוב פורים האָבען מיר צו פערדאַנקען אַ גוי, המנ'ען, פייערען מיר דעריבער דעם דאָזיגען יום-טוב לויט'ן גוי'אישען שטייגער. איהר ווידער האָט די „וויינאַכטען" צו פערדאַנקען אַ אידען, פראַוועט איהר איהם דע-ריבער לויט'ן אידישען אופן...

פאַרהאַן ביי אידען אַ פאָלקס-ווערטעל: „וואָס אַהרט רש"י'ן, אַז המן בייזערט זיך"?

פון וואַנען נעהמט זיך דאָס דאָזיגע ווערטעל?

מחמת רש"י זאָגט פשט כמעט אויף איטליכען פסוק פון דער מגילה, בלויז אויפ'ן פסוק „וימלא המן חימה" זאָגט ער גאָרנישט. פאַרוואָס? און דערויף קומט דער ענטפער: וואָס אַהרט רש"י'ן, אַז המן בייזערט זיך?...

צו רבי נח לעכעוויטשער איז איינמאָל שושן-פורים אין דער פריה אַריינגעקומען צו לויפען אַ איד אַ שניידער, אַ עהרליכער, תמימות'דיגער איד, מיט אַ געוואַלד.

געהענדיג אין בית-המדרש אַריין, האָט ער דערזעהען, ווי אידען שטע-הען אין מאַרק און קויפען ביי אַ גוי האָלץ. איז ער געוואָרען אויסער זיך:

— ס'טייטש — מאַכט ער — פורים דאַרף מען דאָך דאָס גאַנצע געלד צוטיילען אויף צדקה, טאָ פון וואַנען האָבען זיי שוין באַלד אין דער פריה פריש געלד צו קויפען האָלץ אויפ'ן מאַרק?

— פערשטעהסטו מיך — בערוהיג'ט איהם רבי נח — דאָס קויפען די וועלכע האָבען נעכטען גענומען צדקה...

(די וועלט דערצעהלט)

פורים׳דיגע הלצות

אין מדרש ווערט געבראכט, אז דערפאר האט מען געהאנגען די עשרת בני המן, ווייל זיי זענען געווען זיינע יועצים און יעדער פון זיי האט איהם צושטייער געגעבען טויזענד ככר כסף, פרעגט זיך: ווי קומט צו ויזתא׳ן חכמה און צו דלפון׳ען געלד? אפנים אבער, אז בשעת עס האנדעלט זיך וועגען אומברענגען אידען, ווערט ויזתא א חכם און דלפון אן׳עושר...

(דעם קעלעמער מגיד׳ס א ווערטעל)

„אחשורוש מלך טפש היה״. פון וואנען איז דאס געדרונגען? דען אויפ׳ן פסוק „על רצפת בהט ושש״ זאגט רש״י: „קרקעות של בהט ושש וגו׳ מיני אבנים טובות״, אז די פאדלאגע איז געווען אויסגעפלאסטערט מיט די איידעלסטע איידעל-שטיינער, פרעגט זיך: ווי אזוי האט אחשורוש נישט מורא געהאט, מען זאל זיי ארויסגנב׳ענען? איז אט דערפון א ראיה, אז ער איז געווען א טיפש, און — „אז א נאר ווארפט א שטיין אין גארטען, קענען איהם קיין צעהן קלוגע נישט ארויסנעהמען״.

פֶּסַח

פון וואנען נעהמט זיך עס, וואס דער שבת פאר פסח ווערט גערופען „שבת הגדול״?

דען לויט די חז״ל — ערקלערט דערויף רבי יעקב ארנשטיין, דער בעל „ישועות יעקב״ — ווערט דער חג-הפסח אנגערופען אין פסוק מיט׳ן נאמען „שבת״ — „ממחרת השבת״ (געגען דער דעה פון די צדוקים). עס קומט אלזא אויס, אז די דאזיגע וואך ענטהאלט צוויי שבתים, און כדי צו אונטערשיידען צווישען זיי, ווערט דעריבער דער אמת׳ער שבת אנגערופען „שבת הגדול״...

עס ווערען אחוץ דעם געגעבען דערויף נאך פאלגענדע ערקלערונגען: „שבת הגדול״ הייסט ער דערפאר, ווייל עס ווערט דאן געלייענט די הפטרה, וועלכע ענדיגט זיך מיט׳ן פסוק: „הנני אנכי שולח לכם את אליהו הנביא לפני בוא יום ד׳ הגדול והנורא״.

(מטה משה)

— אינ׳ם דאזיגען שבת, פאר פסח, איז דער עולם דעם צווייטען האלבען טאג ביז מנחה פערזאמעלט אין בית-המדרש, וואו דער רב דרשנ׳ט פאר זיי מעניני דיומא, צוליעב וואס דער טאג זעהט אויס ביי אלעמען זעהר לאנג. צוליעב דעם זעלבען טעם ווערט אויך יום-כפור אנגערופען „צומא רבה״, ווייל מען פערברענגט דאן א גאנצען טאג אין בית-הכנסת.

(שבלי הלקט)

עס איז פאראן א חוץ דעם נאך א מיינונג, אז דעריבער הייסט ער „שבת הגדול״, ווייל אינ׳ם דאזיגען שבת דרשנ׳ט פאר׳ן עולם דער רב, דער גדול פון שטאדט.

רבי מענדעלי ליסקער (דער פאטער פון רבי נפתלי ראפשיצער), האלטענדיג איינמאל אום שבת-הגדול א דרשה, האט ער זיך געווענדעט צום עולם און געזאגט:

— ווי איהר ווייסט, רבותי, זענען זיך די רבנים נוהג אין דער שבת הגדול׳דיגער דרשה צו פערענטפערען אַ הארבען רמב״ם. נו, וואָלט איך אויך וועלען טהון דאָס זעלבע... אַלזאָ דער רמב״ם פסק׳ענט, אַז יעדער איד איז מחויב צו עסען מצה בפסח. אויך פסק׳ענט דער רמב״ם, אַז מען טאָר נישט גנב׳ענען און ער איז גאָר שטאַרק מחמיר אין דעם ענין... פרעגט זיך דאָך בכן אַ הארבע שאלה: וואָס זאָלען טהון די אָרימעלייט, וועלכע האָבען נישט אויף קיין מצה און עובר זיין אויפ׳ן הארבען איסור פון גנבה וואָלטען זיי אויך נישט וועלען? אָבער לפי עניות דעתי איז דער תירוץ גאַנץ פשוט: עס ליגט אַ חוב קדוש אויף אַלע בעלי-בתים צו זעהען, אַז די אָרימעלייט זאָלען פערזאָרגט ווערען מיט מצה און מיט אַלע איבריגע צרכי-פסח און דאַמאָלס וועלען מיט איינמאָל פערענטפערט ווערען ביידע הארבע רמב״מ׳ס על צד היותר טוב...

אין או״ח הלכות פסח ס״י תכ״ט ווערט געזאָגט: „שואלין ודורשים קודם הפסח שלשים יום וכו׳״, און דערויף קומט די בעמערקונג פון רמ״א: „ומנהג לקנות חטים לחלקן לעניים לצורך הפסח״.

ווי קומט דאָ אַהער די דאָזיגע בעמערקונג און וואָס פאַר אַ שייכות האָט עס איינס צום אַנדערען?

נאָר — האָט געזאָגט דערויף רבי מאיר׳ל פרימישליאַנער: דער מחבר פון שלחן ערוך רעדט ווי אַ רב און אין וואָס איז אַ רב עוסק פאַר פסח? אין דרשות, אין דינים, אין שאלות. דער רמ״א אָבער רעדט ווי אַ חסיד: ווידער דינים און אָבער דינים? בעסער לאָמיר וואָרענען דעם עולם און איהם בעצייטענס דערמאָהנען צו קויפען אויף פסח ווייץ פאַר די אָרימעלייט!

דער מאַמר „אלמלי שמרו ישראל שתי שבתות מיד נגאלו״ — פלעגט זאָגען רבי שמעלקי ניקעלשבורגער—בעציהט זיך אויף שבת-הגדול און שבת-שובה, דען דאָס איז דאָך ידוע, אַז „כל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם״, און היות, ווי אין די דאָזיגע צוויי שבתים זענען זיך די רבנים נוהג צו דרשנ׳ען פאַר׳ן עולם און עפ״י רוב בענוצען זיי זיך מיט פרעמדע חידושים, וועלכע זיי זאָגען נישט בשם-אומרם, קומט דאָך אויס, אַז זיי זענען אין די דאָזיגע צוויי שבתים מעכב די גאולה...

רבי יהושע׳לע קוטנער׳ס ווייב איז געווען אויסערגעוועהנליך פרום און אַז עס איז געקומען אַ פאַר-פסח איז פון איהר פרומקייט נישט געווען ממש

אויסצוזהאַלטען. זעהט איינמאָל רבי יהושע'לע, ווי זי שטעהט שעה'ן לאַנג און רייבט די הילצערנע בענקלעך, אַזש שוויס גיסט זיך פון איהר.

— געננג שוין — מאַכט ער צו איהר — לויט'ן שלחן-ערוך איז עס שוין די-והותר.

— נו, יאָ, נו — רופט זיך אָן צו איהם די רבי'צין מיט כעס — ווען איך זאָל הערען דיך מיט דיין שלחן-ערוך, וואָלט איך שוין לאַנג געגעסען חמץ אום פסח...

רבי אייזיל סלאָנימער זעהט אַמאָל, ווי אַ סלאָנימער גביר, אַ גרויסער קמצן, שטעהט ערב-פסח פאַר דער טיר פון זיין הויז און שאָקעלט-אויס זעהר זאָרגפעלטיג די קעשענעס פון זיינע מלבושים, עס זאָל זיך חלילה נישט פערוואַלגערן אין זיי קיין ברעקעל חמץ. רופט ער זיך אָב צו אים: עפ"י דין, ר' איד, דאַרפט איהר אייער קעשענע נישט בודק זיין, דען בודק זיין דאַרף מען „עד מקום שידו מגעת", און די האַנד אייערע דערגרייכט דאָך נור ביז צו דער קעשענע...

השתא הכא לשנה הבאה באַרעא דישראל וכו'...

צוויי בקשות בעטען מיר. ערשטענס, אַז „השתא הכא, לשנה הבאה באַרעא בישראל", אַז איבעראיאָהר זאָלען מיר זוכה זיין צו זיין אין ארץ-ישראל, און דאַן — „השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין", מיר זאָלען דאָרט זיין פריי, זעלבסטשטענדיג, נישט אונטער קיין פרעמדע הערשאַפט, דען עס איז מעגליך צו זיין אין ארץ-ישראל און נישט צו זיין דערביי קיין בן-חורין...

(בית דוד)

הרי אָנו וכו' משועבדים היינו לפרעה במצרים, ואפילו כלנו חכמים...

זאָלען מיר זיך נישט איינרעדען, ווי עס פלעגען זיך איינרעדען בטעות די אַמאָליגע משכילים, אַז פיינינען פייניגט מען אונז דערפאַר, ווייל מיר זענען אָבגעשטאַנען און פערפיינסטערט, האַלטענדיג זיך עקשנות'דיג אָן אַל-טען, פאַרצייטישען אידישען לעבענס-שטייגער, ווייל מיר דערווייטערען זיך פון דער מאָדערנער קולטור, און ציוויליזאַציע... שקר וכזב! מיר האָ-בען שוין אויך דאָס פרובירט און אויך דאָס האָט נישט געהאָלפען... די ביטערע ערפאַהרונג האָט אונז בעוויזען, אַז מיר זענען געווען און מיר

זענען משועבד „לפרעה במצרים“ אַפילו דאַן, ווען „כלנו חכמים, כלנו נבונים“, ווען מיר זאָלען אַפילו זיין העכסט געבילדעט, העכסט קולטורעל און העכסט מאָדערן...

(הרב יהודה לייב צירעלסאָן)

כל ימי חייך להביא לימות המשיח...

פון דאַנען — פלעגט זאָגען דער ווילנער גאון — איז אַ ראיה צום מאמר חז״ל, אַז „לעתיד לבא הכל יתרפאו חוץ מנחש“, דען ביים נחש שטעהט: „ועפר תאכל כל ימי חייך“, און — „כל ימי חייך להביא לימות המשיח“...

„כל ימי חייך“, אַלע דיינע מעשים אין לעבען דאַרפען זיין געווענדעט צו איין זאַך און צו איין שטרעבונג — „להביא לימות המשיח“...

(בית אברהם)

כנגד ארבעה בנים דברה תורה...

פיער בנים — פיער דורות. דער פאָטער פונ׳ם ערשטען בן איז אַ פאַרצייטישער און אַ שטרענג-אָבגעהיטענער פרומער איד, אָבער ער, דער זוהן, איז שוין אַ „חכם“, אַ משכיל, אַ חקרן, וועלכער וויל דורכאויס וויסען דעם שכל פון יעדע מצוה און ער שטעלט פערשידענע שאַלות, אויף וועלכע ער בעקומט פון פאָטער איין ענטפער: „אין מפטירין“, מען דאַרף זיך נישט חקרנ׳ען, מען טאָר זיך נישט צופיעל גריבלען... דער דאָזיגער זוהן, דער חכם און משכיל, פיהרט נאָך אַליין אַ טראַדיציאָנעל אידיש הויז, אָבער די קינדער גיט ער שוין אַ מאָדערנע וועלטליכע ערציהונג, פון וועלכער עס וואַקסט שוין אַרויס אַ זוהן אַ „רשע“, אַ שונא פון אידישקייט, פאַר איהם איז שוין זאָגאַר דער משכילישער טאַטע צו-פרום און ער פרעגט שוין: „מה העבודה הזאת לכם“, נאָכוואָס דאַרף מען זיי, די אַלע פינסטערע צערעמאָניעס און זאַבאָבאָנעס?... אינ׳ם רשע׳ס הויז איז שוין קיין זכר נישט פאַרהאַן פון אידישקייט און פון אידישע טראַדיציעס און זיין זוהן איז שוין אַ פאָלקאָמענער „תם“, וועלכער האָט מעהר קיין אַהנונג נישט פון די אַלע זאַכען, און בשעת ער קומט אַמאָל צום זיידען זיינעם, דעם „חכם“, און ער דערזעהט דאָרט די אידישע מנהגים, שטעלט ער אויס אַ פּאָר פערוואונדעטע אויגען און פרעגט בתמימות: „מה זאת“?... דער זוהן פונם „תם“ האָלט שוין נאָך ווייטער, ער איז שוין אַ „שאינו יודע לשאול“, ער איז שוין פטור אַפילו פון צו פרעגען, וואָרום דער עלטער-זיידע, דער „חכם“, לעבט

נישט מעהר, און סיי ביי זיין פאָטער, סיי זאָגאָר ביי זיין זיידען, זעהט ער שוין מעהר נישט אזעלכע זאכען, אויף וועלכע ער זאָל האָבען צו שטעלען שאלות...

(ילקוט הדרוש)

אַנ'אָרימאַן — פלעגט ר' דוד'ל טאָלנער זאָגען בדרך־הלצה — איז כולל אין זיך אַלע אַרבעה בנים צוזאמען. אַ חכם איז ער, דען — „לא לחכמים לחם". אַ רשע, דען — „לוה רשע ולא ישלם", ער באָרגט און האָט נישט צו בעצאָהלען. אַ תם איז ער, דען ס'איז ביי איהם — „תם הכסף", און אַ שאינו יודע לשאול, פשוט — ער האָט נישט ביי וועמען צו באָרגען...

חכם מה הוא אומר מה העדות וכו' אשר צוה ד' אלקינו אתכם...

עס איז שוין אָהן אַ שיעור טינט פערגאָסען געוואָרען אויף דער בעקאַנטער פראַגע פון די מפרשים, וועלכע פרעגען: וואָס איז דער אונטער־שיעד פונ'ם חכם ביז'ן רשע, מיט וואָס איז דעם חכמ'ס אויסדרוק „אתכם" בעסער פונ'ם רשע'ס אויסדרוק „לכם"? באמת אָבער איז עס אַ פלא, וואָס קיינער פון די מחברים בעמערקט נישט, אַז אין ירושלמי פרק ערבי פסחים, ווי אויך אינ'ם נוסח־ההגדה פון רמב"ם אין „יד־חזקה", איז דער בפירושער נוסח פונ'ם חכמ'ס שאלה — „אשר צוה ד' א' אותנו", נישט „אתכם", נאָר — „אותנו" !...

אין מפטירין אחר הפסח אפיקומן...

אין די שאלות־ותשובות פון רבי משה בן גרשון דערצעהלט דער מחבר אין איין אָרט אַ קוריאָז פון זיין שטאָדט, אַז איינמאָל, שבת נאָך פסח, בשעת מען האָט ביי קריאַת־התורה אויפגערופען צו „מפטיר", האָט דער פרנס־חדש און שוהל־גבאי, אַ גרויסער עם־הארץ און מחוצף, אַ קלאַפּ געטהון אין בעלעמער און אויסגעשריען מעשה־פוסק, אַז היינט דאַרף מען קיין „מפטיר" נישט ליינען, דען עס שטעהט בפירוש — „אין מפטירין אחר הפסח"...

ווייזט אויס, אַז שוין דאַמאָלס, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, זענען די אידישע שטעדטלעך געבענשט געווען מיט גאָר וואַזשנע פרנסים און ראשי־הקהל, נישט ערגער ווי היינט...

מה העבודה הזאת לכם וכו׳, לכם ולא לו, אילו היה שם לא היה נגאל...

דערפאַר וואָלט ער נישט געוואָרען אויסגעלייזט, ווייל השי״ת האָט דאַן געהייסען אָנשמירען די אידישע טהירען מיט בלוט, אַלס צייכען פאַר׳ן מלאך-המשחית, ער זאָל מבחין זיין פון אידישע ביז נישט-אידישע הייזער. אָבער ער, דער רשע, וועלכער שליסט זיך אויס פון כלל, ערקלערענדיג: „לכם ולא לו״, ער וואָלט דאָך געוויס זיך געשעמט אָנצושמירען אויף זיין טהיר אַ צייכען, אַז דאָ וואוינט אַ איד, וממילא וואָלט דאָך דער משחית נישט דורכגעלאָזט זיין הויז, און דעריבער — „אילו הי׳ שם לא הי׳ נגאל״.

(שער בת רבים)

ואַף אתה הקהה את שיניו...

פאַרוואָס בעקומט נישט דער רשע אין דער תורה דעם זעלבען פסק, ווי פון בעל-הגדה?

ווייל אין דער תורה רעדט זיך וועגען אַ רבים: „והיה כי יאמרו אליכם בניכם״. בשעת די שאלה ווערט געשטעלט ווערען דורך אַ סך רשעים, און בשעת די רשעים זענען אַ רבים, איז אַ מורא מיט זיי אָנצוהויבען. דאַגעגען דער בעל-הגדה האָט נאָר צו טהון מיט איין רשע: „רשע מה הוא אומר״, און אויב ער איז נור איינער, דאַן — „הקהה את שניו״, געב איהם אין די צייהן...

(רבי יחזקאל מיכעלזאָן, בדרך הלצה)

וואָס איז דער חילוק צווישען דער שאַלה פון חכם און די שאַלה פון רשע? —

ביים חכם שטעהט: „והיה כי ישאלך בנך מחר״. קודם-כל טהוט ער, וואָס מען הייסט איהם, און ערשט שפּעטער, אויף צו-מאָרגענס, פרעגט ער. דאַגעגען ביי דער שאַלה פון רשע: „מה העבודה הזאת לכם״, שטעהט נישט דערמאָהנט דאָס וואָרט „מחר״. ער וויל באַלד נישט אָנהויבען צו טהון די מצוה און נעעמט גלייך פרעגען קשיות...

(אמרי יעקב)

ואַחרי כן יצאו ברכוש גדול...

ערשט ביים אַרויסגעהן פון דאָרט האָט מען זיי געגעגעבען דעם רכוש גדול, וואָרום ווען מען וואָלט עס זיי געגעבען פריהער, וואָלטען זיי שוין קיין חשק נישט געהאַט אַרויסצוגעהן פון מצרים...

(אמרי חן)

והיא שעמדה לאַבותינו ולנו...

די דאָזיגע פסוקים ווערען געזאָגט האַלטענדיג בשעת-מעשה דעם כוס ווײַן אין דער האַנד, דען — „אסרו יינן משום בנותיהן". דער דאָזיגער שטרענגער גדר, וואָס מען האָט בײַ אונז אײַנגעפיהרט, נישט צו טאָרען טרינקען מיט די עכו"ם אַפילו קיין ווײַן צוזאַמען, איז כדי נישט צו קומען מיט זיי אין קיין נאָהנטע התקרבות, און „והיא שעמדה לאַבותינו ולנו" — אַט דאָס האָט במשך פון לאַנגע דורות געשיצט אונזער קיום און אונז אָבגעהיטען פון אַסימילאַציע...

(כסף נבחר)

שלא אחד בלבד עמד עלינו לכלותנו...

דער „לא אחד בלבד", בלויז דאָס, וואָס עס איז בײַ אונז קיין אַחדות נישט געווען, „עמד עלינו לכלותנו", האָט תמיד גורם געווען צו אַלע אונזערע צרות...

(שפת אמת)

דצ"ך עד"ש באַח"ב...

אויף אײַנע פון די עפענטליכע רעליגיעזע דיספוטען, צו וועלכע מען פלעגט אַמאָל צווינגען די רבנים, זיי זאָלען קומען און אויסהערען די בעשולדיגונגען פון די שונאי ישראל, פערשידענע כומרים און משומדים, האָט אײַנער אַ כומר געפּרובט בעווײַזען, אַז די ווערטער „דצ"ך עד"ש באח"ב", וואָס די אידען זאָגען אין דער הגדה, זענען אײגענטליך געהײמע נוטריקון, וועלכע זענען מרמז דערויף, אַז אין דער נאַכט פון פסח איז אַ מצוה צו געברויכען קריסטליך בלוט און אַז דאָס וואָרט דצ"ך מאַכט — „דם צריכים כלנו"...

דערויף האָבען די רבנים, בעקומענדיג אַ וואָרט צו זײער פערטיידיקונג, געענטפערט, אַז אמת טאַקי, די דערמאָנטע ווערטער בעשטעהען פון נוטריקון, אָבער זיי ענטהאַלטען, פונקט פערקעהרט, אַ הכחשה געגען דעם אונזיניגען עלילת-דם, און נעמליך: דצ"ך מאַכט — „דוברים צוררינו כזב", עד"ש — „עלילת דם שקר", באַח"ב — „בני אברהם חלילה בזאת"...

אלו נתן לנו את התורה ולא הכניסנו לארץ ישראל דיינו...

דאַגעגען „אלו הכניסנו לא"י ולא נתן לנו את התורה" — דאָס שטעהט נישט... ארץ-ישראל אָהן תורה קאָן נישט זײַן.

(ספר הדרוש)

כן עשה הלל וכו׳ לקיים מה שנאמר על מצות ומרורים יאכלוהו...

פאַרוואָס ווערט עפּיס געבראַכט דער דאָזיגער פּסוק, וועלכער שטעהט גאָר ביי פּסח שני, און נישט קיין פּסוק פון פּסח ראשון? — ווייל צו וואַרטען אַ גאַנץ יאָהר, ביז צום נעכסטען פּסח ראשון, איז פאַר אונז אַ צו-לאַנגער טערמין. מיר וואָלטען וועלען, אַז די גאולה זאָל קומען וואָס שנעלער, כדי „לקיים מה שנאמר״, מיר זאָלען נאָך קאָנען מקיים זיין דעם „ומצות ומרורים יאכלהו״ פון פּסח שני, וועלכער געפאַלט אין אַ חודש אַרום...

(רבי שלום בעלזער)

שפוך חמתך...

דער פּשוט׳ער טעם, פאַרוואָס מען עפענט די טהיר צו „שפוך חמתך״, איז ווייל די חז״ל זאָגען אין ערבי-פּסחים, אַז עס איז אַ סכנה צו טרינקען זוגות, „אבל אם ראה פני השוק לית לן בה״, און דעריבער עפענט מען די טהיר („ראה פני השוק״) צווישען די צוויי ערשטע און די צוויי לעצטע כוסות...

צו די פערשידענע טעמים, וואָס ווערען געגעבען אויפ׳ן מנהג צו עפענען די טהיר ביי „שפוך חמתך״, איז אויך כדאי צו דערמאָהנען די ערקלערונג פון בעקאַנטען געלעהרטען בעער אין זיין בוך „צור געשיכטע דער פּאַסחאַפּעסט״, און נעמליך:

פלאַוויוס אין זיין בוך „קדמוניות״ (יח. ב.) דערצעהלט, אַז בזמן הבית פלעגען פּסח ביינאַכט, נאָך חצות, געעפענט ווערען די טויערען פון בית-המקדש. און דערפון, אַלזאָ, שטאַמט עס דער מנהג, אַז נאָך דער סעודה, וועלכע טאָר נישט געענדיגט ווערען שפּעטער ווי חצות, איידער מען טרעט צו צו זאָגען די צווייטע האַלבע הגדה, וועלכע הויבט זיך אָן מיט „שפוך חמתך״, ווערט אַלס זכר למקדש געעפענט די טהיר...

במהרה במהרה בימינו בקרוב...

די חז״ל זאָגען (גיטין סח.): „מהרה דמרי עלמא הוי תתנ״ב שנה״, און דעריבער בעטען מיר: „במהרה במהרה בימינו בקרוב״, נישט דעם רבונו של עולם׳ס „מהרה״, נאָר „בימינו בקרוב״, דער „מהרה״ לויט אונזער מאָס און לייט אונזערע בעגריפען...

(מחצית השקל)

ותיק הוא, זפאי הוא, חסיד הוא...

ביי די דאָזיגע ווערטער האָט רבי נפתלי ראָפּשיצער, זייענדיג נאָך אַ יונגעל, זיך געווענדעט צום פאָטער און אויסגעשריען: טאַטע! אויב דער רבונו של עולם איז אַ חסיד, טאָ פאַרוואָס זאָגט ער נישט „ויצמח פורקניה ויקרב משיחיה״ ?...

חד גדיא...

אין יאָהר 1831 האָט דער אינהאַבער פון דער דאַמאָלס בעריהמטער דרוקעריי אין סקידלאָוו (אַ שטעדטעל אין וואָהלינער געגענד) געדרוקט אַ הגדה און, ווי יעדעס ספר, האָט עס פריהער געמוזט דורכגעהן דורך דער צענזור. דער דאַמאָלסדיגער צענזאָר איז, אויסער אַ גרויסער „למדן״, אויך געווען אַ שטאַרקער שונא פון פוילען, און צוקומענדיג אין „חד גדיא״ צו די ווערטער „דזבין אבא בתרי זוזי״, האָט ער ערקלערט, אַז דאָס וואָרט „זוזי״ קאָן ער נישט ערלויבען צו דרוקען, ווייל „זוזי״ (גילדען) איז אַ פוי-לישע מטבע און צעהלען דאַרף מען געלד לויט די רוסישע מטבעות. ער האָט דעריבער אויסגעמעקט די ווערטער „בתרי זוזי״ און איבערגעמאַכט אויף — „שלשים קופיקות״.

און אַזוי איז טאַקי פערבליבען אין יענע סקידלאָווער הגדה — „חד גדיא דזבין אבא בשלשים קופיקות״...

דער היתר אויף מלאכת אוכל נפש ביום-טוב ווערט אַרויסגעלערענט פון פסוק „אך אשר יאָכל לכל נפש״, וועלכער ווערט געזאָגט ביי שביעי של פסח, און דאָס דינט אַלס בנין-אב אויף פאַר אַלע אַנדערע ימים-טובים.

פאַרוואָס דערמאָהנט די תורה וועגען דעם נאָר ביי שביעי של פסח? ווייל דער דאָזיגער טאָג האָט אַ שטאַרקע שייכות צו די ענינים פון אוכל-נפש, דען — „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף״...

(רבי הירשעלע זדיטשעווער)

עס איז אַנ׳אַלטער מנהג אין פערשידענע אידישע קהלות, אַז די וואַהלען פון אַלערליי מיני כלי-קודש, ווי ראשי-הקהל, חברא קדישא וכו׳ זאָלען פאָרקומען אום שביעי של פסח. אויף וואָס שטיצט זיך דער דאָזיגער מנהג?

דען מנהיגים ווערען בלשון הגמרא אָנגערופען „פרנסים״, צוליעב דעם וואָס פונ׳ם אופן פון זייער התנהגות, פון זייער פערוואַלטען מיט די קהל׳שע

ענינים איז אָבהענגיג די פרנסה פון קהל... און היות ווי עס איז דאָך „קשים מזונותיו של אדם כקריעת ים סוף", קומען דעריבער פאַר זייערע וואַהלען אינ'ם דאָזיגען טאָג, ווי וועלענדיג דערמיט בעווייזען, אַז דאָס בעקומען פעהיגע און עהרליכע פרנסים איז פונקט אַזוי שווער, ווי קריעת ים-סוף...

(רבי צבי אלימלך דינאָווער)

אין ווילנאָ איז געווען אַ פאָדריאַטשיק, ר' שלמה פאָמעראַנץ, אַ גביר אדיר, וועלכער האָט געפיהרט גרויסע עסקים און פיעל משפחות האָבען גע-לעבט פון איהם און געהאַט טובות.

מיט דער צייט האָט זיך ביי איהם דאָס רעדעל איבערגעדרעהט, ר' שלמה האָט אין אַ פאָדריאַר אָנגעוואוירען זיין גאַנץ פערמעגען און געוואָ-רען אַן אָרימאַן אַן אביון און, ווי דער שטייגער איז, האָבען זיך אַלע גוטע פריינד אָנגעהויבען פון איהם מרחק צו זיין...

עס האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט האָט די זון פון הצלחה ווידער גענומען אויף איהם שיינען. ער האָט צוריק אָנגעהויבען מאַכען גוטע גע-שעפטען, ער איז ווידער אַמאָל געוואָרען תקיף אין מעמד און — די „גוטע פריינד" האָבען זיך פון דאָס ניי געגעבען צו דערקענען...

יום-טוב, אחרון של פסח, זענען זיי אַלע געקומען צו איהם „גוט-יום-טוב-ביטען". אַז ר' שלמה האָט זיי דערזעהן דורכ'ן פענסטער, האָט ער אַריינגערופען דעם קריסטליכען משרת און איהם געהייסען אַרויסשטעלען די קאַסע מיט'ן געלד אויפ'ן טיש... דער עולם קומט אַריין מיט'ן פרעהליכען, חניפה'דיגען „גוט-יום-טוב!" דערזעהן זיי די קאַסע אויפ'ן טיש און חדוש'ן זיך:

— ר' שלמה, וואָס איז דאָס?

— איך ווייס דאָך וואויל — שמייכעלט ר' שלמה — אַז געקומען זענט איהר גוט-יום-טוב-ביטען נישט צו מיר, נאָר צו מיין געלד... טאָ ביטע, רבותי, זעצט זיך. אָט איז דאָס געלד און זייט זיך דערמיט משמח...

(די וועלט דערצעהלט)

פראַגען:

אין פסחים קט"ז: „...אמר ליה פטרתן מלומר מה נשתנה, פתח ואמר עבדים היינו", דערויף זאָגט דאָרט דער רשב"ם: „פתח ואמר, לאחר שאילת הבן התחיל לומר עבדים היינו".

פרעגט מען: די גמרא זאָגט דאָך בפירוש: „פטרתן מלומר מה נשתנה", טאָ ווי אַזוי זאָגט דער רשב"ם: „לאחר שאילת הבן"?

עס איז אַן אַלטע וועלט-קשיא, אויף וועלכער עס זענען שוין פאַרהאַן אַהן אַ שיעור פשטים און פשט'לעך, אָבער די בעסטע תשובה ווערט גע-

געבען אין „דקדוקי סופרים״, וואו עס ווערט אָנגעוויזען, אַז אין אַנ׳אַלטען כתב-יד פון רשב״ם אויף פסחים פעהלען אינגאַנצען די ווערטער „לאחר שאילת הבן״...

אין דער ערשטער משנה פון ערבי פסחים ציטירט דער רשב״ם דעם מאַמר פון בראשית רבה וועגען טעם פון די אַרבע כוסות: „ר׳ הונא בשם ר׳ אבא אמר כנגד אַרבע לשוני גאולה האמורין בגלות מצרים, והוצאתי וגאלתי ולקחתי והצלתי״.

באמת אָבער איז דער נוסח אין מדרש: „והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי״ און אַזוי איז אויך דער סדר אין דער תורה אין פ׳ וארא. וואָס האָט בעוואויגען דעם רשב״ם צו ענדערען דעם דאָזיגען נוסח?

(א. בלומענטאל)

אַנ׳אינטערעסאַנטע שאלה געפינען מיר אין רידב״ז ת״א און נעמליך: אַנ׳אַמעריקאַנער איד איז אַוועקגעפאָהרען אויף פסח קיין אייראָפּא. ערב-פסח אין דער פריה האָט ער זיך דערמאָהנט, אַז פאַר׳ן אַוועקפאָהרען האָט ער פערגעסען אין דער היים אָנצוזאָגען, אַז מען זאָל מאַכען אַ שטר-מכירה אויפ׳ן חמץ. עפ״י דין קאָן מען עס אמת אויך דאָ טהון, איז אָבער די פראַגע, ביז ווען האָט ער ערב-פסח צייט דאָ עס צו פערקויפען? צי איז ער מחויב צו פערקויפען ביז דער פינפטער שעה לויט אונזער אייראָפּעאי-שען זייגער, אָדער, ווייל דאָס חמץ געפינט זיך אין אַמעריקאַ, האָט ער דאָס רעכט צוצופאַסען זיך צום אַמעריקאַנער זייגער, לויט וועלכען די פינפטע שעה קומט-אויס, אין פערגלייך מיט אונזער צייט-רעכנונג, מיט חיבשע עטליכע שעה שפעטער?...

עס ווערט וועגען דעם אַרומגערעדט באריכות און דער אויספיהר איז, אַז ער דאַרף זיך רעכנען לויט דער צייט פון אונזער זייגער.

אַנ׳עהנליכע שאלה געפינט זיך אין „תפארת ישראל״ אין דער הקדמה למס׳ ברכות וועגען קריאַת-שמע.

שָׁבוּעוֹת

דער איינפאַכער טעם, פאַרוואָס די תורה האָט געהייסען צעהלען ספירה פון פסח ביז שבועות, איז צוליב די עולי-רגל, דען כידוע האָט דער שטח פון ארץ ישראל געהאַלטען אַרבע מאות פרסה על אַרבע מאות פרסה און דאָס בית-המקדש איז געשטאַנען סאַמע אין מיטען לאַנד. די איינוואוינער, וועלכע האָבען געוואוינט ביי די גרעניצען פון לאַנד, האָבען אַלזאָ געהאַט דורכצומאַכען אַ מאַרשרוט פון צוויי הונדערט פרסאות אַהין און צוויי הונ-דערט פרסאות צוריק. אָננעהמענדיג, אַז דורכשניטליך קאָן אַ מענש געהן אַ טאָג נישט מעהר ווי צעהן פרסאות, איז אויסגעקומען, אַז דער וועג אַהין און דער וועג צוריק האָט געדויערט צו צוואַנציג טעג, און היות ווי קיין ירושלים האָט מען געדאַרפט עולה רגל זיין סיי אויף פסח, סיי אויף שבועות, איז אויסגעקומען, אַז בלויז אין דער צווישען-צייט פון פסח ביז שבועות האָבען די עולים געדאַרפט דורכמאַכען אַ וועג פון צוויי מאָל צו צוואַנציג טעג, איינמאָל — פון ירושלים אַהיים, און דאַן ווידעראַמאָל — צוריק קיין ירושלים אויף שבועות. צוזאַמען האָט דאָס פערצומען פיערציג טעג. צו דעם געהט-צו זעקס, אָדער זיעבען שבתים, אין וועלכע מען האָט געדאַרפט אין וועג רוהען, איז עס צוזאַמען אַ זעקס-, זיבען און פיערציג טעג, אַזוי, אַז אין דער היים איז געבליבען העכסטענס צו פערברענגען אַ צוויי-דריי טעג, און כדי קיין טעות נישט צו האָבען אין חשבון און נישט צו פערשפעטיגען יך, האָט דעריבער די תורה געהייסען צעהלען די טעג...

(מנהגים בשם רבינו שמואל)

דעריבער ווערט שבועות אָנגערופען אין די חז״ל מיט׳ן נאָמען „עצרת״. הגם אין דער תורה ווערט דאָס וואָרט „עצרת״ בלויז דערמאָהנט ביי שמיני-עצרת, ווייל יעדער יום-טוב האָט זיך זיין בעזונדערע מצוה, וועלכע מען דאַרף מקיים זיין. פסח — די מצוה פון עסען מצה, סוכות — די מצוה פון סוכה, ראש-השנה — תקיעת-שופר, א. אַז. וו. בלויז שמיני-עצרת האָט נישט קיין ספעציעלע מצוה און זי בעשטעהט נאָר פון אויפהאַלטען זיך („עצרת״), נישט צו טהון קיין מלאכה, און דאָס זעלבע איז אויך מיט שבועות, וועל-

כער האָט אויך נישט קיין ספּעציעלע, בעזונדערע מצוה, און דעריבער ווערט אויך דער דאָזיגער יום־טוב אָנגערופען „עצרת".

(קדושת לוי)

פאַרוואָס רופט זיך שבועות „זמן מתן תורתנו" און נישט — „זמן קבלת תורתנו"? ווייל דער זמן פון „מתן תורתנו", פון געבען די תורה, איז פאַר־געקומען נור איין מאָל, מיט טויזענדער יאָהרען צוריק, דאַגעגען דער זמן פון מקבל זיין די תורה האָט קיינמאָל נישט אויפגעהערט, דאָס דאַרף מען טהון שטענדיג, יעדען טאָג...

(חדושי הרי"ם)

„ויתיצבו בתחתית ההר, מלמד שכפה עליהם הקב"ה את ההר כגיגית וכו' מכאן מודעה רבה לאורייתא" (שבת פ"ח)

דערויף פרעגט דאָרט תוספות: דעם „נעשה ונשמע" האָבען דאָך די אידען אויסגערופען פריהער נאָך, איידער מען האָט זיי צוגעפיהרט צום באַרג? ענטפערט אויף דעם דער פני־יהושע, אַז „נעשה ונשמע" האָבען זיי געזאָגט אויף תורה שבכתב און דער „כפה עליהם הר כגיגית" איז געוועזען אַ צוואַנג, זיי זאָלען אויך מקבל זיין תורה שבעל פה.

אַ חדוש, וואָס דער פני־יהושע ווייזט נישט אָן און האָט וואַהרשיינליך פערזעהען, אַז דאָס איז אַ בפירוש'ער מדרש אין תנחומא פ' נח...

אויפ'ן „מכאן מודעה רבא לאורייתא" פרעגען די מפרשים: עס איז דאָך אַ בפירוש'ער דין אין בבא־בתרא, אַז אויב „תלוהו וזבין — זביניה זביני", אַז ביי מקח־וממכר איז אויך אַ געצוואונגענע קניה גילטיג און מען קאָן אויף איהר נישט חוזר זיין?...

פון די אָהן אַ שיעור תירוצים, וואָס ווערען אויף דער דאָזיגער קשיא געגעבען, איז דער שאַרפזיניגסטער און דערביי דער איינפאַכסטער דער תירוץ פון רבי יונתן אייבעשיץ, און נעמליך: קוים זאָגען מיר, אַז „מכאן מודעה רבה לאורייתא", אַז צוליעב'ן „כפה עליהם הר כגיגית" האָבען די אידען געהאַט אַ ברירה אָבצוזאָגען זיך פון דער תורה, קאָן מען דאָך שוין אינ'ם דאָזיגען פאַל נישט קומען צו זיי מיט'ן דין פון „תלוהו וזבין", דען אויך דער דאָזיגער דין גופא איז דאָך גענומען פון דער תורה!..

דעריבער — פלעגט זאָגען דער חדושי הרי"ם — איז „כפה עליהם

הקב״ה את ההר כגיגית״, כדי די כנסת-ישראל, האָבענדיג גענומען די תורה באונס, זאָל האָבען דעם דין פון אַנ׳אַנוסה און ביי אַנ׳אַנוסה איז — „לא יוכל לשלחה כל ימיו״, טאָר מען זיך קיינמאָל מיט איהר נישט שיידען...

„באותה שעה נתכנסו כל אומות העולם ובאו אצל בלעם ואמרו לו: שמא מבול בא לעולם? אמר להם: לא מבול של אש ולא מבול של מים, אלא הקב״ה רוצה ליתן תורה לעמו, ד׳ עוז לעמו יתן ד׳ יברך את עמו בשלום״ (מכילתא)

פאַרוואָס האָבען זיי עפּעס געמיינט, אַז מבול בא לעולם? און וואָס פאַר אַ שייכות האָט צו בלעמ׳ס ענטפער דער פסוק „ד׳ עוז לעמו יתן״?

נאָר זיי ווייסען, די קינדער פון אונזער ליעבען פעטער עשו, פון דער אייגענער ערפאַהרונג ווייסען זיי, ווי אַזוי עס ווערט ביי זיי געגעבען אַ תורה און ווי אַזוי, דורך וואָסערע מיטלען, זי ווערט פּראָפּאַגאַנדירט און פערשפּרייט איבער דער וועלט — דורך פייער און שווערד, דורך אינקוויזיציעס, ברענענדע שייטערהויפענס און גזירות-שמד... בשעת זיי האָבען, אַלזאָ, דערהערט, אַז עס גרייט זיך אַ אידישער מתן-תורה איז אַ שרעק אויף זיי אָנגעפאַלען, זייענדיג זיכער, אַז אויך ביי אונז וועט דאָס פערשפּרייטען די תורה צווישען די אַנדערש-גלויביגע פעלקער צוגעהן אויפ׳ן זעלבען אופן... און דערויף האָט זיי בלעם בערוהיגט: „לא מבול של אש ולא מבול של מים״, די אידישע תורה ווערט נישט אָנגעוואָרפען אויף אַנדערע בגוואַלד, מיט פייער און וואַסער. „ד׳ עוז לעמו יתן״ — די דאָזיגע תורה האָט דער אידישער גאָט געגעבען בלויז „לעמו״, בלויז פאַר זיין אייגען פאָלק, נישט צווינגענדיג די אַנדערע פעלקער, אַז אויך זיי זאָלען מוזען די זעלבע תורה מקבל זיין, און דער עיקר — „ד׳ יברך את עמו בשלום״, געגעבען האָט ער זיי דערביי אַ ברכה, אַז די דאָזיגע תורה זאָל זיך נישט נויטיגען, ווי די אַנדערע תורות, אין קיין גוואַלד-מיטלען, נאָר געווינען וועט זי פאַר זיך די הערצער אויפ׳ן פריעדליכען אופן, מיט׳ן כח פון איבערצייגונג, מיט׳ן כח פון אמת...

(מוסר היחדות)

רבי אַהר׳לע טשערנאָבילער האָט זיך אַמאָל אום שבועות אויסגעטענה׳ט מיט׳ן רבונו של עולם און געזאָגט:

וואָס איז דער חדוש, וואָס די אידען האָבען דאַמאָלס אויפ׳ן הר-סיני מקבל געווען די תורה? געלד האָבען זיי געהאַט, זיי זענען געווען רייך פון ביזת מצרים און ביזת הים. פון שעבוד-גליות זענען זיי פריי געווען. אַלע חולים — ווי די חז״ל דערצעהלען אונז — זענען געזונד געוואָרען, און

דערצו האט איטליכער עין בעין געזעהען התגלות האלקות — טא וואס איז דער וואונדער? זאל דאס אלץ היינט זיך איבער׳חזר׳ן און דו וועסט זעהן, רבונו של עולם, מיט וואס פאר א חשק מיר וועלען מקבל זיין און מקיים זיין די תורה!...

בשעה שעלה משה למרום — דערצעהלען די חז״ל — האבען די מלאכי־השרת, דערהערענדיג, אז ער איז געקומען מקבל זיין די תורה, זיך געגענגעשטעלט און גע׳טענה׳ט: „חמודה גנוזה וכו׳ אתה מבקש ליתנה לבשר ודם״? (שבת פ״ח).

אין א געוויסער שטאדט — האט עס דער דובנער מגיד מסביר גע־ווען מיט א משל — איז געווען א רב א גדול בתורה, וועלכער האט אבער געהאט אויסצושטעהן גרויסע מחלוקת און ער האט דעריבער בעשלאסען אריבערצופאהרען אין א צווייטער שטאדט. די קהלה־לייט, זיינע בעלי־מחלוקת, זענען געווען דערפון שטארק צופרידען, אבער ווען די שלוחים פון יענער שטאדט זענען געקומען נאכ׳ן רב, זענען די קהלה־לייט פלוצים גע־קומען צו לויפען אין רב׳ס הויז און אנגעהויבען צו געוואלדעווען און צו ליארמען, שרייענדיג: מיר וועלען נישט לאזען צונעהמען ביי אונז אונזער טייערען רב! מיר וועלען נישט לאזען!...

שטעהט דער רב און חדושט זיך: וואס קומט דא פאר? האבען זיי ווירקליך חרטה, די בעלי־מחלוקת זיינע, און זיי זענען מיטאמאל טאקי גע־ווארען איהם אזעלכע גוטע־פריינד?

דער ראש־הקהל, זעהענדיג, ווי דער רב חדושט זיך, רופט ער איהם אוועק אן א זייט און איז איהם מגלה סוד: דאס מאכען מיר, רבי, בכיון — לאכט ער — דעם דאזיגען אנשטעל. מיר האבען מורא, אז בשעת די דע־לעגאטען פון יענער שטאדט וועלען זעהען, אז מיר לאזען אייך אזוי לייכט ארויס פון אונז און מיר זענען נאך גאר צופרידען דערפון, וועלען זיי זיך טראכטען, אז מן־הסתם האט איהר זיך פערדיענט, מען זאל וועלען פון אייך פטור ווערען און אז אויב איהר טויגט נישט פאר אונז, טויגט איהר אויך נישט פאר זיי, און זיי קענען נאך חלילה חרטה האבען און אייך דא איבער־לאזען, מוזען מיר דעריבער שרייען און פראטעסטירען, כדי זיי זאלען מיי־נען, אז עס איז אונז טאקי באמת שווער צו שיידען זיך מיט אייך...

— אויך די מלאכים — האט דער דובנער פערענדיגט בדרך הלצה — האבען בכיון געגומען שרייען, כדי משה זאל אמאל קיין חרטה נישט האבען און ער זאל נישט מיינען, אז אויב די מלאכים לאזען צונעהמען פון זיך די תורה, איז מסתמא לוינט זיך נישט צו האלטען מיט איהר און עס איז אפשר דאס גאנצע עסק נישט כדאי...

צווישען די פארשידענע טעמים, וואס ווערען געגעבען, פארוואס עס איז א מנהג צו עסען אום שבועות מילכיגס, איז אויך אינטערעסאנט די ערקלערונג פון עוללות-אפרים, אז דאס איז דערפאר, ווייל מילך קאן זיך האלטען נור אין שפל'דיגע, ערדענע כלים, אין כלי-כסף וכלי-זהב דאגעגען ווערט זי שנעל קאליע. און דאס זעלבע, איז מען דערמיט מרמז, איז אויך מיט דער תורה: האלטען האלט זיך די תורה נור ביי די אָרימע, שפל'דיגע אידען, ביי די „בני עניים", אָבער נישט ביי די כלי-כסף וכלי-זהב — נישט ביי די גבירים...

דער טעם, וואס אום שבועות ווערען די שוהלען, ווי אויך די פריוואטע הייזער בעציערט מיט בוימער און גרינס, איז מרמז צו זיין אויפ'ן פסוק: „גם הצאן והבקר אל ירעו אל מול ההר ההוא"...

(ילקוט יצחק)

אין „טעמי המנהגים" ווערט דערויף געזאגט א צווייטער טעם, ווייל— „בעצרת נדונים על פירות האילן".

דאגעגען שרייבט דער חפץ-חיים אין „משנה-ברורה", אז דער ווילנער גאון איז געווען געגען דעם מנהג אוועקצושטעלען אום שבועות בוימער אין שוהל, האלטענדיג, אז דאס איז א מנהג עכו"ם.

אין דער יום-טוב'דיגער שמונה-עשרה, ווי אויך אין קידוש, לאזען מיר אויס: „מקדש ישראל והזמנים". דער דאזיגער נוסח איז גענומען פון דער גמרא (ברכות מ"ז און פסחים קט"ו), און פערשידענע מפרשים שטעלען זיך אויפ'ן אויסדרוק „והזמנים", וועלכער איז אונפערשטענדליך, דען, ערשטענס, איז דאס ווארט „והזמנים" משמע אלע צייטען פון א גאנץ יאהר, נישט בלויז ימים-טובים, און בעסער וואלט דאך געווען צו שרייבען „והמועדים". צווייטענס, פונקט ווי מיר פערענדיגען די תפלה פון ראש-השנה מיט „מקדש ישראל ויום הזכרון", דערמאהנענדיג דייטליך דעם נאמען פונ'ם בעטרעפענדען יום-טוב, און פונקט ווי דאס זעלבע איז אויך מיט יום-כפור — „מקדש ישראל ויום הכפורים", וואלט מען דאך אויך די תפלה פון שלש רגלים געדארפט מסיים זיין אויפ'ן זעלבען אופן. אום פסח וואלט מען געדארפט אויסלאזען: „מקדש ישראל וחג המצות", אום שבועות — „מקדש ישראל וחג השבועות", און אזוי ווייטער.

הרב ברוך עפשטיין אין זיין „מקור ברוך" וויל דעריבער האבען (הגם עס איז א זעהר געוואגטע בעמערקונג), אז דאס ווארט „והזמנים" אין

תלמוד (פון וואַנען מיר האָבען איבערגענומען דעם נוסח) געהער נישט צום טעקסט, צום אייגענטליכען נוסח התפלה, נאָר עס האָט געדיענט בלויז אַלס אָנצייכנונג, אַז ביים פערענדיגען די תפלה זאָל מען אין יעדען יום־טוב דערמאָהנען דערביי דעם געהעריגען זמן: אין פסח זאָל מען פערענדיגען מיט ,,חג המצות״, אין שבועות — מיט „חג השבועות״. אָבער במשך פון דער צייט, ווען די העתקה איז איבערגעגאַנגען פון האַנד צו האַנד, איז עס געוואָרען פערגרייזט דורך איינעם פון די מדפיסים, וועלכער האָט דאָס וואָרט „והזמנים״ אַריינגענומען אין טעקסט, אינ׳ם אייגענטליכען נוסח־התפלה, און אַזוי איז דאָס שוין נאָכהער פערבליבען...

אַ ראַיה צו דער ריכטיגקייט פון זיין בעמערקונג ברענגט הרב עפּשטיין פון מס׳ סופרים פרק י״ג ה״ל י״ד, וואו עס ווערט געזאָגט, אַז די ברכות פון דער הפטורה דאַרף מען פערענדיגען מיט — „מקדש ישראל ויום פלוני״, אַלזאָ נישט מיט׳ן אַלגעמיינעם וואָרט „והזמנים״, נאָר מיט „יום פלוני״, דערמאָהנענדיג, הייסט עס, יעדען יום־טוב מיט זיין דייטליכען, בעזונדערען נאָמען...

ווי געזאָגט, איז דאָס אַ זעהר געוואַגטע בעמערקונג, הגם זי זעהט אויס צו זיין גאַנץ לאָגיש...

אין ספרי (ווערט אויך געבראַכט אין אור־החיים) ווערט געזאָגט, אַז דער חיוב פון הגבלה, פון „והגבלת את העם סביב״, האָט זיך אָנגעהויבען ערשט פון דריטען טאָג, אַ טאָג פאַר מתן־תורה, דאַגעגען די מצוה פון פרישה איז חל געווען גאַנצע דריי טעג. איז אויב אַזוי, וואָלט מען דאָך אייגענטליך די דריי טעג פאַר שבועות געדאַרפט רופען „שלשת ימי פרישה״, נישט — שלשת ימי הגבלה״ ?...

(הבאר)

אין זהר פ׳ תצוה ווערט געזאָגט וועגען די שתי־הלחם: ,,ומקרבין תרין נהמין וכו׳ וחמץ אתוקדא בנורא דמדבחא״, אַז די שתי־הלחם האָט מען פערברענט אויפ׳ן מזבח, און דאָס איז דאָך געגען בפירוש׳ן פסוק: „קדש יהיו לד׳ לכהן״, געגען דעם דין — „איזהו דבר שכולו לכהן, הוי אומר זה לחם״ ?...

(מטפחת ספרים)

אין זהר דף קע״ז ווערט געזאָגט וועגען מתן־תורה: ,,דא אמר בשלישי נתנה ודא אמר בשבעה נתנה״.

פון די חז״ל וויסען מיר בלויז וועגען דער פלוגתא צווישען ר׳ יוסי און די חכמים, צי די תורה איז געגעבען בששה בסיון, אָדער בשבעה בסיון, וואו אָבער געפינען מיר אַזאַ מיינונג וועגען שלישי בסיון ?...

(הנ״ל)

די צאָהל פון די אידען בשעת מתן-תורה איז געווען ששים רבוא כנגד די אותיות פון דער תורה. אזוי ווערט געזאָגט אין מדרש-רבה במדבר פ״ד סי״ג און אזוי ווערט אויך געזאָגט אין זהר חדש סוף שיר-השירים און אויך אין פיעל אנדערע ערטער.

דער מדרש תלפיות (ערך „אותיות״), שו״ת חות יאיר, דער חתם-סופר, דער פני-יהושע (אין קידושין סוף פרק ראשון) און פיעל אנדערע וואונדערען זיך דערויף און פרעגען: אין דער תורה, ווי עס ווערט אָנגעוויזען אין דער מסורה, געפינען זיך דאָך נור ש״ד אלפים ותתי״ב אותיות?

עס איז א הארבע קשיא, אויף וועלכער עס ווערט קיין שום ריכטיגע תשובה נישט געגעבען.

אין׳ם יהי-רצון נאָך ברכת כהנים ווערט געזאָגט: „ותתננו לאהבה לחן ולחסד ולרחמים וכו׳ כשם שנתת את יוסף צדיקך בשעה שהלבישו אביו כתונת פסים לחן ולחסד ולרחמים בעיניך ובעיני כל רואיו״.

פרעגט זיך: ווי אזוי געשיקט זיך עס פאָרצושטעלען דעם „כתונת פסים״ אלס א סימבאָל פון „לחן ולחסד ולרחמים וכו׳ בעיני כל רואיו״, ווערענד פּאַקטיש איז דאָך דאָס גאָר געווען די סיבה פון קנאָה און שנאַת-אַחים, און אין פערשידענע ערטער ווערט דורך די חז״ל דאָס וואָרט „פסים״ גע-דרשנ׳ט לגנאי, אלס גורם פון אומגליק, ווי: „פסים נוטריקון פוטיפר סוחרים ישמעאלים מדינים, על שם צרותיו״ (מדרש אגדה), און „פסים משקל שני סלעים מילת שהוסיף יעקב ליוסף יותר משאר אחיו נתגלגל הדבר וירדו אבותיו למצרים״ (שבת צ״א). ווי אזוי אלזאָ געשיקט זיך צו דערמאָהנען אין דער תפלה דעם „כתונת פסים״ אלס צייכען פון „לחן ולחסד ולרחמים״?...

(ג. רייכערט)

פִּרְקֵי אָבוֹת

פֶּרֶק רִאשׁוֹן

כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא...

מיט עולם-הבא איז פערזיכערט דער „כל ישראל", דער כלל, וואָס אָנבעלאַנגט אָבער דעם ר' ישראל, דעם יחיד — ווענדעט זיך עס אין זיין אויפפיהרונג, אויב ער וועט ווערט זיין, אויב ער וועט זיך עס פערדינען...

(דובנער מגיד)

ועמך כלם צדיקים לעולם...

אין פערגלייך מיט'ן „עולם", מיט דער וועלט, מיט די מעשים פון אַלע אַנדערע פעלקער—אַנטקעגען זיי זענען מיר, אידען, ווירקליך צדיקים...

(פרי חדש)

כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב וכו'

משה קבל תורה מסיני... (משנה א.)

עס איז בעקאַנט די קשיא פון די מפרשים: פאַרוואָס איז „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא", הקב"ה איז דאָך דערמיט עובר, כביכול, אויף זיין אייגענעם געבאָט: „לא תלין פעולת שכיר"? ענטפערט מען דערויף, אז דער דין איז, ווי באַלד דער פועל ווערט נישט געדונגען דירעקט דורכ'ן בעל-הבית, נאָר דורך אַ שליח, איז דאַן דער בעה"ב נישט עובר אויף „לא תלין". די זעלבע קשיא האָט אויך געצאַרט דעם תנא פון דער משנה: „כל ישראל יש להם חלק לעולם הבא", פאַרוואָס עפּעס ערשט לעולם-הבא, פאַר-וואָס נישט דאָ באַלד, אויפ'ן אָרט, די תורה זאָגט דאָך בפירוש: „לא תלין פעולת שכיר"? דערויף קומט דער ענטפער: „משה קבל תורה מסיני", די תורה איז די אידען געגעבען געוואָרען דורך אַ שליח, דורך משה'ן, און וויבאַלד דורך אַ שליח איז שוין דאַן נישט שייך דער „לא תלין"...

(חוות יאיר)

משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע... (א.)

אַ בעווייז, אַז „משה קבל תורה מסיני", אַז משה האָט נישט דיקטירט די תורה מפי עצמו, אַז ער האָט קיין שום זאַך נישט געטהון מיט'ן אייגענעם ווילען, איז הערפון, וואָס „ומסרה ליהושע", וואָס ער האָט איבערגעגעבען די פיהרונג אַ פרעמדען, יהושע'ן, נישט איינעם פון זיינע קינדער, ווי דער שטייגער איז פון יעדען מושל...

(מלל לאברהם)

והעמידו תלמידים הרבה ועשו סיג לתורה... (א.)

די תלמידים, וואָס איהר וועט אויפשטעלען, אָט דאָס גופא וועט זיין דער „סיג", די אייזערנע מויער, וואָס וועט דערהאַלטען און פערזיכערען דעם קיום התורה...

(הרב ש. קליין)

על שלשה דברים העולם עומד וכו'... (ב.)

„העולם עומד" — די וועלט שטעהט און וואַרט דערויף. דערווייל, ליידער, זעהט מען עס נישט...

(דברי אבות)

דער נודע-ביהודה פלעגט מוסר'ן די אידען פון פראָג, פאַרוואָס זיי זענען נישט עוסק אין גמילת-חסדים. געזעהען, אַז זיין מוסר ווירקט נישט און זיי הערען איהם נישט, האָט ער איינמאָל גענומען, געשלאָסען די ישיבה און איז אַוועק און זיך אַרומגעדרעהט שפּאַצירען אויפ'ן מאַרק.

— וואָס זאָל דאָס בעדייטען, רבי? — האָבען איהם פערוואונדערט געפרעגט די בעלי-בתים.

— גאָר פשוט — האָט ער זיי געענטפערט — אַ טיש, וואָס שטעהט אויף דריי פיס און איין פוס ווערט צובראָכען, שפּאַרט מען איהם אונטער מיט עפּעס, אָבער ווען אויך דער צווייטער פוס צוברעכט זיך, דאַן העלפט שוין גאָרנישט און אָדער מען שטעלט אַריין אַנדערע צוויי פיס, אָדער מען נעהמט אַרויס אויך דעם דריטען פוס, כדי ער זאָל כאָטש קענען ליגען אויף דער ערד.

— די וועלט — פיהרט ער אויס — ווי עס זאָגען אונז די חז"ל, שטעהט אויף דריי פיס: „על התורה ועל העבודה ועל גמילות-חסדים". איין פוס, די „עבודה", איז שוין נעביך לאַנג צובראָכען געוואָרען, זינט דעם חורבן בית-המקדש איז בטל געוואָרען די עבודה. איהר פון אייער זייט האָט

צובראָכען דעם צווייטען פוס — „גמילות חסדים״, און ווײבאַלד אַזוי, האָב איך זיך מיישב געווען, איז אויך דער דריטער פוס, די „תורה״, אָנ׳איבּ-ריגע זאַך, דען אויף איין פוס איז אוממעגליך, דער טיש זאָל זיך קענען האַלטען...

די תורה — האָט אַמאָל געזאָגט רבי אייזשע סלאָנימער — איז גע-קומען צום רבונו של עולם מיט אַ טענה: דו האָסט מיך געמאַכט פאַר איינע פון די דריי זיילען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די וועלט, ולסוף וויל זעלטען ווער נעהמען אַ אידיש ספר אין האַנד! האָט איהר דער רבונו של עולם בערוהיגט: זאָרג נישט, פאַרהאַן דערפאַר רבנים, וואָס זיצען גאַנצע טעג און לערנען... איז געקומען דאַן די עבודה מיט דער זעלבער טענה: היתכן? איך בין איינע פון די דריי זיילען, און צום סוף — מען דאַווענט דאָך אַזוי וועניג! האָט איהר דער רבונו של עולם געענטפערט: נעם דיר נישט צום האַרצען, פאַרהאַן דערפאַר חזנים, וועלכע האַלטען אין איין דאַוונען... דאַן האָט זיך אוועקגעשטעלט די גמילות-חסדים און געקלאָגט: היתכן, וואָס פאַר אַ זייל מ׳שטיינס געזאָגט בין איך, אַז איין איד דעם צווייטען וויל קיין פרוטה נישט לייהען! האָט איהר דער רבונו של עולם געטרייסט: נישקשה, עס איז נאָך געבליבען דער שמעק-טאַבאַק, וואָס איין איד זשאַלעוועט נישט דעם צווייטען... האָט זיך די גמילת-חסדים פון דעם שטאַרק בעליידיגט: היתכן? די תורה האָסטו געגעבען רבנים, די עבודה — חזנים, און מיר — נישט מעהר ווי אַ שמעק טאַבאַק? פאַרוואָס קומט עס מיר צו זיין ערגער פון זיי? דערויף האָט איהר דער רבונו של עולם געענט-פערט: דאַרפסט זיי נישט, טאָכטערשי, מקנא זיין. עס וועט קומען אַ צייט, ווען די תורה פון די רבנים און די תפלה פון די חזנים וועט אפילו קיין שמעק-טאַבאַק נישט ווערט זיין...

רבי חיים שלום וויטעלס, דער בובאָרקער רב, פלעגט זאָגען בדרך-הלצה: „על שלשה דברים העולם עומד״, אויף דריי זאַכען שטעהט דער עולם און וואַרט אויפ׳ן רב: „על האמת״, ביי קריאַת-שמע, ביז דער רב וועט אויס-לאָזען דאָס וואָרט „אמת״, „ועל השלום״, ביי שמונה-עשרה, ביז ער וועט צוקומען צו „עושה שלום״ און „ועל הדין״, ביז — ביז דער רב וועט אַמאָל פסק׳ענען אַ ריכטיגע דין-תורה...

אַל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס... (ג.)

אין תלמוד געפינען מיר גאַנץ אָפט די ערקלערונג, אַז „האומר על

מנת כאומר מצכשיו דמי״, אַז דער אויסדרוק „על מנת״ האָט די בעדייטונג פון „עכשיו״. מעגליך, אַלזאָ, אַז דאָס איז די כונה פון דער משנה: „אַל תהיו כעבדים המשמשין את הרב על מנת לקבל פרס״, איהר זאָלט נישט ערוואַרטען צו בעקומען דעם שכר פאַר די מצוות תיכף אויפ׳ן אָרט, „על מנת״, דען — „שכר מצוה בהאי עלמא ליכא״...

(שמעון זאַקאָה)

והוי מתאבק בעפר רגליהם... (ד.)

מען האָט אַמאָל געפרעגט רבי יעקב יצחק פשיסכער (דער „יוד הקדוש״), פאַרוואָס די חז״ל זאָגען: „כל המחובר לטהור טהור״. היתכן? איז עס דען אַ יושר, אַז איינער, וועלכער האָט אָבגעהאָרעוועט אַ גאַנץ לעבען על התורה ועל העבודה, זאָל אַוועקגעשטעלט ווערען אויף איין מדרגה מיט דעם, וועלכער נעהמט זיך מיט איהם חבר׳ן, און יענער זאָל פאַר׳ן בלויזען התחברות ווערען צו איהם אַ גלייכער שותף?

— דאָס איז דערפאַר — האָט ער זיי דערויף געענטפערט — ווייל צו ווערען אַ „מחובר לטהור״ איז אַ סך שווערער, ווי צו ווערען אַליין אַ טהור...

דער בעקאַנטער גאון, דער „בעל מחנה לוי״, פלעגט זאָגען בדרך-הלצה, אַז דערפאַר ווערט וואָס אַמאָל ווענייגער די צאָהל פון די, וואָס זענען מכבד תלמידי-חכמים, ווייל די חז״ל זאָגען: „מאַן דמוקיר רבנן הוו ליה בנין רבנן, מאַן דרחים רבנן הוו ליה חתנין רבנן״, האָט מען דעריבער אויפגעהערט מכבד צו זיין תלמידי-חכמים, ווייל מען האָט מורא, מען זאָל חלילה נישט האָבען קיין זיהן, אָדער איידעמס רבנים...

יהי ביתך פתוח לרוחה, ויהיו עניים בני ביתך,
ואל תרבה שיחה עם האשה... (ה.)

בעת עס האַנדעלט זיך וועגען אַרייננעהמען אָרימעלייט אין שטוב, זאָלסטו זיך נישט צופיעל וועגען דעם מיישב זיין מיט׳ן ווייב, וואָרום — „אשה עיניה צרה באורחים״...

עשה לך רב וכו׳ והוה דן את כל האדם לכף זכות... (ו.)

דער דאָזיגער מאמר — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפשיצער — איז געזאָגט געוואָרען אנטקעגען יענע חסידים-שוטים, וואָס יעדער פון זיי האַלט בלויז פון „זיין״ רבי׳ן, זיין רבי איז גרויס, זיין רבי איז אַ קדוש, זיין רבי איז אַ מלאך, און קוים איז זיין רבי גרויס, זענען שוין אַלע אַנדערע נישט ווערט, וואָס די ערד טראָגט זיי און ער מעג שוין אויסרעדען אויף זיי אסור-לדבר... שוטה איינער! „עשה לך רב״, מאַך דיר פאַר אַ רבי׳ן וועמען דו ווילסט, אָבער „והוה דן את כל האדם לכף זכות״, מעגסט דערביי פונ־דעסטוועגען אויך אויף אַ צווייטען אַ שטיקעל זכות געפינען...

און דאָס איז דער טייטש: „מימי לא נסתכלתי בדמות אָדם רשע״ (מגילה כ״ז). כ׳האָב קיינמאָל נישט נאָכגעקוקט און נישט געזוכט קיין חטאים און רשעות ביי קיין שום מענש...

(שרגי נפישי)

— מה-דאָך — פלעגט זאָגען רבי לוי יצחק בערדיטשעווער — אויף אַ יחיד האָבען אונז די חכמים געוואָרענט, מען זאָל איהם דן זיין לכף-זכות, מכל-שכן אויף אַ רבים טאָר מען דאָך אַוודאי און אַוודאי קיין שלעכט וואָרט נישט רעדען, אויפ׳ן כלל-ישראל דאַרף מען דאָך אַוודאי און אַוודאי מלמד-זכות זיין...

„עשה לך רב״...

— חסידים און מתנגדים — פלעגט זאָגען רבי מנשה איליער — לעבען ביידע אין טעות. מתנגדים מיינען, אַז זיי דאַרפען נישט קיין רבי׳ן, חסידים מיינען, אַז זיי האָבען אַ רבי׳ן...

אַ צווייטער נוסח:

מתנגדים מיינען, אַז זיי האָבען אַ ספר, דאַרפען זיי נישט קיין רבי׳ן. חסידים מיינען, אַז זיי האָבען אַ רבי׳ן, דאַרפען זיי נישט קיין ספר...

וקנה לך חבר... (ו.)

איז דערפאַר טאַקי זעהען מיר, אַז עפ״י רוב האַלט ליידער די פריינד-

שאפט און דאס חבר'שאפט פון די חברים נאך אזוי לאנג, כל-זמן מען קויפט זיי און מען בעצאהלט זיי דערפאר. מיט'ן מאמענט אבער ווען מען הערט זיי אויף צו צאהלען און צו פארבעטען אויף סעודה'לעך, ווערען זיי מיט איינמאל, די אלע נעכטיגע חברים און גוטע פריינד, ווי אויסגעריינען...

הרחק משכן רע ואל תתחבר לרשע... (ז.)

פון א „שכן-רע", פון אזעלכען, וועלכער איז א „רע-לבריות", דארפסטו זיך דערווייטערען און אנטלויפען, ווייל דו קענסט לייכט אראבלערנען פון זיינע מעשים, דאגעגען מיט אזעלכען, וועלכער איז בלויז א „רשע-לשמים", דארפסטו בלויז קיין צו-נאהענטע התחברות נישט האבען, אבער אנטלויפען דארפסטו נישט פון איהם, דען ער איז נישט אזוי געפעהרליך, ווי דער ערשטער...

(רבי יוסף יעבץ)

ואל תתיאש מן הפורענויות... (ז.)

אין דער ברייתא אין סוף מסכתא סוטה ווערען אויסגערעכענט א רייהע פערשידענע צרות, וואס מיר וועלען האבען אויסצושטעהן „בעוקבתא דמשיחא", און די ברייתא ענדיגט זיך מיט די ווערטער: „ועל מי לנו להשען? — על אבינו שבשמים". אין פלוג נעהמען מיר דאס אן אלס נחמה און טרייסט צו דעם אלעם, וואס ווערט פריהער געזאגט. באמת אבער געהער אויך דאס צום צעטעל פון די אויסגערעכענטע פורעניות'ן. עס וועט נעמליך „בעוקבתא דמשיחא" קומען א צייט, ווען די אידען וועלען זיצען מיט פער-לעגטע הענד און נישט וועלען טהון די מינדעסטע זאך אום צו ראטעווען זיך פון די צרות, יוצא זייענדיג בלויז מיט די ווערטער: „מן השמים ירחמו", מיט „על מי לנו להשען, על אבינו שבשמים"...

(רבי יצחק וואלאזשינער)

אהוב את המלאכה... (י.)

אין דער משנה אין קידושין ווערט געזאגט: „ר' מאיר אומר לעולם ילמד אדם את בנו אומנות נקיה וקלה, ר' נהוראי אומר מניח אני את כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה". עס קומט אלזא אויס, אז ר' מאיר און ר' נהוראי זענען צוויי פערזאנען, צוויי מאן דאמר'ס, און דאס איז דאך אין סתירה צו דער גמרא אין עירובין (עירובין י"ג): נהוראי

שמו ולמה נקרא שמו מאיר שמאיר עיני חכמים בהלכה", אַז מאיר און נהוראי זענען איין און די זעלבע פּערזאָן?

דער תּירוץ איז: ביידע מימרות אין דער משנה געהערען צו ר׳ מאיר׳ן, נאָר איינע האָט ער געזאָגט פאַר אַנדערע און איינע פאַר זיך. מיט׳ן רבים, מיט׳ן כלל, האָט מאיר, דער פּוסק און מורה־דרך, דער „מאיר עיני חכמים בהלכה", געלערנט, אַז „לעולם ילמד אָדם את בנו אומנות נקיה וקלה", אַז מען דאַרף נישט בלויז עוסק זיין בתורה, נאָר אויך בעשעפטיגען זיך מיט אַרבייט, מיט מלאכה, דאַגעגען פאַר זיך, אין זיין פּריוואַט־לעבען, אַלס נהוראי, האָט ער מחמיר געווען און געזאָגט: „מניח אני את כל אומניות שבעולם ואיני מלמד את בני אלא תורה", דען אַזוי דאַרף זיין, „מחמיר לעצמו ומקיל לאחרים", און נישט פערקעהרט...

(רבי מאיר פרימישליאַנער)

אַ איד — פלעגט זאָגען רבי ישראל סאַלאַנטער — שטאַרבט נישט פון הונגער, נאָר פון גאוה: די אַרבייט פּאַסט איהם נישט, יענע בעשעפטיגונג איז נישט לפי כבודו, דאָס שטעהט איהם נישט אָן וכדומה, ווי מיר זענען עס אָפט געוואוינט צו הערען...

ושנא את הרבנות... (י.)

רבי יאָסעלע סלאָנימער, רבי איזילס איידעם, האָט פיינד געהאַט ס׳רבנות. אַז ער האָט געהאַלטען ביים שידוך טהון מיט אַ טאָכטער, האָט ער געזאָגט:

— כ׳זוך אַן־איידעם, וואָס זאָל זיין אַן־עם־הארץ גמור, מחמת טאָמער קאָן ער עברי, בין איך ביי היינטיגע צייטען נישט זיכער מיט איהם, ער זאָל קיין רב נישט ווערען...

אויך וועגען רבי עקיבא אייגער דערצעהלט די וועלט, אַז ער האָט נישט ליעב געהאַט דאָס רבנות און אויף דער עלטער האָט ער געשטרעבט לגמרי דערפון פּטור צו ווערען.

איינמאָל איז ער געוואויר געוואָרען, אַז אין אַ שטעדטעל נעבען פּויזנא איז געשטאָרבען דער בעדער, האָט ער אַוועקגעשריבען אַ בריעף צו זיינעם אַ פריינד אין יענעם שטעדטעל מיט אַ בקשה, ער זאָל קריגען פאַר איהם דעם מרחץ אין אַרענדע, מחמת ער וויל כאָטש אויף די עלטערע יאָהרען האָבען אַ כשרע פּרנסה...

ושנא את הרבנות ואל תתודע לרשות... (י.)

איהר זאָלט פיינד האָבען אַזאַ רבנות, וואָס ווערט געקויפט מיט דער הילף פון — „התודעות לרשות"...

(מדרש שמואל)

חכמים הזהרו בדבריכם, שמא תחובו חובת גלות... (יא.)

די צוויי צדיקי הדור, די ברידער רבי אלימלך און רבי זישא, האָבען, כידוע, אַ לענגערע צייט אָבגעריכט גלות, אַרומשלעפענדיג זיך נע-ונד איבער דער וועלט אַלס מכלומרשטע קבצנים און שנאָרער.

ויהי היום, זענען זיי אויפ'ן וועג איינמאָל אַריין אין אַ קרעטשמע. גראָד איז דאַן אין דער קרעטשמע פאָרגעקומען אַ דאָרפישע חתונה און די צוויי ברידער, אריינקומענדיג אהין, האָבען זיך פערשטעקט ערגיץ אין אַ ווינקעל. די צעהוליעטע ישוב'ניקעס, זייענדיג בגילופין, האָט זיך פערגלוסט צו טרייבען אַ ביסעל שפּאַס פון די צוויי אונבעקאַנטע קבצנים און זיי האָבען גענומען רבי זישא'ן (מחמת רבי אלימלך איז געזעסען הינטער איהם, ביי דער וואַנד, און מען האָט איהם נישט אַרויסגעזעהן), וועלכען זיי האָבען אַוועקגעלעגט אויף דער ערד און נאָך יעדען טאַנץ האָט איהם איטליכער פון די געסט, מכלומרשט אויף קאַטאָוועס, דערלאַנגט אַ מתנת-יד. בעת דער „שפּאַס" האָט זיך שוין אַזוי געהאַט איבערגע'חזר'ט עטליכע מאָל, רופט זיך אָן דער רבי אלימלך צום רבי'ן ר' זישע:

— ברודער-סערדצע! פאַרוואָס קומט עס דיר, אַז דו זאָלסט קריגען אַלע קלעפּ און איך גאָרנישט? זעץ דו זיך איצט אויף מיין אָרט און איך וועל דיין פלאַץ פערנעהמען.

האָט רבי זישא מסכים געוועזן און בעת דער עולם האָט זיך געדרעהט אינ'ם שיכור'ן טאַנץ, האָבען זיך די ברידער געביטען מיט די ערטער: רבי זישא האָט זיך געזעצט צו דער וואַנד און רבי אלימלך — צום עולם.

אָבגעטאַנצט, רופט זיך אָן איינער פון די געסט:

— חברה! איצט לאָמיר זיך נעהמען צום צווייטען קבצן, וואָס זיצט ביי דער וואַנד, זאָל ער אויך פערזוכען אַ קלאַפּ און געדענקען, אַז ער איז געוועזן אויף דער חתונה...

און ווידער אַמאָל האָט מען גענומען רבי זישא'ן, אַוועקגעלעגט איהם אויף דער ערד און געשלאָגען.

— זעהסטו, ברודער-לעב — רופט זיך אָן רבי זישא צו רבי אלימלכ'ן — די קלעפּ זענען מיר בעשערט געוועזן, און פון בעשערטע קלעפּ קאָן זיך דער מענש נישט אויסקויפען...

הוה מתלמידיו של אהרן אוהב שלום וכו׳ ומקרבן לתורה... (יב.)

נאָר ד ע ם שלום, דורך וועלכען אהרן האָט מקרב געווען די אידען צו דער תורה, אָבער נישט יענעם שלום, וועלכער האָט גורם געווען צו מאַכען אַנ׳עגל...

(רבי משה פאָליאַק)

נגד שמא אבד שמיה... (יג.)

אויב איינער איז אַ נגיד אָהן אַ „יוד״ (אָהן אידישקייט) — „אבד שמיה״, וועט זיין נאָמען גיך פערלוירען ווערען. וואָס וועט בלייבען פון איהם, ווער וועט איהם געדענקען נאָכ׳ן טויט?...

(רבי ברוך מרדכי עפשטיין)

מען האָט אַמאָל דערצעהלט רבי יאָשע בער׳ן וועגען אַ געוויסען רייכען בעל־הבית, וועלכען עס האָט זיך פּלוצים פערגלוסט צו ווערען אַ רב און ער האָט זיך איינגעקויפט אַ כסא־רבנות פאַר געלד.

— אָט דאָס — האָט דערויף בעמערקט רבי יאָשע בער — איז דער טייטש: „נגד שמא אבד שמיה״. פריהער, בשעת ער איז געווען אַ געוועהנ־ליכער בעל־הבית, האָט ער אין פערגלייך מיט אַנדערע פּראָסטע בעלי־בתים געהייסען אַ למדן. איצט ווען ער איז געוואָרען אַ רב, איז ער אין פער־גלייך מיט אַנדערע רבנים — אַנ׳עם־הארץ...

הוא היה אומר אם אין אני לי מי לי... (יד.)

דען אין דער פריהערדיגער משנה זאָגט הלל: „ודאשתמש בתגא חלף״, אַז מען טאָר זיך נישט משמש זיין מיט אַ תלמיד־חכם, און אין אַ צווייט אָרט, אין ברכות אין פרק אלו דברים, זאָגט הלל „שאָסור להשתמש בשמש עם הארץ״, אַז מען טאָר זיך נישט משמש זיין מיט קיין עם־הארץ, און דע־ריבער פיהרט ער אויס: „אם אין אני לי מי לי״, אַז אויב ער אליין וועט זיך נישט בעדיענען, וועט ער נישט האָבען ווער עס זאָל איהם בעדיענען, וואָרום מען טאָר זיך דאָך נישט שאַפען נישט מיט קיין תלמיד־חכם און נישט מיט קיין עם־הארץ...

(נודע ביהודה)

ואם לא עכשיו — אימתי... (יד.)

און דאָס איז דער פשט: „ומבני יששכר יודעי בינה לעתים" (ד"ה א. יב.). זיי זענען געווען מבינים אויף דער צייט. זיי האָבען פערשטאַנען, ווי טייער די צייט איז...

(רבי בונם פשיסכער)

ולא מצאתי לגוף טוב אלא שתיקה... (יז.)

דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען מיט צוויי אויערען און איין מויל, הערען זאָל ער וואָס מעהר, רעדען — וואָס וועניגער...

(שיורי מדות)

רבי רפאל וואָלאָזשינער איז געווען, כידוע, אַ גרויסער שתקן, פלעגט ער זאָגען אויף זיך:

— די וועלט מיינט, אַז כ'קאָן נישט רעדען; ניין, כ'קאָן שווייגען...

וכל המרבה דברים מביא חטא... (יז.)

די אייזענבאַהן — פלעגט זאָגען רבי אַברהם יעקב סאַדיגורער — לערנט אונז, אַז יעדע מינוט שפּיעלט אַ ראָליע, צוליעב איין מינוט קאָן מען אַלץ פערשפּעטיגען. דער טעלעגראַף לערנט אונז, אַז מען דאַרף זיך רעכענען מיט יעדען וואָרט, יעדעס וואָרט ווערט געצעהלט און גע'חשבונ'ט. דער טעלעפאָן לערנט אונז, אַז אַלץ וואָס ווערט דאָ גערעדט — ווערט דאָרט געהערט...

פֶּרֶק שֵׁנִי

והוי זהיר במצוה קלה כבחמורה... (א.)

„דיבור בלשון הקדש" (פ' המשניות להרמב"ם)

אַ געוויסער משכיל און חובב שפת עבר האָט אַמאָל אָנגעוויזען דעם וואָלאָזשינער נצי"ב אויפ'ן מאַמר חז"ל אין ירושלמי, שבת פרק א': „המדבר בלה"ק מובטח לו שהוא בן עולם הבא", און ער האָט געפרעגט: היתכן? פאַרוואָס ווערט די דאָזיגע מצוה אַזוי גרינגעשעצט ביי די אָרטאָדאָקס'שע אידען און זיי ווייזען אַרויס אַזאַ פיינדליכע בעציהונג צו די ענטשטאַנענע חברות, וועלכע פערנעהמען זיך מיט פערשפרייטען דעם לימוד פון לשון-קודש?

— איהר האָט רעכט — האָט איהם דער נצי"ב געענטפערט — אָבער פאַרוואָס ווייזט איהר מיר בלויז דעם ערשטען האַלבען מאַמר און נישט אויך די צווייטע העלפט — „והקורא קריאַת-שמע שחרית וערבית"?...

יפה תלמוד תורה עם דרך ארץ... (ב.)

אויך בשעת'ן עוסק זיין אין דרך-ארץ, אין מסחר, אין משא-ומתן, זאָל מען געדענקען אין דער תורה — אין „לא תונו", „לא תשקרו", „איפה ואיפה" וכו'...

(דברי אמת)

אויך אַ למדן און אַ בן-תורה דאַרף זיין אַ בעל דרך-ארץ...

(רבי שלמה הלוי)

וכל העוסקים עם הצבור יהיו עוסקים עמהם לשם שמים... (ב.)

אַז די חז"ל האָבען זיך אָפט מאָל בעצויגען קריטיש, מיט אַ געוויסער אַנטיפּאַטיע, צו פערשידענע כלל-טהוער און גבאים, איז צו זעהען פון פער-

שידענע שטעלען; גלייכצייטיג, למשל, מיט דעם מאמר (ב״ב ח.): „ומצדיקי הרבים ככבבים לעולם ועד, אלו גבאי צדקה״, ווערט אויך געזאגט: „ופקדתי על כל לוחציו ואפי׳ על גבאי צדקה״... איבערהויפט קומט די דאזיגע קריטישע מיינונג צום אויסדרוק אינ׳ם זעהר סארקאסטיש שארפען דרש אין מדרש רבה ויקרא פרשה כ״ה, נעמליך: „...אם אינו למוד לקרות ולשנות מה יעשה ויחיה? ילך ויעשה פרנס על הצבור וגבאי צדקה והוא חי״...

„שלוחי מצוה אינן ניזוקין״ — פלעגט רבי אייזיל סלאנימער זאגען בדרך־הלצה — איז דער פשט, אז די שלוחי־מצוה האבען קיין היזק נישט און זיי דערלעגען נישט צו זייער שליחות...

אל תפרוש מן הצבור... (ה.)

א שלעכטע, אבגעריבענע מטבע — פלעגט זאגען דער רבי ר׳ בונם — איז שווער אויסצוגעבען, סיידען זי ווערט אויסגעמישט צווישען אנדערע גוטע מטבעות.

און דאס איז אויך דער טייטש: „ערוב עבדך לטוב״, מיש מיך אויס מיט׳ן „טוב״...

אל תאמין בעצמך עד יום מותך... (ה.)

זאלסט נישט גלויבען אינ׳ם „עצמך״, נישט איינרעדען זיך, אז דו קענסט אויסקומען אהן אנדערע, אהן געזעלשאפט, א בעוויז דערויף איז דער — „יום מותך״, ווען אפילו דער גרעסטער בריה מוז סוף כל סוף אנקומען נאך הילף צו פרעמדע מענשען, וועלכע זאלען זיך מיט איהם מתעסק זיין...

(תקון משה)

ואל תדין את חברך עד שתגיע למקומו... (ה.)

דערקענען ריכטיג א מענשען קאן מען נאר „במקומו״, אויפ׳ן ארט, דארט וואו ער וואוינט, נישט אין דער פרעמד, וואו עס איז איהם לייכט צו פערמאסקירען זיך...

(אוהל יעקב)

ולא עם הארץ חסיד... (ו.)

ווייל — פלעגט זאָגען דערויף רבי מענדעלע קאָצקער — ווען אַן עם־הארץ הויבט נאָר אָן עפּיס צו „פּיהלען", ווערט ער שוין נישט קיין חסיד, נאָר — אַ רבי...

רבי יצחק'ל וואָרקער פלעגט זאָגען בדרך־הלצה:

אין פּיוט „איש חסיד" פון מוצאי־שבת ווערט געזאָגט: „תורה מצאת כי יגעת, מה נאכל מעתה". וואָס פאַר אַ המשך האָט עס? צי דען ווען עס וואָלט נישט געווען „תורה מצאת", ווען ער וואָלט נישט געקענט לערנען, וואָלט ער שוין יאָ געהאַט צו עסען?

נאָר משמעות, אויב ער וואָלט נישט געקאָנט לערנען, וואָלט ער אין ערגסטען פאַל געוואָרען אַ... רבי, אָבער ווען „תורה מצאת כי יגעת", אויב דו קענסט לערנען, קענסטו דאָך שוין קיין רבי נישט ווערען, טאָ — „מה נאכל מעתה"?...

אין אַ שטעדטעל נעבען ראַדאָם איז פריי געוואָרען דער כסא־הרבנות, אויף וועלכען עס האָבען זיך געמאָלדען פערשיעדענע קאַנדידאַטען, צווישען זיי האָט די גרעסטע שאַנסען געהאַט אַ יונגערמאַן פון אַ רבי'שען הויף, אַן „אייניקעל", וועלכער האָט זיך ערוואָרבען אַ צד מיט'ן כח פון רבי'שער תקיפות.

אַז מען האָט עס דערצעהלט רבי שמואל מאָהילעווער, וועלכער איז דאַן געווען ראַדאָמער רב, האָט ער דערויף בעמערקט: די גמרא זאָגט: „אם הרב דומה למלאך ד' צבאות יבקשו תורה מפיו ואם לאו אל יבקשו תורה מפיו". וואָס איז דער פשט דערפון? דער פשט איז אַזוי: „אם הרב דומה למלאך ד' צבאות", אויב איינער וויל ווערען אַ רב און זיין איינציגע קוואַליפיקאַציע איז, וואָס ער איז „דומה למלאך", וואָס ער פּראָוועט רבי'סטווע און האָט צו טהון מיט מלאָכים, מיט הימעל־זאַכען, דאַן — „יבקשו תורה מפיו", זאָל מען איהם למען־השם בודק זיין און פערהערען, צי ער קען לערנען, וואָרום ווען ער וואָלט געקענט לערנען, וואָלט ער זיך נישט גע־דאַרפט בענוצען מיט'ן רבי'שען כח...

דער מחבר פון „חמש ידות" דערצעהלט אין זיין ספר, אַז בעת ער איז געווען רב אין דער רוסישער שטאָדט וויאַזמאַ, איז איינמאָל אום שבת אַריינ־געקומען צו איהם אַ שטאָדטישער בעל־הבית מיט אַ שאלה: היות, פרעגט ער, ווי עס איז שוין אַריבער דער דריטער טאָג, צי מעג ער הייבט עפענען

די קראם? — אין תחילת האט דער רב נישט פערשטאנען, וואס ער רעדט צו איהם און האט איהם פערוואונדערט אנגעקוקט, ערשט נאך א לענגערען פערהער איז ער ענדליך דערגאנגען, אין וואס דא האנדעלט זיך: דער איד איז ל״ע געווען אנ׳אבל און אלס אבל האט ער געהאלטען די קראם גע־שלאסען און היות ווי פרייטאג איז שוין געווען דער דריטער טאג פון אבילות, איז ער דעריבער געקומען פרעגען דעם רב א שאלה, צי ער מעג שוין היינט, שבת, עפענען די קראם?...

מרבה נכסים מרבה דאגה... (ח.)

גאנץ איינפאך: „מי שיש לו מנה רוצה מאתים״, דער וואס פער־מאגט הונדערט גילדען, וויל ער צוויי הונדערט, ווען ער האט אבער צוויי הונדערט, וויל ער פיער הונדערט און אזוי ווייטער, דען „אין אדם מת וחצי תאותו בידו״... קומט דאך ממילא אויס, אז וואס גרעסער עס איז זיין פערמעגען, אלץ גרעסער זענען זיינע אספיראציעס און אלץ גרעסער די זארג...

(נודע ביהודה)

אם למדת תורה הרבה אל תחזיק טובה לעצמך... (ט.)

זאלסט נישט האלטען די גוטע, די בעקוועמע זאכען פון דער תורה „לעצמך״, פאר זיך, און די חומרות — פאר אנדערע...

(רבי מנחם מענדיל מקאצק)

הוא היה מונה שבחם, רבי יוסי הכהן חסיד וכו׳... (ט.)

ווי קארג און בעשיידען אונזערע חכמים זענען געווען אינ׳ם אייגטיי־לען שבחים: „רבי יוסי הכהן חסיד״, נישט מעהר... היינט איז מען דוקא אין די דאזיגע זאכען גרויסע פזרנים, היינט איז דער קלענסטער טיטול — „ראש כל בני הגולה״, „פאר הדור ותפארתו״, איש אלקים קדוש יאמר לו״, „עיר וקדיש מן שמיא נחית״ א. אז. וו... און דאס איז דער טייטש: „שירו לד׳ שיר חדש תהלתו בקהל חסידים״, זינגט צום אויבערשטען א נייע געזאנג, ווארום „תהלתו בקהל חסידים״, די חסידים האבען שוין פאר זייערע רביים אלע תהלות ותשבחות צוגענומען, זיי האבען שוין פאר׳ן רבונו של עולם בעלד גארנישט איבערגעלאזט...

(רבי שמואל מאהילעווער)

רבי אלעזר אומר לב טוב... (יג.)

— דאָס גרעסטע רחמנות — פלעגט זאָגען רבי נחמן בראסלאווער - איז אויף דער מדה פון... רחמנות, וועלכע ליעגט נעביך אַ פּעראייַנזאַמטע אין אַ ווינקעל און עס וויל זיך קיינער צו איהר נישט צוריהרען, עס וויל זיך קיינער איבער איהר נישט מרחם זיין...

אחד הלוה מן האדם כלוה מן המקום... (יד.)

דער, וואָס צאָהלט נישט די חובות וואָס ער איז שולדיג מענשען, איז ער אויך נישט בעגלויבט אויף די חובות, וואָס ער איז שולדיג דעם אויבערשטען. אזוי איינער, איז זיכער, צאָהלט אויך יענע חובות נישט..

(כפת המנעול)

יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך... (טו.)

אין רמב"ם הלכות תשובה פרק ו' ווערט געזאָגט: „המתכבד בקלון חבירו אין לו חלק לעוה"ב". דערויף פרעגט דאָרט דער כסף משנה: פון וואַנען האָט עס דער רמב"ם גענומען? וואו איז דער מקור דערצו?

ובאמת איז עס אַ בפירושער ירושלמי חגיגה פרק ד', ווי אויך אין מדרש-רבה בראשית.

בעת רבי שמעלקי ניקעלשבורגער איז אָנגעקומען קיין ניקעלשבורג איבערצונעהמען דאָס רבנות, איז איהם די גאַנצע שטאָדט, ווי דער שטייגער איז, ארויסגעגאַנגען מקבל-פנים זיין, אויפנעהמענדיג איהם מיט אַן'אויסערגעוועהנליכען כבוד. אויסשטייגענדיג פון דער קאַרעטע האָט רבי שמעלקי געבעטען דעם עולם, מען זאָל איהם לאָזען אויף אַ ווײַלע אַליין אין אַ חדר-מיוחד, וואָס מען האָט איהם, פערשטעהט זיך, צוליעב געטהון.

איינער פון עולם, וועלכער איז זעהר טשיקאַווע געווען צו וויסען, וואָס רבי שמעלקי טהוט איצט ביחידות, האָט זיך אַוועקגעשטעלט הינטער דער טהיר, און דאָן הערט ער, ווי רבי שמעלקי רעדט צו זיך אַליין:

— ברוך הבא, ניקעלשבורגער רב! שלום-עליכם, רבי! זעצט אייך, רבי שמעלקי!...

הויבט דער איד מיט די פלייצעס פון פערוואונדערונג און שפעטער, בעת רבי שמעלקי איז ארויס צום טיש, געהט ער צו צו איהם און פרעגט:

— האָט נישט פּעראיבעל, רבי, וואָס כ׳וועל אייך פרעגען: זאָגט מיר, רבי, וואָס בעדייט עס, וואָס איהר האָט גערעדט צו זיך אליין?
— כ׳וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם רבי שמעלקי — זעהענדיג, וואָס פאַר אַ גרויסען כבוד דער עולם גיט מיר אָב, האָב איך אָנגעהויבען מורא האָבען, כ׳זאָל חלילה נישט אַריינפאַלען אין גיאות. נו, מאַך איך דעריבער פּראָבע אויף מיר אליין. כ׳גיב מיר אליין אָב כבוד, אַזוי פיעל כבוד, ביז איך הויב אָן פערשטעהן דעם פשט פון „יהי כבוד חברך חביב עליך כשלך״. פּונקט ווי דער כבוד, וואָס דו גיסט דיר אליין אָב, האָט אַפּנים פון חוזק, אַזאַ פּנים זאָל אויך האָבען ביי דיר דער כבוד, וואָס יענער גיט דיר אָב...

ואל תהי נוח לכעוס... (טו.)

אויפ׳ן בעל „צמח צדק״ דערצעהלט מען, אַז בעת עס פלעגט איהם ווער דערצערנען, פלעגט ער זיך הייסען דערלאַנגען דעם שולחן-ערוך מעיין צו זיין פריהער און נאָכצוזוכען דעם דין, צי ער מעג אויף אַזאַ זאַך ווערען אין כעס... און ביני לביני פלעגט דער כעס פון איהם אָבגעהן.

וכל מעשיך יהיו לשם שמים... (טז.)

— רבונו של עולם! — האָט רבי מאיר׳ל פּרימישליאַנער איינמאָל אויסגעשריען ביים דאַווענען — איך ווייס וואויל, אַז ווען מען זאָל נעהמען און גוט אויסקוועטשען די תפלות, וואָס די אידען זענען צו דיר מתפלל, וועט זייער תמצית זיין געלד, נור געלד... איך ווייס אָבער אויך וואויל, אַז ווען מען זאָל ווידער נעהמען און אויסקוועטשען דאָס געלד, וואָס די אידען פערלאַנגען פון דיר, וועט אַלס תמצית דערפון אַרויסגעהן—תורה און מעשים-טובים. וואָרום אויף וואָס דאַרף דען דער איד געלד? — צו קאָנען צאָהלען שכר-לימוד פאַר די קינדער, חתונה צו מאַכען זיין טאָכטער פאַר אַ תלמיד-חכם, צו קאָנען פערבעטען אַן׳אורח צום טיש, אַרויסצוהעלפען אַן׳אָרימען קרוב, וכדומה וכדומה...

„וכל מעשיך יהיו לשם שמים״

אויך דאָס אָפטע שרייען: „לשם שמים!״ זאָל זיין טאַקי באמת — לשם שמים...

(רבי מענדעלע קאָצקער)

והתקן עצמך ללמוד תורה שאינה ירושה לך... (יז)

דער שאגת אריה דערצעהלט, אז זייענדיג איינמאל אין וואלאזשין, האט ער דארט אונטערגעהערט א שמועס פון צוויי יונגלעך. איינער פון זיי, א צוועלף־יעהריג יונגעל (געווען איז דאס רבי חיים וואלאזשינער), האט זיך געווענדעט צו א יונגעל פון צעהן יאהר (רבי זלמן וואלאזשינער) און איהם געפרעגט: די חז״ל זאגען „לא ימושו מפיך ומפי זרעך ומפי זרע זרעך, עד ג׳ דורות, מכאן ואילך התורה מחזרת על אכסניא שלה״. און מיר אלע קומען דאך ארויס פון אברהם, יצחק ויעקב, איז דאך שוין די תורה דאן געווען ביי גאנצע דריי דורות, טא פון וואנען נעהמען זיך היינט צו אידען עמי־הארצים?... — דערויף האט איהם דער צעהן־יעהריגער חבר געענטפערט: אט וועל איך עס דיר ערקלערען. דער שטייגער איז פון יעדען רייזענדען, בשעת ער קומט אין א שטאדט אריין, צו פערפאהרען אין דער זעלבער אכסניא, וואו ער איז שוין איינמאל איינגעשטאנען. דאס אלץ איז גערעדט געווארען, ווען די בעלי־בתים פון דער דאזיגער אכסניא זענען איהם מקבל בסבר פנים יפות. ווי איז אבער, ווען מען נעהמט איהם נישט גוט אויף און מען לאזט איהם שטעהן פאר דער טהיר? — נעהמט דאמאלס דער אורח דעם טשעמאדאן און געהט זיך אוועק זוכען אן׳אנדערע אכסניא...

(תולדות אדם)

הוה זהיר בקריאת שמע ובתפלה... (יח)

רבי לייבעלע אייגער, רבי עקיבא אייגערס אייניקעל, וועלכער איז, כידוע, געווארען א חסיד און איז אנטלאפען קיין קאצק, האט אמאל גע־פרעגט דעם קאצקער רבי׳ן: וואס זאל איך ענטפערען דעם זיידען, בשעת ער וועט מיך פרעגען, פארוואס מען דאווענט אין קאצק אזוי שפעט און מען איז עובר אויף תפלה בזמנה?

— דו זאלסט זאגען דעם זיידען דיינעם — האט איהם דער קאצקער דערויף געענטפערט — אז דער רמב״ם פסק׳ענט להלכה, אז אויב א פועל, וועלכען מען האט געדינגען צו זעגען האלץ, שלייפט א גאנצען טאג די זעג, און ערשט פארנאכט, די לעצטע שעה, נעהמט ער זעגען דאס האלץ, קומט איהם צו בעצאהלען פאר א גאנצען טאג ארבייט...

רבי ישראל ריזשינער פלעגט זאגען: די וואס דאווענען גיך, איז עס פון גרויס חביבות. זיי זענען אזוי אויסגעהונגערט נאך תפלות, אז פון גרויס אפעטיט שלינגען זיי די ווערטער איינס נאכ׳ן צווייטען, נישט האבענדיג קיין

געדולד צו צוקייען יעדעס ווארט בעזונדער... און די וואס דאווענען לאנגזאם, איז עס אויך פון גרויס חביבות — ס'איז זיי א שאד דאס ווארט פון מויל ארויסצולאזען...

— קיינער — פלעגט זאגען רבי מאיר'ל פרימישליאנער — דאווענט נישט קיין „תפלה בזמנה", דען חסידים דאווענען בלויז „תפלה" און מתנגדים — בלויז „בזמנה"...

רבי נפתלי ראפשיצער האט אמאל געזעהען, ווי א חסידישער יונגער-מאן קומט ארייגצולויפען שפעט פארנאכט אין בית-המדרש, טהוט אן שנעל דעם טלית, לויפט ארום עטליכע מאל אויף און אב, ווארפענדיג אויף אלע זייטען מיט'ן קאפ און מאלענדיג ווי א מאשין מיט די צייהן און — פארטיג, ער איז שוין אנ'אבגעדאווענטער...

— זיי-זשע מוחל, יונגערמאן — מאכט צו איהם רבי נפתלי — איך וועל דיר דערצעהלען א מעשה. עס פלעגט אמאל איינער אהיימקומען יעדען טאג עלף א זייגער פון דאווענען און דאס ווייב פלעגט איהם דערלאנגען פרישטיק: א טעלער קרופניק, אזוי יעדען טאג, טאג-איין, טאג-אויס... איינמאל אבער, קומענדיג כדרכו פון דאווענען, ערקלערט איהם דאס ווייב, אז היינטיגעס מאל וועט ער מוזען אביסעל צווארטען. זעצט ער זיך אוועק און ווארט א שעה, צוויי, דריי. דאס ווייב איז די גאנצע צייט שטארק פערפארעט אין קיך און יעדעס מאל שרייט זי אריין צו איהם, אז ער מוז נאך אביסעל צווארטען, עס איז נאכנישט פארטיג... אזוי האט ער אבגעווארט מיט א פער'חלש'ט הארץ ביז פארנאכט. ענדליך גרייט שוין דאס ווייב צום טיש און דערלאנגט איהם אריין דעם זעלבען טעלער קרופניק, וואס נעכטען און עהערנעכטען... אט דאס איז עס? — שטעלט דער מאן אויס אויף איהר א פאר פער-חדושטע אויגען — פון אזא פארעניש האב איך זיכער געמיינט, אז עס קאכען זיך דארט פיש און עס בראטען זיך אינדיקעס, ומי יודע וואסערע נאך מאכלים... מא, אויף אזעלכע זאכען איז כדאי צו ווארטען... אבער פראס-טען קרופניק? קרופניק פון א גאנץ יאהר — דאס האט דאך געקענט זיין צו דער צייט, אין דער פריה!...

אל תעש תפלתך קבע אלא רחמים ותחנונים... (יז.)

„אל תעש תפלתך קבע", דו זאלסט נישט קובע זיין און אנווייזען דעם רבונו של עולם, ווי אזוי, אויף וואס פאר אנ'אופן ער האט דיר צו העל-

פען, „אלא רחמים ותחנונים לפני המקום״, דו בעט פון איהם סתם רחמים, און ווי אַזוי דיר צו העלפען, וועט ער שוין אַליין וויסען...

(כתב סופר)

דער רבי פון לובלין — ווערט דערצעהלט אין די חסידישע ספרים — האָט מבטיח געווען זייגעם אַ חסיד, ער זאָל קויפען אַ לאָטעריע-צעטעל, אויף וועלכען ער וועט זיכער טרעפען אַ גרויס געווינס. די הבטחה איז אָבער נישט מקוים געוואָרען און דער רבי פון לובלין האָט דערפון געהאַט גרויס צער... אַז דער רבי ר׳ בונם האָט זיך דערפון דערוואוסט, האָט ער איהם געשיקט זאָגען, ער זאָל זיך נישט מצער זיין. דען אין פלוג איז דאָך קשה: די חז״ל זאָגען אונז, אַז „הצדיק גוזר והקב״ה מקיים״ און אין נוסח-התפלה (גענומען פון תנא דבי אליהו) זאָגען מיר: „ומי יאמר לו מה תעשה״?.. נאָר דער תירוץ איז, דער צדיק האָט טאַקי כח גוזר צו זיין, אָבער נישט אָנצוּווייזען דעם רבש״ע בפרטות דעם „מה תעשה״. ווי אַזוי דאָס זאָל געשעהן, און צו פיהרען מיט איהם עסקים וועגען לאָטעריע-צעטלעך...

— אַ שענער גאָט — פלעגט זאָגען רבי זישע האניפאָלער — וואָלט ער געווען, ווען איך, זישע, זאָל איהם דאַרפען לערנען, ווי אַזוי צו העלפען...

ואל תהי רשע בפני עצמך... (יח.)

זאָלסט זיך נישט פערמאַסקירען, נישט זיין קיין צבוע. זאָלסט נישט זיין קיין רשע „בפני עצמך״, בעת קיינער זעהט נישט, און פאַר לייטען — אַ מכלומרשט אָבגעהיטענער פרומער איד...

(בית יצחק)

„בעקבתא דמשיחא וועט הערשען אַ גרויס צביעות אויף דער וועלט. עס וועט דאַן זיין: הצדיקים — מזיקים, הענוים — גנבים, התמימים — ערומים, היראים — מרעים, הסופרים — כופרים, המשפילים — אוילים, הנבונים — סלונים, הראשים — נחשים, הטהורים — בוערים, המורים — חמורים, הטובים — מכאובים, האוהבים — אויבים, הסוחרים — עוכרים, העשירים — חזירים, הידידים — מפרידים, האחים — פחים, הגבאים — רמאים, המנהיגים — סיגים, המבקרים — משקרים, היפות — מנאפות, הבתולות — בעולות, הנערות — הרות, הקדושות — קדשות...״

(שארית יוסף)

ודע מה שתשוב לאפיקורס... (יט.)

„אפיקורס כגון מאן וכו׳ דאמר מאי אהני לן רבנן, מעולם לא שרו לן עורבא ולא אסרו לן יונה״ (סנהדרין צ״ט)

דער אפיקורס און צו-להכעיס׳ניק וואלט וועלען טהון רק פערקעהרט, ווי די תורה הייסט. איז ווען די חז״ל וואלטען גע׳אסר׳ט צו עסען דאס פלייש פון א יונה און מתיר געמאכט דאס פלייש פון עורב, וואלט ער דא-מאלס געקענט טהון להיפוך. עס פארדריסט איהם דעריבער, הלמאי מען האט מתיר געמאכט די יונה און גע׳אסר׳ט דעם עורב און ער קאן נעביך נישט טהון פערקעהרט, מחמת דאס פלייש פון עורב איז אונמעגליך צו עסען...

(רבי משה פאליאק)

פֶּרֶק שְׁלִישִׁי

הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה... (א.)

„אם פגע בך מנוול זה — זאָגען די חז״ל — משכהו לבית המדרש, נצחהו מוטב ואם לאו יקרא קריאַת-שמע, ואם לאו יזכיר לו יום המיתה״.

און דאָס איז פשט פון פסוק: „רבות מחשבות בלב איש״ — אויב דער יצר איז מכשיל דעם מענש מיט פערשידענע זינדיגע מחשבות און הרהורי עבירה, איז „ועצת ד׳ היא״, איז די איינציגע דערצו — „תקו״ם״: תורה, קריאַת-שמע ומיתה...

(ווילנער גאון)

דעריבער — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער אויפ׳ן דערמאָהנטען מאמר חז״ל — ווערט די עצה פון „יזכיר לו יום המיתה״ געשטעלט צום סוף, ווייל דאָס דערמאָהנען זיך אינ׳ם יום-המיתה ווארפט אָן פחד און עצבות אויפ׳ן מענש און דער רבונו של עולם וואָלט נישט וועלען, מען זאָל איהם דינען מתוך פחד און עצבות, נאָר מתוך שמחה, און דעריבער הייסט מען איהם פריהער זיך בענוצען מיט פערשידענע אַנדערע מיטלען, ערשט באין ברירה, ווען דאָס העלפט נישט, איז — „יזכיר לו יום המיתה״...

אַ חסידישער יונגערמאַן איז אַמאָל געקומען צו רבי נפתלי ראָפּשיצער און זיך בעקלאָגט, אַז עס קריכען איהם כסדר אין קאָפּ „מחשבות זרות״, אומריינע, זינדיגע געדאַנקען, פון וועלכע ער קאָן זיך נישט אָביאָגען. רבי נפתלי האָט איהם געגעבען פערשידענע עצות. דער יונגערמאַן אָבער איז יעדעס מאָל אַריינגעקומען און געקרעכצט, אַז עס העלפט נישט, און אַזוי טאָג-איין, טאָג-אויס, ביז רבי נפתלי איז שוין אַרויס פון געדולד און ער האָט זיך אָנגערופען צו איהם: הער אויס, יונגערמאַן! „מחשבות זרות״ איז דער פשט, אַז אַ מענטש איז תמיד פערטהון אין הויכע, הייליגע רעיונות, נאָר טיילמאָל טרעפט, אַז דער יצר-הרע לאָזט אין איהם אַריינדרינגען פלוצים אַ פּאָר זייטיגע אומריינע געדאַנקען, צו וועלכע ער איז לגמרי נישט צוגע-

וואוינט, הייסט עס דאן „מחשבות זרות", פרעמדע מחשבות... דו אָבער, ווי איך זעה, ביזט אריינגעטהון גאַנצע טעג מיט אַלע חושים אין די דאָזיגע אומ־ריינע געדאַנקען, און זיי זענען ביי דיר לגמרי נישט קיין „מחשבות זרות"...

דע מאַין באת ולאָן אתה הולך... (א.)

געדענק און היט דיך, אז פון דעם „אַין" זאָל חלילה נישט ווערען קיין „אָן", אז קומענדיג אויף דער וועלט מיט אַ „יוד", זאָלסטו נישט אַוועק־געהן פון דאַנען אָהן אַ „יוד"...

(דרכי אבות)

„ולאָן אתה הולך"...

איך האָב געהערט — שרייבט רבי אייזיק קאָמאַרנער אין זיין ספר „נצר חסד", — פון מיין הייליגען פאָטער רבי אלכסנדר זצ"ל, און געווען בין איך דאַן אַ קליין קינד און צוויי טעג זענען דורכגעגאַנגען, ווען אין שטוב איז קיין שטיקעל ברויט נישט געווען. מיין פאָטער זצ"ל איז געזעסען און גע־לערנט און זיין פנים האָט געלויכטען און געברענט, און ווען ער איז נאָכהער אריינגעקומען אין שטוב און דערזעהען אונזער צער, האָט ער זיך דאַן אָנ־גערופען צו אונז און געזאָגט: קינדער מיינע, עס לוינט זיך נישט אַזוי שטאַרק מצער צו זיין. ווי לאַנג דויערט עס דען איינגאַנצען? עס איז דאָך נישט מעהר, ווי נישטיגע און נאַרישע זיעבציג יאָהר...

הוי מתפלל בשלומה של מלכות שאלמלא מוראה... (ב.)

אין אַ משנה פריהער ווערט געזאָגט: „הסתכל בשלשה דברים ואין אתה בא לידי עבירה". דערויף קומט רבי חנינא און מאַכט אונז אויפמערקזאַם, אַז ליידער איז נאָך גאַנץ ווייט צו יענער צייט, ווען דער „הסתכל בשלשה דברים" זאָל אָבהאַלטען דעם מענש פון זינד און פון פערשידענע פערברע־כענס, ביז דעמאָלס מוז נאָך ליידער דער מענש געצוימט ווערען מיט גאַנץ אַנדערע מיטלען, מיט דער הילף פון שטרענגע געזעצען און שטרענגע שטראָ־פען. פאָרלויפיג, ביז יענע צייט וועט קומען — „הוי מתפלל בשלומה של מלכות, שאלמלא מוראה איש את רעהו חיים בלעו"...

(רבי יוסף יעבץ)

שנים שיושבים ואין ביניהם דברי תורה... (ג.)

„שנים שיושבים", ווען צוויי אידען זיצען צוזאַמען, „ואין ביניהם",

און זיי האָבען גאַרנישט צווישען זיך, זיי קריגען זיך נישט און רייסען זיך נישט אַרום, ווערט זיי דאָס גופא פערערעכענט אַלס „דברי תורה״...

(רבי יצחק ווארקער)

כל שיראת חטאו קודמת לחכמתו... (יא.)

פאַר׳ן צוטרעטען צו לערנען וועלטליכע הכמות מוז מען פריהער זיין בעפעסטיגט מיט אמונה און יראת-חטא. „אין כאלקינו״ זאָגט מען פריהער פאַר׳ן „מי כאלקינו״. אין די דאָזיגע זאַכען מוז מען שטענדיג האָבען פריהער גרייט דעם תירוץ פאַר דער קשיא...

(ברוך טעם)

רבי נחמן בראסלאַווער פלעגט טייטשען: „הלואי אותי עזבו ואת תורתי שמרו״. הלואי — זאָגט השי״ת — „אותי עזבו״, וואָלטען זיי מיך געלאָזט צו-רוה, אויפהערענדיג זיך אַזוי פיעל צו חקר׳ען און אַריינצוקלערען וועגען מיר, „ואת תורתי שמרו״, און זיי זאָלען אָבהיטען די תורה איינפאַך, בפשטות, כמו שכתוב...

„ולגדולתו אין חקר״, צו דער גדלות פון השי״ת איז אונמעגליך צוצו-געהן מיט חקירה, נאָר מיט אמונה...

(רבי משה קאָברינער)

— כ׳וואָלט באין אופן — פלעגט זאָגען רבי מענדעלי קאָצקער — נישט געוואָלט דיענען צו אַזאַ גאָט, וואָס זיינע דרכים זאָלען זיין פערשטענדליך פאַר׳ן שכל פון יעדען נישטיגען און נאַרישען ילוד-אשה...

כל השוכח דבר אחד ממשנתו וכו׳ יכול אפילו תקפה עליו משנתו וכו׳... (יב.)

און דאָס איז דער פשט: „רצה הקב״ה לזכות את ישראל״ — דער רצון פון השי״ת איז געווען מזכה צו זיין די אידען, זיי זאָלען נישט נענש ווע-רען צוליב׳ן „השוכח דבר אחד ממשנתו״ — „לפיכך הרבה להם תורה ומצוות״, כדי זיי זאָלען האָבען דעם דין פון „תקפה עליו משנתו״...

(כנסת ישראל)

כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו, אין רוח המקום נוחה הימנו... (יג.)

אויב אַ מענש איז אַ רע לבריות, איז נישט-נאָר זיין פרומקייט קיין מעלה נישט, נאָר פערקעהרט, וואָס פרומער ער איז, אַלץ גרעסער איז צו-ליעב זיינע שלעכטע מדות און מעשים דער חלול-השם...

(תקון משה)

— אַ איד — פלעגט זאָגען רבי נפתלי ראָפּשיצער — דאַרף זיין גוט, קלוג און פרום. גוט אַליין — איז אַ נאַר, קלוג אַליין — איז אַ גנב, פרום אַליין — איז אַ רשע...

בשעת מען האָט געבראַכט צום „נודע ביהודה״ אַ כתב רבנות פון פראַג, האָט ער עס נישט געוואָלט אָננעהמען. שפּעטער אָבער, דערוויסענדיג זיך, אַז דער בעריהמטער פראַגער למדן, רבי זרח איידליץ, וויל ווערען רב אין פראַג, הגם די שטאָדט וויל איהם נישט, האָט דער „נודע ביהודה״ חוזר געוועזן פון זיין פריהערדיגען בעשלוס און איינגעשטימט אָנצונעהמען דאָס רבנות.

פרעגט איהם דאַן רבי זרח איידליץ: בתחלה מאי קסבר ולבסוף מאי קסבר? פאַרוואָס, רבי, האָט איהר פריהער נישט געוואָלט און איצט יאָ?

— כ׳וועל אייך זאָגען — ענטפערט איהם דערויף דער „נודע ביהודה״— אָנצונעהמען אַ רבנות לוינט זיך צוליעב צוויי טעמים: ערשטענס, כדי זיך איבערצוצייגען, אַז „רוח הבריות נוחה הימנו״, וואָס דאַן איז דאָך ממילא „רוח המקום נוחה הימנו״, און צווייטענס, כדי מען זאָל איהם דאַדורך מוחל זיין די עוונות, דען „כל העולה לגדולה — זאָגען די חז״ל — מוהלים לו כל עוונותיו״.

איז צוליעב׳ן ערשטען טעם איז נישט נויטיג דוקא צו ווערען רב און עס איז גענוג דאָס בלויזע בעקומען פון דער שטאָדט אַ כתב-רבנות, דאָס אַליין איז שוין אַ גאַנץ גענוגענדער בעוויז, אַז „רוח הבריות נוחה הימנו״. זעהענדיג אָבער, אַז אַזאַ תלמיד-חכם, ווי רב זרח איידליץ, יאָגט זיך נאָכ׳ן פראַגער רבנות, הגם די שטאָדט וויל איהם נישט, כאָטש עס איז „אין רוח הבריות נוחה הימנו״, זעה איך דאָך, אַז דער עיקר איז דערביי דער צווייטער טעם, דאָס מוחל זיין די עוונות, איז וויבאַלד אַזוי איז שוין אַ כתב-רבנות אַליין ווייניג און איך האָב דעריבער בעשלאָסען איבערצונעהמען דאָס רבנות בפועל...

(דעת זקנים)

דעריבער זעהען מיר, אז די גרעסערע שטעדט האבען ערגערע רבנים, ווי די קלענערע שטעדטלעך, ווייל „כל העולה לגדולה מוחלין לו כל עוונותיו", איז וואס מעהר עוונות מען האט אויף זיך, אלץ גרעסער דארף זיין די שטאדט...

(שיחות חכמים)

כל שרוח הבריות נוחה הימנו, אויב א מענש איז נזהר אין די מצוות שבין אדם לחברו און צייכענט זיך אויס מיט זיין עהרליכקייט און רחמנות, דארפסטו איהם נישט בודק זיין אין זיין פרומקייט, נאר אננעהמען, אז אויך רוח המקום נוחה הימנו, אז מן-הסתם איז ער אויך נזהר אין די מצוות שבין אדם למקום. דאגעגען אבער כל שאין רוח הבריות נוחה הימנו, ווען איינער איז א שווינדלער, א רמאי, אנ'אכזר און דערביי איז ער מכלומרשט גע-וואלדיג פרום און א מדקדק במצוות, מעגסטו זיין זיכער, אז אין רוח המקום נוחה הימנו, אז דאס איז א צבועק און עס איז נישט תוכו כברו, אז באמת פערמאגט ער נישט אין זיך קיין האר יראת-שמים...

(דובנער מגיד)

מסורת סיג לתורה, מעשרות סיג לעושר... (יז)

דעם פסוק „עשר תעשר" דרש'נען די חז"ל: „עשר בשביל שתתעשר", לייענענדיג דאס ווארט „עשר" מיט א שין ימנית. דער דאזיגער דרש איז אבער נאר דאן מעגליך, ווען מען שטיצט זיך אויף דער מסורה און מען האלט אז „יש אם למסורה", ווארום אויב מ'זאל אננעהמען, אז עס איז בלויז „יש אם למקרא" און דער קרי פון „עשר" איז דאך מיט א שין שמאלית, איז דאך דאן קיין ארט נישטא פאר'ן דערמאהנטען דרש... און דאס אלזא איז די כונה פון דער משנה: „מסורת סיג לתורה", ביים לערנען די תורה מוז מען אונבעדינגט אנקומען צו דער מסורה, א ראיה דערצו איז דער דרש, אז — „מעשרות סיג לעושר", דער דרש פון „עשר בשביל שתתעשר"...

(ווילנער גאון)

אויך עשירות, פונקט ווי תורה און ווי נדרים, נויטיגט זיך אין א סיג, אין א גדר, אין אונגעוועהנליכע פארזיכטיגקייט. מען דארף וויסען, ווי זיך דערמיט אומצוגעהן. מיט עשירות קאן מען א סך דערגרייכען, אבער — אויך א סך פערלירען...

(נועם אלימלך)

סיג לחכמה שתיקה... (יז.)

א סיג, אבער נישט דער גאנצער עיקר. מיט'ן בלויזען שווייגען ווערט מען נאך נישט קיין חכם...

(רבי איזיל סלאנימער)

אויף רבי רפאל וואלאזשינער, וועלכער איז געווען בטבע א גרויסער שותק, פלעגט מען זאגען:

— רבי רפאל שווייגט אזוי לאנג ביז ער ווערט מיעד, רוהט ער זיך אב א ביסעל און... שווייגט ווייטער.

אם אין תורה אין דרך ארץ, אם אין דרך ארץ אין תורה... (כא.)

אויב דער מענש האט נישט אין זיך קיין תורה, פערשפארסטו שוין צו פרעגען אויף איהם, צי ער איז כאטש א בעל-דרך-ארץ—ער איז דאס זיכער נישט. דעסגלייכען „אם אין דרך-ארץ", אויב איינער האט קיין דרך-ארץ נישט און צייכענט זיך אויס מיט זיין חוצפה און עזות, פערשפארסטו צו פרעגען, צי ער איז כאטש א בן-תורה — ער איז זיכער א גראבער יונג...

(מנחת יצחק)

פֶּרֶק רְבִיעִי

בן זומא אומר איזהו חכם וכו׳... (א.)

דעריבער פרעגט בן-זומא בעזונדער וועגען חכם און בעזונדער וועגען עשיר, ווייל דער עושר פון דער דאָזיגער משנה האָט באמת קיין געלד נישט, ער איז נור אַ „שמח בחלקו״... ביים אמת׳ען עושר אָבער איז נישט שייך אָבצוטיילען דעם חכם פון עשיר, וואָרום דער עושר, וואָס האָט געלד, איז ער שוין גלייכצייטיג אויך אַ חכם...

(רשפי קשת)

איזהו חכם הלומד מכל אדם...

אין שכנות פון רבי׳ן אלימלך פון ליזענסק האָט געוואוינט אַ קירזשנער, וועלכער האָט אויך געהייסען אלימלך און געוואוינט איז ער געווען צו אַרבייטען ביז שפעט נאָך האַלבער נאַכט. איינמאָל, געווען איז עס נאָך חצות און דער קירזשנער, ערמידעט פון אַ גאַנצען טאָג אַרבייט, האָט איינגעדרימעלט, הערט דער רבי אלימלך דורך דער וואַנד, ווי דעם קירזשנער׳ס ווייב וועקט דעם מאַן איהרען און שרייט צו איהם: „מלך, מלך! פעררייכט דאָס פעלצעל כל-זמן עס ברענט נאָך דאָס ליכטעל!״...

— די דאָזיגע ווערטער — האָט אויסגעפיהרט דער רבי אלימלך — קלינגען איהם פון דאַמאָלס אָן טאָג און נאַכט אין די אויערען און געבען איהם קיין רוה נישט...

איזהו גבור הכובש את יצרו... (א.)

— געוועהנליך — פלעגט זאָגען רבי בערעניו לעוויער — טייטשט די וועלט, אַז דאָס בעציהט זיך אויפ׳ן יצר-הרע, איך אָבער מיין, אַז „הכובש את יצרו״ געהט אַרויף אויפ׳ן יצר-טוב. מען דאַרף דעם יצר-טוב איינהאַלטען אין זיך, נישט וואַרפען זיך מיט איהם צופיעל אין די אויגען, נישט אַרומשלעפען זיך מיט איהם איבער די גאַסען, נישט ווייזען פאַר יעדען: זעהט,

וואס פאר א פרומער, אבגעהיטענער איד איך בין, וואס פאר א טייערען יצר-טוב איך בעזיץ...

איזהו גבור הכובש את „יצרו", זיין אייגענעם יצר, נישט יענעמס... דען געוועהנליך האבען מענשען א טבע צו וועלען רק ברעכען דעם צווייטענס יצר, יענער זאל זיין גוט, יענער זאל זיין פרום...

(רבי נפתלי ראפשיצער)

זארגען זאלסטו פאר דיין נשמה און פאר יענעמס קערפער, נישט פערקעהרט...

(רבי ישראל סאלאנטער)

איזהו עשיר השמח בחלקו... (א.)

מיט וואס ערקלערט זיך עס, וואס אויף דער עלטער פערלירט דער מענש די תאוה צו אלע עבירות, א חוץ די תאוה צו געלד, וועלכע הערט נישט אויף ביי איהם אפילו ווען ער שטעהט שוין מיט איין פוס אין קבר?

ווייל געלד איז א „דבר שבמנין" און מיר האבען דאך א כלל, אז „דבר שבמנין אפילו באלף לא בטיל"...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

ואין לך דבר שאין לו מקום... (ג.)

וויבאלד איטליכער האט זיין ארט, טא פארוואס — האט געפרעגט דערויף רבי אברהם יעקב סאדיגורער — איז אזוי ענג צווישען אונז? — דערפאר, ווייל אנשטאט וואס יעדער זאל היטען זיין ארט, וויל איטליכער פערכאפען דוקא דעם צווייטענס ארט...

מאד מאד הוה שפל רוח... (ד.)

טאקי פון דער גאוה גופא — פלעגט זאגען רבי וואלף זשיטאמירער — דארף זיך דער מענש אראבלערנען די מדה פון ענוות. ווארום זעהט, אדרבה, ווי פשוט און איינפאך די גאוה איז ביי זיך. זי איז א כל ולך דוקא ביי די סאמע נידריגסטע און געמיינסטע ברואים. וואו ערגיץ א לייידאק און וואו ערגיץ א גראבער יונג — חבר'ט זי זיך מיט איהם...

פאַרהאַן פערשידענע מיני גאוות. פאַרהאַן זאָגאַר אַנ׳עניוות, וואָס קומט פון גאוות. און דאָס איז דער פשט: „גאוות אדם— תשפילנו״ (משלי כט. כג.) מאַנכעס מאָל איז זיך דער מענש משפיל און מאַכט זיך פאַר אַנ׳עניו צוליב גאוה, כדי מענשען זאָלען ריידען וועגען איהם, איהם ריהמען פאַר דער דאָזיגער זעלטענער מדה און איהם אָבגעבען כבוד...

(מחנה לוי)

אויף אַנ׳עהנליכען אופן ווערט געטייטשט: „כי הלל רשע על תאות נפשו״, (תהלים י. ג.) גאַנץ אָפט בענוצט זיך אויך דער רשע מיט דער מדה פון עניוות, ער ווערט פלוצים אַנ׳עניו „כהלל״, בשעת דאָס איז איהם גראָד נויטיג צו זיינע ביטרע שמד־שטיק...

דער חתם־סופר האָט געהאַט אַ משמש, וועלכער האָט זיך שטאַרק גרויס געהאַלטען און געבלאָזען פון זיך, און דאָס צוליעב צוויי זאַכען, ערשטענס, ווייל ער איז דעם חתם־סופר׳ס משמש, צווייטענס, ווייל ער האָט געהאַט אַ פעטער אַ בעריהמטען גביר, אַ באַנקיר אין פרעשבורג.

ווען מען האָט דאָס דערצעהלט דעם חתם־סופר האָט ער איהם אַריינגערופען צו זיך און געזאָגט: כ׳פערשטעה נישט, מיט וואָס דו האָסט זיך אַזוי איבערצוגעהמען. מילא, ווען לערנען וואָלסטו געקענט אַזוי ווי איך און רייך וואָלסטו געווען, ווי דיין פעטער — וואָלסטו טאַקי געהאַט מיט וואָס צו שטאָלצירען, אָבער אַז לערנען קענסטו ווי דיין פעטער און רייך ביזטו ווי איך — טאָ וואָס איז מיט דיר דער יחוס?...

ואל תפרוש מן הצבור... (ז.)

אין די יהי־רצונ׳ס, וואָס מען זאָגט בשני ובחמישי נאָך קריאת־התורה, ווערט דער לעצטער זאַץ — „אחינו כל בית ישראל״, אָנגעהויבען סתם, שוין אָהן די ווערטער — „יהי רצון״, ווייל דאָרט, וואו עס איז „אַחינו כל בית ישראל״, וואו אידען האַלטען זיך אַחדות׳דיג צוזאַמען, איז עס שוין דאַן ממילא אַנ׳עת־רצון...

(רבי משה לייב סאַסובער)

ואל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפר בה... (ז.)

„אל תעשה עטרה להתגדל בה״, זיי נישט קיין בעל־גאה, אָבער „ולא

קרדום לחפר בה״, אויך קיין געהארכזאם ווערקצייג אין יענעמס הענד און קיין וויש-טוך דארפסטו נישט לאזען מאכען פון זיך. צופיל שפל און צופיעל נבזה טויג אויך נישט...

(רבי פנחס הארוויץ)

„ואל תעשה עטרה להתגדל בה״...

א חסידישער יונגערמאן איז אמאל געקומען צו רבי מענדעלי קאצקער און זיך געריחמט, אז ער האט שוין אויסגעלערנט גאנץ ש״ס.

— אזוי? — קרימט איהם איבער רבי מענדעלי — דו האסט שוין אויסגעלערנט גאנץ ש״ס? נו, וואס אבער האט גאנץ ש״ס דיך אויסגעלערנט?

רבי ירוחם לייב, דער מינסקער „גדול״, איז געווען א שניידערס א זוהן. איינמאל איז ער געזעסען מיט נאך צוויי רבנים, וועלכע האבעןביידע געשטאמט פון גרויסען רבנישען יחוס, האבען זיי איהם געוואלט א טשעפע טהון און אנגעהויבען זאגען תורה פון זייערע טאטעס.

— מיין טאטע, זכרונו לברכה — רופט זיך אן איינער פון זיי — האט געפרעגט די און די קשיא און געענטפערט אזא און אזא תירוץ.

— מיין טאטע, זכרונו לברכה — בעמערקט דער צווייטער — האט דאס און דאס געזאגט.

— און מיין טאטע, זכרונו לברכה — רופט זיך אן דער מינסקער גדול — האט געזאגט, אז אן׳איבערגעניטשעוועט שטיקעל ארבייט טויג אויף כפרות... און ער האט אויפ׳ן ארט אנגעהויבען זאגען אן׳אייגענעם שארפען חילוק...

(די וועלט דערצעהלט)

„ולא קרדום לחפר בה״...

צום בעריהמטען ווארשאווער ראש בית-דין, רבי זיינוועלע קלעפפיש, פלעגט קומען יעדעס יאהר פאר פסח א געוויסער ווארשאווער גביר, א קרוב פון דאמאלסדיגען גמינע-פרעזעס, מאכען א שטר-מכירה אויף זיין „גאזשעלנע״. איינמאל האט דער גביר געשיקט ערב-פסח א שליח צו רבי זיינוועלען, אז היות ווי א געוויסער ווארשאווער מורה-הוראה איז גרייט צו קומען צו איהם אהיים דורכפיהרען די שטר-מכירה, איז לכן, אויב אויך רבי זיינוועלע איז מסכים אנצוטהון איהם דעם כבוד און קומען צו איהם אהיים — הרי טוב, און אויב נישט, וועט ער מאכען די שטר-מכירה ביי יענעם מורה-הוראה. רבי זיינוועלע איז געווארען אויפגעבראכט פון דער דאזיגער גבירישער חוצפה און ער האט דעם שליח משלח געווען, מיטגעבענדיג איהם א פאר שארפע דבורים אויפ׳ן גביר׳ס חשבון...

אין עטליכע טעג אַרום, זיצענדיג אויף אַנ׳אַסיפה אין ראַבינאַט, האָט זיך רבי זיינוועלע צונויפגעטראָפען מיט יענעם מורה-הוראה, וועלכער איז צוליעב עטליכע קערבלעך געגאַנגען מאַכען די שטר-מכירה צום גביר אין שטוב אַריין, רופט ער זיך אָן צו איהם: אַ יישר-כח אייך. עס איז מיר דורך אייך פערענטפערט געוואָרען אַ משנה אין אָבות. דער תנא זאָגט אונז אין אָבות: „ואל תעשה עטרה להתגדל בה ולא קרדום לחפר בה״. איז דאָך אין פלוג קשה: פאַרוואָס ווערט דער בן-תורה געוואָרענט נישט צו פיהרען זיך דוקא, ווי אַ האַלץ-העקער? פאַרוואָס נישט, ווי אַ שניידער, ווי אַ שוסטער, ווי אַנ׳אַנדער בעל-מלאָכה? נאָר דער שטייגער איז, יעדער בעל-מלאָכה, אַ שניידער, צי אַ שוסטער, בשעת מען בעשטעלט ביי איהם אַ בגד, אָדער אַ פּאָר שיך, נעהמט ער די סחורה אַהיים צו זיך און מאַכט זי דאָרט פאַרטיג. אַנ׳אויסנאַהם איז בלויז דער האָלץ-העקער. האָלץ האַקען קומט מען צו יענעם אַהיים... און דאָס — האָט רבי זיינוועלע אויסגעפיהרט — האָבען אונזערע חכמים פיינד געהאַט. ווערען מיט דער תורה ביי יענעם אַ האָלץ-העקער — פע, דאָס איז מיאוס, זעהר מיאוס...

כל המקיים את התורה מעוני סופה לקיימה מעושר...(יא.)

דאָס איז אַזאַ ברכה, אַזאַ גרויסע רבותא, צו וועלכער עס איז זעלטענווער זוכה, דען עפ״י רוב, בשעת אַ איד ווערט געבענשט מיט עשירות, האָט ער שוין דעמאָלסט גאַנץ קנאַפּע עסקים מיט דער תורה...

און דאָס איז אויך דער פשט: „טוב איש רש מאיש כזב (משלי יט. כב.). וואָס פאַר אַ שייכות האָבען צווישען זיך דער „רש״ מיט׳ן „כזב״? — נאָר געוועהנליך, בשעת אַ מענש איז אָרים, האַלט ער אין איין מבטיח זיין, אַז אויב השי״ת וועט איהם העלפען און ער וועט ווערען אַנ׳עושר, וועט ער דאַן טהון אָהן אַ שיעור מצוות ומעשים טובים און גאַנצע טעג וועט ער טיילען צדקה. עפ״י רוב אָבער בשעת אַזאַ איינער ווערט נתעשר, פערגעסט ער אין אַלע זיינע פריהערדיגע הבטחות און ער לאָזט קיין אָרימאַן אויף די אויגען נישט, און דעריבער: „טוב איש רש — מאיש כזב״, איידער צו ווערען שפּעטער אַ ליגנער...

(אלשיך)

„כל המקיים את התורה מעוני — סופה לקיימה מעושר, וכל המבטל את התורה מעושר— סופה לבטלה מעוני״...

די שטראָף, אַז אויב ער וועט אַלס עושר נישט וועלען לערנען קיין

תורה, וועט ער ווערען פעראָרימט — איז פערשטענדליך, דאָס איז טאַקי פּאַר איהם אַ גרויסער עונש, אָבער דאָס, וואָס מען סטראַשעט איהם, אַז אַלס אָרימאַן וועט ער מבטל זיין פון לערנען — וואָסער עונש איז דען דאָס פּאַר איהם? אויך פריהער האָט ער דאָך נישט געוואָלט לערנען?...

נאָר דער עושר האָט זיך דאָך אַ ברירה צו טראַכטען: וואָס האָב איך דען מורא? כ'וועל ווערען אַנ'אָרימאַן? וועל איך מיך דאַמאָלס זעצען לערנען און „כל המקיים את התורה מעוני סופו לקיימה מעושר", וועל איך דאָך ממילא צוריק ווערען אַ גביר... דערפאַר איז מען איהם מתרה: כל המבטל את התורה מעושר — אויב דו וועסט נישט לערנען קיין תורה מתוך עשירות — סופו לבטלה מעוני — וועט מען פון דיר שפּעטער, בשעת עניות, אינגאַנצען צונעהמען דעם רצון און די מעגליכקייט צו לערנען, אַזוי אַז דו וועסט ממילא שוין אַנ'אייביגער אָרימאַן בלייבען...

(רבי ישראל בעל שם טוב)

והוי שפל רוח בפני כל אדם... (י"ב)

צוויי אויגען — פלעגט זאָגען רבי מאיר'ל פּרימישלאַנער — זענען געגעבען געוואָרען דעם מענשען. איין אויג — צו זעהען יענעמס מעלות, דאָס צווייטע אויג — צו זעהען זיינע אייגענע חסרונות...

רבי רפאל בערשאַדער, וועלכער איז געווען, כידוע, אַנ'אויסערגעוועהנ־ליכער עניו, פלעגט זאָגען: מיר דאַרפען דאַנקען און לויבען דעם אויבערש־טען, וואָס ער האָט אונז אָנגעזאָגט, אַז מיר זאָלען נישט זיין קיין בעלי־גאוה, וואָרום וואָס וואָלטען מיר געטהון, ווען ער וואָלט אויף אונז גוזר געווען, חלילה, פערקעהרט, אַז מיר זאָלען יאָ זיין בעלי־גאוה, ווער וואָלט עס דען אימשטאַנד געווען מקיים צו זיין?...

והעובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד... (י"ג)

אין דער צייט פון בעל־שם־טוב זענען געווען אין בראָד גרויסע תלמידי־חכמים, וועלכע האָבען אַרויסגעוויזען אַ שטאַרקע התנגדות צום חסידות. צווישען זיי האָט זיך געפונען רבי חיים צאַנזער (דער ערשטער), אַ בע־ריהמטער גאון, וועלכער איז געשטאַנען בראש פון די בראָדער מתנגדים.

איינמאָל, אום סוכות, האָט רבי חיים, בשעת אַ שמועס אין סוכה, שטאַרק געטאַדעלט דעם בעש"ט און זיין התנהגות.

צומאָרגענס בעגעגענט איהם דער בעש"ט און פרעגט איהם:

— היתכן, אַזאַ ירא-שמים ווי איהר זאָל אין סוכּה ריידען אויף אַ איד לשון-הרע?

— פון וואַנען ווייסט איהר עס? — פרעגט איהם רבי חיים — אויסער מיינע מקורבים איז קיינער מיט מיר אין סוכּה נישט געזעסן, טאָ ווער האָט עס אייך דערצעהלט?

— אַ מלאך האָט עס מיר דערצעהלט — ענטפערט איהם דער בעל-שם-טוב.

— אַ מלאך? — שמייכעלט רבי חיים — אַ מלאך וועט דערצעהלען לשון-הרע?

— דערצעהלט האָט עס מיר — רופט זיך אָן דער בעש"ט — אייער אייגענער מלאך, דען די משנה זאָגט אין אָבות, אַז „העובר עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד", אַז פון יעדע עבירה, וואָס אַ מענש טהוט, ווערט בעשאַפען אַ מלאך-רע, איז אָט דער מלאך-רע, וועלכער איז בעשאַפען געוואָרען פון אייער לשון-הרע, האָט פאַר לשון-הרע קיין מורא נישט, וואָרום ער לעבט דאָך דערפון...

ומורא רבך כמורא שמים... (טו.)

דער „מורא רבך" זאָל זיין ביי דיר אַזוי גרויס, ווי גרויס עס איז ביי דיין רבי'ן דער „מורא שמים"...

(רבי יחזקאל מקוזמיר)

הוי זנב לאריות ואל תהי ראש לשועלים... (כ.)

און אין ירושלמי סנהדרין פרק ד' הלכה ה' איז דער נוסח פערקעהרט „הוה ראש לשועלים ואל תהי זנב לאריות"...

העולם הזה דומה לפרוזדור, התקן עצמך בפרוזדור (כא.)

רבי פנחס, דער בעל „הפלאה", איז אַמאָל אין אַ ווינטער-נאַכט געזעסען און געלערנט. ס'איז שוין געווען שפעט נאָך האַלבער נאַכט, אין דרויסען האָט געברענט דער פראָסט. פּלוצלונג הערט ער, ווי עמיצער קלאַפּט אין טהיר און בעט רחמים:

— האָט רחמנות, לאָזט אַריין אַ איד!

רבי פנחס האָט תיכף געעפענט און אין שטוב איז אַריין אַ איד אַ פערפרוירענער, אַ פערשנייטער, קוים וואָס ער האַלט זיך אויף די פיס. רבי

פנחס זעצט איהם אוועק ביים ווארימען אויווען, דערלאנגענדיג איהם א גלעזעל ווארימס, גיט איהם עפעס טועם צו זיין — דער איד איז זיך מחיה.

קומענדיג צו זיך, ענטשולדיגט זיך דער איד פאר׳ן רב, הלמאי ער האט איהם בעאונרוהיגט און אנגעקלאפט אין מיטען דער נאכט. אזוי און אזוי. ער איז א איד א סוחר, פאהרט איצט אויף א יריד, אויפ׳ן וועג האט פלוצלונג א נעהם געטהון א מורא׳דיגער פראסט און ער איז שיער נישט דערפרוירען געווארען. קוים-קוים וואס ער האט זיך א לעבעדיגער דערשלעפט אהער אין שטעדטעל אריין.

און אזוי שמועסענדיג מאכט דער איד צו רבי פנחס׳ן:

— איהר זעהט דאך, רבי, אז קיין עולם-הזה האב איך נישט, כ׳בין שטענדיג פערפינסטערט און פער׳חשכ׳ט, תמיד אין וועג, אין קעלט און אין היץ, וועל איך כאטש האבען עולם-הבא?

— א הארבע שאלה — ענטפערט איהם דערויף רבי פנחס זיפצענדיג — אדרבה, זאגט אליין, מה-דאך עולם-הזה, אויף וועלכען איהר הארעוועט נעבעך מיט אלע כחות, האט איהר נישט, א פשיטא עולם-הבא, אויף וועלכען איהר הארעוועט דאך גארנישט...

— זעהר אפט — פלעגט זאגען דער חתם-סופר — הערט מען, ווי מענשען קלאגען זיך, אז זיי האבען נישט מיט וואס צו לעבען. כ׳האב נאך אבער קיינמאל נישט געהערט, א מענש זאל זיך אמאל בעקלאגען, אז ער האט נישט מיט וואס צו שטארבען...

רבי בונם מפשיסכע פלעגט זאגען:

— מיין גאנץ לעבן לערן איך מיך, ווי צו שטארבען...

יפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים... (כנ.)

רבי לוי יצחק בערדיטשעווער, דערצעהלט מען, האט אמאל, פאהרענדיג אין וועג, זיך בעגעגענט מיט א געוויסען מופקר און בעל-תאוה׳ניק, א מומר לכל התורה כולה, האט רבי לוי יצחק גענומען מיט איהם איינ׳טענה׳ן: ברודער-סערדצע! ווי מקנא איך בין דיך. דו ווייסט דאך גאר אליין נישט, וואס פאר אנ׳אונשאצבארען אוצר דו טראגסט ארום ביי זיך. ווען דו זאלסט זיך נאר וועלען בעדענקען און פועל׳ן ביי זיך תשובה צו טהון, וואלטען דיר דאן אלע עבירות, וואס דו ביזט בעגאנגען אין דיין לעבען, פעררעכענט געווארען פאר זכיות, קיין איין צדיק וואלט נישט געקענט זיין גלייך צו

דיר, דען קיין צדיק וואָלט זיך נישט געקענט געגען דיר פערמעסטען מיט אזוי פיעל זכיות...

די דאָזיגע האַרציגע ווערטער האָבען געהאַט אַ געהעריגע פעולה אויפ'ן מופקר, וועלכער האָט גלייך חוזר בתשובה געווען און עס איז אַרויס־געקומען פון איהם אַ בעריהמטער חסיד.

אזוי ווערט דערצעהלט לויט איין נוסח, אַנדערש אָבער ווערט די זעלבע מעשה פערענדיגט לויט אַ צווייטען נוסח. אויב ס'איז יאָ אזוי — זאָל דער דאָזיגער מופקר האָבען ציניש געענטפערט רבי לוי יצחק'ן — בין איך אייך מבטיח און איך וועל זיך זעהען, רבי, צו בעמיהען, אַז פון היינט איבער אַ יאָהר זאָלען מיר צוקומען וואָס מעהר אַזעלכע זכיות...

שמואל הקטן אומר בנפול אויבך אל תשמח... (כד.)

פרעגען דערויף די פערשידענע מפרשים: וואָס האָט דאָ שמואל הקטן מחדש געווען? דער „בנפול אויבך אל תשמח" איז דאָך אַ בפירוש'ער פסוק אין משלי (כד. יז.)?

פערשידענע תירוצים ווערען וועגען דעם געגעבען, אָבער דער איינ־פאַכסטער און דער לאָגישסטער איז דער ענטפער פון ר' משה קוניץ אין „המצרף", און נעמליך: די פריהערדיגע משנה ענדיגט זיך מיט'ן מאַמר פון רבי שמעון בן אלעזר: „ואל תשתדל לראותו בשעת קלקלתו", פון וועלכען דער זין איז, אַז מען זאָל אויסמיידען צו קוקען אויף אַ שונא, בשעת ער געפינט זיך אין אַנ'אומגליק, כדי יענער זאָל נישט האָבען דעם איינדרוק, אַז דאָס פרעהט ער זיך מיט זיין מפלה, און היות, ווי די אַלע מדות, וואָס ווערען געלערנט אין אָבות, געהערען צו די „מילי דחסידות", צו די זאַכען, וואָס אַ איד דאַרף טהון לפנים משורת הדין, קומט דעריבער צו געהן שמואל הקטן און ערקלערט, אַז דאָס איז נישט קיין ענין פון חסידות, נישט קיין זאַך פון „לפנים משורת הדין", נאָר אַ בפירוש'ער שטרענגער איסור און אַ בפירוש'ער פסוק: „בנפול אויבך אַל תשמח!"...

כידוע, איז שמואל הקטן געווען דער, וועלכער האָט מתקן געווען די ברכת המינים, די תפלה פון „ולמלשינים אַל תהי תקוה", אין וועלכער מיר זענען מתפלל אויף דער מפלה פון אונזערע שונאים. שמואל הקטן געפינט דעריבער פאַר נויטיג דאָ צו בעמערקען, אַז דאָס איז נאָר בנוגע צו אונזערע אַלגעמיינע שונאים, צו די שונאים פון כלל־ישראל, דאַגעגען אָבער אין בעצוג צו אַ פערזענליכען פיינד איז — „בנפול אויבך אַל תשמח ובכשלו אַל יגל לבך"...

(רבי אברהם שטיינגער)

ועל כרחך אתה חי וכו׳ ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון... (כט.)

פון דעם „בעל כרחך אתה חי״, פון דעם, וואס מיר ליידען און ווערען אזוי פיעל געפייניגט אויף דער דאזיגער וועלט און מיר האבען פון איהר קיין שום הנאה נישט, מוז מען קומען צום אויספיהר, אז עס איז אונמעגליך, אז דאס זאל זיין דער תכלית-הבריאה, דער צוועק, צוליעב וועלכען דער בורא האט אונז בעשאפען, און עס איז נישט אנדערש, נאר — „ועל כרחך אתה עתיד ליתן דין וחשבון״, אז דאס אלץ איז נישט מעהר, ווי אנ׳איבער-גאנג, א פרוזדור צו א צווייטער וועלט...

(רבי נחמן בראסלאווער)

פֶּרֶק חֲמִישִׁי

עשרה נסים נעשו לאבותינו על הים... (ד.)

דערויף זאָגט רש״י: „לא נתפרשו לנו״.

אַ פּלא! ווי געשיקט זיך עס, אַז רש״י זאָל האָבען פערזעהען אַ בפירושע מכילתא (בשלח פ״ד) „עשרה נסים נעשו לאבותינו על הים: א, נבקע הים; ב, נעשה יבשה; ג, נעשה טיט; ד, נעשה פידורין ופו׳...״

(כנסת הגדולה)

שבעה דברים בגולם ושבעה בחכם... (ז.)

עס האָט אַמאָל איינער, אַ שטיקעל משכיל און גרויסער פגע, געפרעגט דעם מלבי״ם:

— פאַרוואָס רעכענט די משנה אויס זיבען מעלות פון אַ חכם און זאָגט: „וחלופיהן בגולם״, זי האָט דאָך געקענט, פערקעהרט, אויסרעכענען די זיבען חסרונות פון גולם און זאָגען: „וחלופיהן בחכם״?

— ווייל — האָט איהם דער מלבי״ם געענטפערט — ווי אַזוי עס זאָל נישט שטעהן, וועט אַלץ דער גולם פרעגען, פאַרוואָס עס שטעהט נישט פערקעהרט...

חכם וכו׳ שואל כענין ומשיב כהלכה... (ז.)

צו רבי אייזיל חריף איז אַמאָל געקומען אַ געוויסער למדן, וועלכער האָט זיך געהאַלטען פאַר אַ שאַרפען בעל-פלפול, און האָט אָנגעהויבען זאָגען פאַר איהם אַ פשט׳ל, אָנהויבענדיג מיט עפּעס אַן׳אייזערנע קשיא, דורכגעפלאָכטען מיט חריפות און בקיאות. הערט אויס רבי אייזיל די קשיא און פרעגט:

— נו, און וואָס איז דער תירוץ?

ווערט דער למדן ביי זיך האָפערדיג: רבי אייזיל וויל וויסען דעם תירוץ, הייסט דאָך עס, אַז די קשיא איז טאַקי אַ שאַרפע קשיא... הויבט

ער אָן זאָגען דעם תירוץ, אַריינלאָזענדיג זיך אין טיעפע פשט'לעך, צונויפ־קלעבענדיג אַ וואַנד מיט אַ וואַנד.

רבי אייזיל הערט איהם אויפמערקזאַם אויס און נאָכדעם, ווי ער ענ־דיגט, פרעגט ער איהם ווידער:

— נו, און וואָס איז די קשיא?

— וואָס הייסט? — חדושט זיך יענער — אָט האָט איהר דאָך דעם תירוץ. פערשטעהט זיך, אַז נאָכ'ן תירוץ איז שוין די קשיא קיין קשיא נישט.

— נישט דאָס מיין איך — שמייכעלט רבי אייזיל — די זאַך פערשטעהט איהר מיך, איז אַזוי. פאַרהאַן אַמאָל, אַז מען האָט אַ גוטען תירוץ, אַ שאַר־פען חדוש, פרעגט מען סתם אַ קשיא, אַבי יוצא צו זיין, כדי צו קאָנען זאָגען דעם תירוץ. אייער תירוץ אָבער איז דאָך נאָך צעהן מאָל ערגער פון דער קשיא, הייסט — טאָ וואָס איז די קשיא?..

ועל מה שלא שמע אומר לא שמעתי... (י.)

גאַנץ אָפט געפינען מיר אין רש"י די ווערטער: „איני יודע מה מלמדני", באמת אָבער לערענט אונז רש"י דערמיט אַ גאַנץ סך — ער לערענט אונז דערמיט די מדה פון ענַיוות...

(רבי אורי סטרעליסקער)

האומר שלי שלי ושלך שלך זו מדה בינונית,

ויש אומרים זו מדת סדום... (יג.)

אויב איינער, אַ יחיד, זאָגט „שלי שלי ושלך שלך", ער וויל ביי קיי־נעם נישט נעהמען און קיינעם נישט געבען, „זו מדה בינונית", איז עס נאָך צו דערליידען, אָבער—„ויש אומרים", ווען אַ רבים זאָל אָנהויבען זאָגען און איינפיהרען דעם דאָזיגען פרינציפּ, „זו מדת סדום", דאַן וואָלט אַזאַ אָרד־נונג דערפיהרט צו סדום, עס וואָלט אויסגעקומען, אַז די אָרימעלייט זאָלען ממש אויסשטאַרבען פון הונגער...

(לחמי תודה)

קשה לכעוס ונוח לרצות חסיד... (יד.)

דער ווילנער גאון ווייזט אָן, אַז דער דאָזיגער מאמר געפינט זיך אין אַ בפירושען פסוק: „כי ח̇סיד אני נאום ד' לא אטור לעולם"... (ירמי' ג. יב.).

ארבע מדות בנותני צדקה... (טו.)

רבי משה לייב סאַסובער פלעגט זאָגען: „ונא אל תצריכנו ד׳ אלוקינו לא לידי מתנת בשר ודם וכו׳ כי אם לידך המלאה והפתוחה״. נאָר ביי דיר, רבונו של עולם, איז „מלאה ופתוחה״ צוזאַמען, דען די האַנד פון א בשר ודם, אויב זי איז „מלאה״ איז זי ליידער נישט „פתוחה״, און אויב זי איז „פתוחה״ איז זי נישט „מלאה״...

איזו היא מחלוקת שהיא לשם שמים זו מחלוקת הלל ושמאי ושאינה לשם שמים זו מחלוקת קרח... (כ.)

דען בעת אַ מחלוקת צווישען בית-שמאי ובית-הלל, דערצעהלען אונז יעדעס מאָל די חז״ל, אַז „נמנו וגמרו״, מען פלעגט צעהלען די שטימען און די מינדערהייט האָט זיך אונטערגעגעבען דעם פסק פון דער מעהרהייט, דאַגעגען אָבער ביי „מחלוקת קרח ועדתו״ האָבען צוויי הונדערט און פופציג מענשען זיך געגענגעשטעלט געגען אַ רוב פון ששים רבוא אידען...

(שרגי טובא)

רבי חיים וואָלאָזשינער פלעגט זאָגען: „איזו היא מחלוקת לשם-שמים זו מחלוקת הלל ושמאי״. נאָר אַזעלכע מענשען, ווי הלל ושמאי, האָבען זיך געקענט ערלויבען צו פיהרען אַ מחלוקת לשם-שמים, אַזעלכע קליינע מענ-שעלעך אָבער, ווי מיר זענען, מוזען אפילו פון אַזעלכע מחלוקת׳ן אויך אַנטלויפען...

ווי אַזוי ווייסט מען, אַז די מחלוקת איז נישט לשם-שמים?—דאַן ווען עס איז „אין סופה להתקיים״, ווען עס איז פאַר אַלעמען קלאָר און מען זעהט פאָראויס, אַז די דאָזיגע מחלוקת וועט קיין שום נוצען און קיין שום רעזולטאַט נישט ברענגען...

(כתב סופר)

אויף אַנ׳אסיפת-הרבנים אין גאַליציען האָבען זיך די רבנים אויסגערעדט די הערצער, קלאָגענדיג זיך אויף די פערשידענע, אונאויפהערליכע מחלוקת׳ן, וואָס זיי האָבען אויסצושטעהן אין זייערע שטעדט.

— ביי מיר אין שטאָדט — רופט זיך דאַן אָן דער טאַרנאָפאָלער רב, דער בעל „עמק יהושע״ — הערשט נישט ב״ה קיין שום מחלוקת.

— טאַקי באמת? — חידוש׳ן זיך די רבנים.

האָט ער עס זיי מסביר געווען:

— פערשטעהט איהר מיך, בכדי צו פיהרען מחלוקת, מוזען געשאַפען ווערען צדדים און איין צד האַלט מלחמה מיט'ן צווייטען צד. אויף אַזאַ אופן מוז דאָך על כל פנים זיין אחדות צווישען די אָנהענגער פון איין צד. ביי מיר אין שטאָדט אָבער הערשט ר"ל אַזאַ מורא'דיגער פירוד-הלבבות און אַזאַ שנאה צווישען די בעלי-בתים, אַז אפילו צונויפצונעהמען עטליכע מענשען און צו שאַפען פון זיי אַ צד אויף צו פיהרען מחלוקת, אפילו דאָס איז אונמעגליך...

„הני מאני דרבנן דבלו מחופיא דידהו" (ברכות ו')

דאָס, וואָס דער כבוד פון די רבנים („רבי יוחנן קרי למאניה מכבדותיה") איז אַזוי אָבגעריבען און אַזוי געפאַלען, איז „מחופיא דידהו", צוליעב זייערע אייגענע רייבונגען, ווייל זיי אַליין צווישען זיך רייסען זיך, ווייל זיי גופא זענען אויף זייער כבוד נישט חס...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

רבי יונתן אייבעשיץ איז געווען אַ געוויסע צייט רב אין אַ שטאָדט, וועלכע ער איז געצוואונגען געווען צו פערלאָזען צוליעב דער מחלוקת, וואָס עס האָט געפיהרט געגען איהם אייגער פון די גדולי-העיר, אַ בעריהמטער תלמיד-חכם. נאָכ'ן פערלאָזען די שטאָדט האָט רבי יונתן אַריינגעשיקט צום געגנער זיינעם אַ בריוועל, אין וועלכען ער האָט איהם געשריבען: די גמרא זאָגט אין סוטה, אַז „שני תלמידי-חכמים המקפחין זה את זה בהלכה, אחד מת ואחד גולה". בין איך, אַלזאָ, צופרידען, וואָס איך בין דער גולה...

ובל המחטיא את הרבים וכו'... (כא.)

— אַמאָל — פלעגט זאָגען ר' שמואל מאָהילעווער — האָט דער יצר-הרע געדאַרפט זיך גוט אָנמאַטערען, ביז ער האָט געקענט פועל'ן ביי אַ אידען צו טהון אַן עבירה, היינט אָבער ווערט מען נישט מעהר מיט'ן טהון די עבירה אויפ'ן יצר-הרע און זיין עובדה איז בלויז צו פועל'ן ביים מענש, אַז אויב זינדיגען, טאָ זאָל ער נישט זינדיגען אַליין, נאָר אויך אַנדערע מיטשלעפען מיט זיך...

— דעריבער — פלעגט ער אויך זאָגען — איז „כל הגדול מחברו יצרו גדול הימנו", מחמת קוים, ווייסט דער יצר-הרע, וועט איהם געלינגען אַריינ-

צוכאפען א גדול, פערשפארט ער שוין דאן צו ארבייטען מיט׳ן רבים — דער רבים וועט שוין ממילא נאכגעהן...

- דער יצר-הרע — האט געזאגט דער רבי אלימלך פון ליזענסק — איז אמאל געקומען צו מיר און מיך מתרה געווען, אז אויב איך וועל נישט אויפהערען צו מוסר׳ן דעם עולם און זיי מחזיר-בתשובה צו זיין, וועט ער אלעמען לאזען שטעהן און זיך נעהמען צו מיר... האב איך איהם דערויף געענטפערט: וואס מיר אנבעלאנגט, ווייס איך וואויל, אז דו וועסט סיי-ווי טהון אלץ, וואס דו ביזט נאר אימשטאנד, אבער אויך איך אי״ה וועל נישט זיצען מיט פערלעגטע הענד און אויך איך וועל טהון אלץ, וואס איך בין אימשטאנד...

מה בין תלמידיו של אברהם אבינו לתלמידיו של בלעם הרשע... (כג.)

פארוואס שטעהט נישט „מה בין אברהם אבינו לבלעם הרשע״, נאר „מה בין תלמידיו״?

ווייל בלעם׳ן אליין איז שווער געווען צו דערקענען. אויפ׳ן קוק האט ער געמאכט דעם איינדרוק פון א פרומען, א צדיק, וועלכער רעדט רק מיט גאט... ערשט פון די תלמידים זיינע איז געווארען קענטיג, ווער און וואס זייער רבי איז געווען...

(רבי בונם מפשיסכע)

הוי עז כנמר וקל כנשר... (כג.)

רבי נפתלי ראפשיצער פלעגט זאגען: אין די יונגע יאהרען, בעת איך פלעג מיך מקדים זיין אויפצושטעהן צו עבודת-הבורא, פלעגט דער יצר מיט א מינע פון א בעל-רחמנות אריינרעדען אין מיר: נפתלי, וואס איז דאס איילעניש? אין דרויסען איז חשך, די שטערען שטעהען נאך אין הימעל און דער פראסט ברענט, שלאף נאך אביסעל... פלעג איך דאן א געשריי טהון צו איהם: אוועק פון מיר! דו האסט זיך שוין אויפגעהויבען, דו ארבייטסט שוין, און מיך הייסט דו נאך שלאפען?...

עז פנים לגיהנום... (כג.)

דעריבער — פלעגט זאגען רבי מאיר׳ל פרימישלאנער — מעהרען זיך

היינט אזוי פיעל עזות-פנימ׳ער, דען די חז״ל זאגען: „תשע מאות וע״ד דורות שקומטו להבראות קודם שנברא העולם ולא נבראו, עמד הקב״ה ושתלן בכל דור ודור והן הן עזי פנים שבדור״ (חגיגה יד.). אויפ׳ן פסוק „בעתה אחישנה״ זאגען די חז״ל: „לא זכו בעתה, זכו אחישנה״. איז אויב דער קץ זאל קומען „בעתה״, אין דער צייט, וואלט אין יעדען דור בעשאפען געווארען די נאר-מאלע צאהל עזות-פנימער, וויפיעל עס מאכט אויס אויף זיין חלק. אבער, ווי עס ווייזט אויס, זענען מיר זוכה צום „אחישנה״, דער קץ ווערט צוגע-איילט, און דעריבער מוז מען אויך צואיילען און אנהויבען טיילען גרעסערע פארציעס עזות-פנימער...

קיין חידוש נישט — פלעגט זאגען רבי נפתלי ראפשיצער — וואס עס וואקסען היינטיגע צייטען און עס מעהרען זיך אזויפיעל עמי-הארצים, מחמת צווישען די „מ״ח דברים שהתורה נקנית בהם״, וואס ווערען אויסגערעכענט אין דער משנה, ווערט אויך געזאגט — „במעוט דרך-ארץ״, און ווער וויל עס היינטיגע צייטען נישט אנגעהן אלס למדן?...

דער חדושי הרי״ם פלעגט זאגען: „אין משיח בן דוד בא אלא בדור שכלו זכאי״. בעקבתא דמשיחא וועט יעדער גראבער יונג און עזות-פנים זיך האלטען פאר א „כלו זכאי״, פאר א חסיד און שענעם איד...

עז פנים לגיהנום וכו׳ יהי רצון וכו׳ שיבנה בית המקדש... (כג.)

וואס פאר א שייכות האט צום „עז פנים לגיהנום״ דער אויספיהר „יהי רצון שיבנה בית-המקדש״?

נאר די כונה איז: היות ווי „עז פנים לגיהנום״ און היות ווי מיר פערמאגען שוין אזוי פיעל מחוצפים און עזות-פנימער, און א כלל האבען מיר דאך, אז „בעקבתא דמשיחא חוצפא יסגי״, איז דעריבער — „יהי רצון מלפניך וכו׳ שיבנה בית המקדש״, איז שוין די העכסטע צייט, אז משיח זאל קומען...

(חמש ידות)

„תחנונים ידבר רש ועשיר יענה עזות״ (משלי י״ח)

מיר האבען א כלל — פלעגט זאגען דערויף דער לאדזער רב, רבי אלי׳

חיים מייזעל — אַז „ו׳ מוסיף על ענין ראשון״. דער „ועשיר יענה עזות״ בעציהט זיך, אַלזאָ, אויפ׳ן פריהערדיגען „ידבר רש״, אויפ׳ן געוועזענעם אָרימאַן, דען די גרעסטע עזות-פּנימער זענען עפ״י רוב נישט די געבוירענע, נאָר די אויפגעקומענע נגידים...

בן בג בג אומר הפך בה והפך בה... (כה.)

אין בריסק איז געווען בעקאַנט אַ געוויסער גביר, וועלכער איז געווען אַ גרויסער למדן, אָבער דערביי אויך אַ מורא׳דיגער קמצן און אַכזר. איינמ[illegible]טעת מען האָט געזאַמעלט אין שטאָדט געלד אויף אַ דבר-טוב און דער גביר האָט נישט געוואָלט געבען אַ פּרוטה, האָט רבי חיים בריסקער געשיקט נאָך איהם און איהם שטאַרק אויסגעמוסר׳ט. דער גביר האָט זיך מיט דעם מוסר נישט שטאַרק איבערגענומען און ער האָט גענומען ר׳ חיימ׳ן מסביר זיין, אַז הגם ער פערמאָגט טאַקי אייניגע חסרונות, איז אָבער דער למוד-התורה אַלץ מכריע, מחמת ער זיצט ב״ה יום-ולילה און לערנט.
דערויף האָט איהם רבי חיים געענטפערט מיט דער משנה אין אבות:
„הפך בה״, דו לערנסט איינמאָל, „והפך בה״, און דו לערנסט נאָכאַמאָל, „דכולה בה״, ביזט אינגאַנצען אַריינגעטהון אין דער תורה, „ובה תחזי״, גאַנצע טעג ביזטו אין איהר מעיין, „וסיב ובלה בה״, אַזש גרוי און אַלט ביזטו געוואָרען פון לערנען, און דאָך — „ומנה לא תזוע״, האָסטו זיך פון איהר גאָר קיין ריהר נישט געטהון און קיין שום פּעולה נישט געהאַט. אַ בעוויז — „שאין לך מדה טובה הימנה״, קיין איין גוטע מדה האָסטו זיך פון דער תורה נישט אַראָבגעלערנט...

לפום צערא אגרא... (כו.)

רבי נחמן בראַסלאַווער פלעגט זאָגען אויפ׳ן מאמר חז״ל: „צדיקים נדמה להם כהר, רשעים נדמה להם כחוט השערה״. די צדיקים, וואָס זינדיגען נישט, שטעלען זיך פאָר די זינד אַלס אַ ריזיגען באַרג פון אונגעהויערע הנאה און תענוגים, די רשעים אָבער, נאָכ׳ן אָבזינדיגען, „נדמה להם כחוט השערה״, דערזעהען זיי די גאַנצע נישטיגקייט און פּוסטקייט פון דעם אַלעם...

פֶּרֶק שִׁשִּׁי

אָהוּב אוֹהֵב אֶת הַמָּקוֹם... (א.)

עס איז ווייניג — פלעגט דערויף זאָגען רבי משה קאָברינער — וואָס דו ביזט אַנ׳אוהב את המקום, וואָס דו האָסט ליעב דעם רבונו של עולם, בע־מיהען דאַרפסטו זיך מיט דיינע מעשים צו זיין אויך אַנ׳„אָהוב״, אַז דער רבונו של עולם זאָל אויך דיך ליעב האָבען...

צדיק, חסיד, ישר ונאמן... (א.)

ווי מיר זעהען, איז דער סדר אין דער משנה אַנדערש און פערקעהרט, ווי עס איז ביי אונז אָנגענומען... „חסיד״ איז אַ גרעסערע מדרגה פון „צדיק״, און „ישר״ — נאָך גרעסער, און „נאמן״ — נאָך העכער...

(רבי יאָשע בער בריסקער)

אוי להם לבריות מעלבונה של תורה... (ב.)

אַ סך אידען — פלעגט זאָגען רבי אייזיל סלאָנימער — זענען היינט יוצא מיט׳ן „ותורתך בתוך מעי״, מיט דער תורה, וואָס זיי האָבען געלערנט ביי דער מאַמע׳ן אין בויך...

די תורה — שרייבט רבי משה פּאָליאַק אין אַנ׳אָרט — ווערט פון טאָג צו טאָג נתמעט, און דאָך האַלט אין איין וואַקסען די צאָהל פון „גאונים״ און „רבן של כל בני הגולה׳ס״ און „מאור־הגולה׳ס״ האָבען מיר שוין אַזוי פיעל, ווי שטערען אין הימעל...

שאין לך בן חורין אלא מי שעוסק בתלמוד תורה (ב.)

און דעריבער—פלעגט דערויף זאָגען רבי יעקב אָרענשטיין, דער „בעל ישועות יעקב״ — ווערען די צדיקים געשטראָפט צוליעב די זינד פון דור,

ווייל דער דין איז דאָך — „אין נפרעין מנכסים משועבדים במקום שיש בני חורין"...

ואין כבוד אלא תורה שנאמר כבוד חכמים ינחלו ותמימים ינחלו טוב... (ג.)

אויף דער פראַגע פון בעריהמטען מדקדק ר' וואָלף היידענהיים, אַז אַזאַ פסוק, וואָס ווערט דאָ געבראַכט אין דער משנה, געפינט זיך נישט אין גאַנץ תנ"ך, ווערט אָנגעוויזען אין „כנסת ישראל", אַז אין „אליהו זוטא" איז דער נוסח פונ'ם דאָזיגען מאמר אַנדערש, און נעמליך: „שנאמר כבוד חכמים ינחלו ואומר ותמימים ינחלו טוב", אַז דאָס זענען אייגענטליך צוויי גאַנץ בעזונדערע האַלבע פסוקים. דער ערשטער האַלבער פסוק איז אין משלי ג' פסוק ל"א, און דער צווייטער האַלבער פסוק—אינ'ם זעלבען קאַפּיטעל פסוק כ"ה.

כך היא דרכה של תורה פת במלח תאכל... (ד.)

רבי נפתלי ראָפּשיצער איז אַמאָל געזעסען מיט אייניגע חסידישע רביים, וועלכע האָבען געשמועסט וועגען דעם, אַז, ליידער, איז די אָרימקייט די שטאַרקסטע שוץ פאַר'ן אידענטום, אַז אַממעהרסטען דערהאַלט זיך דאָס אידישקייט ביי די, וואָס פיהרען אַ לעבען פון „חיי צער", דערמאָהנענדיג דערביי די משנה „כך היא דרכה של תורה", ווי אויך דעם מאמר „יאה עניותא ליהודאי כברזא סומקא לסוסיא חיורא" (חגיגה ט.)... דערויף האָט זיך אָנגערופען דער ראָפּשיצער: הגם, רבותי, עס איז „יאה עניותא ליהודאי" כאָטש עס איז טאַקי אַ גאַנץ שענע זאַך, בעט איך פונדעסטוועגען מיט'ן גאַנצען האַרצען יעדען טאָג דעם רבונו של עולם, אַז „לעשות להם משפט כתוב, הדר הוא לכל חסידיו", אַז דעם „משפט כתוב", דעם דאָזיגען משפט, אויף וועלכען עס שטעהט געשריבען, אַז ס'איז „הדר הוא לכל חסידיו", אַז ס'איז אַזאַ שענע און נוצליכע זאַך פאַר אידען, איז שוין די העכסטע צייט „לעשות בהם", ער זאָל די דאָזיגע „שענקייט" אַוועקשענקען די שונאים. מיר האָבען עס שוין גענוג...

וחיי צער תחיה ובתורה אתה עמל... (ד.)

אויב דו ווילסט לעבען אַ חיי צער, דאַן „ובתורה אתה עמל", וועסטו שוין דאַמאָלס זיכער זיצען און לערנען...

(חסדי אבות)

פת במלח תאכל וכו׳ אם אתה עושה כן וכו׳... (ד.)

„אם אתה עושה כן״ — אויב דו אליין וועסט אזוי טהון, מיט דיין איי-געגעם גוטען ווילען, נישט ווייל דו ביזט געצוואונגען דערצו, נישט ווייל דו האסט נישט קיין בעסערס, ווי „פת במלח״...

(מהר״ם שיף)

עס איז זעהר א גוטע עצה דער „פת במלח תאכל ומים במשורה תשתה ועל הארץ תישן״, אבער בתנאי — „אם אתה עושה כן״, אז דו אליין זאלסט אזוי טהון, נישט בלויז רעקאמענדירען עס אנדערע, די ישיבה-בחורים...

אל תבקש גדולה לעצמך ואל תחמוד כבוד... (ה.)

א חסיד האט אמאל געפרעגט דעם רבי׳ן ר׳ בונם: רבי! עס שטעהט „כל הבורח מן הכבוד, הכבוד רודף אחריו״ (אגב, אזא מאמר מיט׳ן דאזיגען לשון געפינט זיך נישט אין ערגעץ. דער ריכטיגער און איינציגער נוסח איז (עירובין יג.): „כל המחזר על הגדולה גדולה בורחת ממנו וכל הבורח מן הגדולה גדולה מחזרת אחריו״), איז אט בעמיה איך זיך שטענדיג צו דער-ווייטערען פון כבוד און פונדעסטוועגען זעה איך נישט, אז דער כבוד זאל קומען צו מיר?... דאס איז דערפאר — האט איהם דער רבי ר׳ בונם גע-ענטפערט — ווייל דו האלסט זיך אין אומקוקען, צי דער כבוד לויפט דיר נישט נאך...

אויב — האט מען אמאל געפרעגט רבי מענדעלי קאצקער — דער מענש אנטלויפט פון כבוד, ווייל ער קאן איהם נישט פערטראגען, ווייל ער האט איהם טאקי אויף אנ׳אמת פיינד, איז דאך עס אויף אזא אופן גאר אנ׳עונש פאר איהם, אויב דער כבוד יאגט איהם נאך, טא פארוואס קומט איהם דער עונש?...

— דערפאר — האט דער קאצקער געענטפערט — ווייל דאס גופא אנט-לויפען פון כבוד איז נאך אויך נישט די מדה פון שלמות... דער מענש דארף באמת דערגרייכען צו אזא מדרגה, אז ער זאל פונ׳ם כבוד גאר לגמרי נישט נתפעל ווערען, ער זאל אפילו נישט אנהויבען צו פיהלען, אז דאס איז עפעס א זאך, פאר וועלכען מען דארף אנטלויפען...

מען האט געפרעגט דעם בעקאנטען גאון, רבי יצחק שמעלקיש, הלמאי, טראץ דעם דערמאהנטען מאמר חז״ל, זעהט מען דאך גאנץ אפט אין לעבען, ווי מענשען יאגען זיך נאך כבוד און דערגרייכען איהם?...

— ווער זאָגט דען אייך — האָט ער זיי דערויף, שמייכלענדיג, געענטפערט — אַז מען דערגרייכט נישט? די חז״ל זאָגען בלויז, אַז דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ׳ן כבוד, אַנטלויפט ער פון איהם, אָבער אויב יענער קאָן שנעלער לויפען, איז גאַנץ מעגליך, ער זאָל איהם טאַקי כאַפּען...

———

דער חכם-צבי פלעגט האָבען אַ טבע אַרויסצוזוּנעהמען אָפּט די אַלטע בריעף און איבערצולייענען אויפמערקזאַם די אַלע טיטולען און שבחים, וואָס מען שרייבט איהם. אַז מען האָט איהם אַמאָל געפרעגט, צוליעב וואָס ער טהוט דאָס, האָט ער געענטפערט, אַז דאָס האָט אויף איהם אַ געוויסע פּעולה; זעהענדיג, ווי די וועלט ריהמט איהם מיט אַזעלכע אויסטערלישע שבחים, איז דאָס איהם מעורר, אַז ער דאַרף זיך שעמען צו זינדיגען און צו טהון אַן עוולה — עס איז נישט שעהן פאַר דער וועלט...

———

רבי עקיבא אייגער, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכענט מיט זיין אויסערגעוועהנליכע עניוות און תמימות, האָט אַמאָל געשיקט מיט׳ן שמש אַ בריוועל צו איינעם אַ בעל-דין, אַ פּראָסטער שניידער, וועלכען ער האָט אַרויסגערופען לדין-תורה. אין בריוועל האָט ער געשריבען צו איהם: „לכבוד הרב הגאון, חריף ובקי, סיני ועוקר הרים, צנא מלא ספרא וכו׳...״

דער שניידער, נישט קאָנענדיג זיך אַליין קיין עצה געבען מיט דער שווערער עברי, האָט עס געגעבען איבערצולייענען די שכנים, וועלכע האָבען איבערלייענענדיג דעם טיטול זיך געשטיקט פון געלעכטער, ערקלערענדיג איהם, די בעדייטונג פון די ווערטער. דער שניידער איז אַ בעליידיגטער אַוועק צו רבי עקיבא אייגער׳ן, אויסדריקענדיג זיין תרעומות, הלמאי ער מאַכט פון איהם חוזק און איז איהם מבייש פאַר מענשען...

— וואָס רעדט איהר? — איז רבי עקיבא אייגער ערשטוינט געוואָרען — איך וועל מיך אונטערשטעלען מבייש צו זיין און חוזק צו מאַכען פון אַ איד׳ען? חס-ושלום! וואָס רעדט איהר עפּעס?...

— געוויס איז דאָס חוזק געמאַכט — ברוגז׳ט זיך דער שניידער און ווייזט איהם דאָס בריוועל — איהר נעהמט, רבי, און שרייבט צו אַ פּראָסטען מענשען „הרב, הגאון, חריף ובקי״ און נאָך אַזעלכע ווערטער... מען לאַכט דאָך פון מיר אין די פויסטען!...

רבי עקיבא אייגער קוקט איהם אָן שטאַרק פאַר׳חידושט. און דאַן לויפט ער צו צו דער קאָמאָד, נעהמט אַרויס פון דאָרט אַ פּאַק בריעף און ווייזט דעם שניידער:

— וואָס רעדט איהר עפּעס? — מאַכט ער צו איהם — מיט וואָס זענט

איהר חלילה אַנ'אויסנאַהם פון אַלע אידען? אַלע שרייבען אזוי! צו מיר שרייבט מען אויך אַזוי!... אַט, נאַט, אַדרבה, לייענט, אַלע שרייבען אַזוי...

אין אַ בריעף, וואָס רבי עקיבא אייגער האָט געשריבען צו זיין זוהן, רבי אברהם, מאַכט ער איהם אויפמערקזאַם צווישען אַנדערע זאַכען, אַז בשעת ער וועט מסדר זיין לדפוס זיינע שאלות-ותשובות, זאָל ער אונבעדינגט בע-זייטיגען די שבחים און טיטולען, וואָס מען האָט געשריבען צו איהם, דען „להכותב הוא אבק חניפה ולמי שכותבין הוא אבק גאוה אם ירבו לו ואבק שנאת חנם אם ימעטו". די דאָזיגע שבחים — שרייבט ער ווייטער — זענען מיר אַזוי נמאס, אַז כ'האָב גענומען אויף מיר, אַז כ'זאָל זיי אַפילו נישט אי-בערלייענען, על אחת כמה וכמה וואָלט איך נישט וועלען, זיי זאָלען זיין געדרוקט אין אַ ספר, „פן אהיה לבוז בעולם האמת"...

„כל המחזר על הגדולה — גדולה בורחת ממנו, וכל הבורח מן הגדולה — גדולה מחזרת אחריו" (ערובין י"ג)

עס קומט דאָך אַלזאָ אויס, אַז סוף-כל-סוף בלייבעןביידע אָהן כבוד, סיי דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ'ן כבוד, סיי דער, וואָס אַנטלויפט פון איהם. טאָ וואָס איז אייגענטליך צווישען זיי די נפקה-מינה?

די נפקה-מינה איז, וואָס דער, וואָס יאָגט זיך נאָכ'ן כבוד, איז נישט נאָר, וואָס ער האָט קיין כבוד נישט, נאָר ער האָט נאָך בזיונות...

והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים,

ואלו הן וכו'... (ו.)

אַמאָל — פלעגט זאָגען רבי אייזשע סלאָנימער—אַז איינער האָט געהאַט אַ שאַרפען, עלוי'שען קאָפּ, איז ער געוואָרען אַ רב, און אַז ער האָט געהאַט אַ סך געלד, האָט ער זיך געקויפט אַ גוט. היינט זענען געוואָרען אַנדערע צייטען; אַז איינער האָט אַ סך געלד — קויפט ער זיך אַ רבנות, און אַז ער האָט אַ גוטען קאָפּ — ווערט ער אַ מעקלערביים פויערס קעלבעל...

והתורה נקנית וכו' באמונת חכמים... (ו.)

דערפון, וואָס דער תנא מאַכט אונז אויפמערקזאַם אויף דער נויטווענ-דיגקייט פון אמונת-חכמים, איז משמע, אַז עס איז פאַרהאַן אויך אַ אמונת-כסילים, אַ אמונה אין נאַראָנים...

(באר יצחק)

שהמלכות נקנית בשלשים מעלות וכו׳ והתורה נקנית בארבעים ושמונה דברים... (ו.)

ביי מלכות שטעהט דאָס וואָרט „מעלות״, דאַגעגען ביי דער תורה שטעהט „דברים״, דען צווישען די בעדינגונגען „שהתורה נקנית בהן״ ווערט אויסגערעכענט: „מעוט תענוג״, „מעוט שינה״, „מעוט שיחה״ וכדומה אזעלכע זאַכען, וועלכע זענען טאַקי זעהר נויטווענדיג, אָבער מען קאָן זיי נישט בעצייכענען אַלס „מעלות״...

(סולת למנחה)

שכל האומר דבר בשם אומרו מביא גאולה לעולם...(ו.)

און דערויף טאַקי האָט דוד המלך מתפלל געווען: „הט לבי אל עדותיך ואל אל בצע״. העלף מיר, רבונו של עולם, כ׳זאָל אַליין קענען מחדש זיין דברי-תורה, „ואל אל בצע״, כדי איך זאָל נישט דאַרפען גנב׳ענען ביי יענעם...

(פרי מגדים)

און צוליעב דעם איז אויך אָנגענומען, אַז יעדער דרשן פערענדיגט זיין דרשה מיט די ווערטער „ובא לציון גואל״, מחמת היות ווי ס׳רוב דרשנים דרשנען אין זייער אייגענעם נאָמען פרעמדע זאַכען, נישט אָנווייזענדיג, וואו און ביי וועמען זיי האָבען עס גענומען, און אויב מען זאָגט נישט אַ זאַך „בשם אומרו״ איז מען דאָך דערמיט מעכב די גאולה, לאָזען זיי דעריבער אויס צום סוף „ובא לציון גואל״, אַז די זינד זאָל זיי, הייסט עס, נישט גערעכענט ווערען און דער גואל זאָל יאָ קומען...

ואומר אורך ימים בימינה, בשמאלה עושר וכבוד... (ו.)

דערויף פרעגען די חז״ל: „אטו בימינה אורך ימים איכא, עושר וכבוד ליכא? אלא אורך ימים וכל-שכן עושר וכבוד״.

און דערפון איז געדרונגען — פלעגט זאָגען דערויף רבי נחמן האָראַדענקער בדרך-הלצה — אַז די לומדי-תורה זענען נישט זוכה צו קיין איינפאַכען, פשוט׳ן עושר-וכבוד, נאָר צו עושר וכבוד בדרך דרוש, בדרך קל-וחומר...

און רבי יצחק וואָרקער האָט דערויף צוגעגעבען, אַז אויב אַזוי זענען טאַקי די צדיקים זיכער מיט זייער עשירות און זיי דאַרפען נישט, ווי די נגידים, מורא האָבען פאַר קיין גנבות — דעם קל-וחומר, קענען זיי זיין גאַנץ זיכער, וועט ביי זיי קיינער נישט צו׳גנב׳ענען...

רבי מאיזה מקום אתה... (ט.)

פון וועלכען אָרט — האָבען זיי איהם געפרעגט — זענט איהר? וואָס ס'איז רעכט ביי די דאָרטיגע בעלי-בתים צו לאָזען אזא תלמיד-חכם אַרומוואַנדערען אין דער וועלט ברויט צו זוכען... דערויף האָט ער זיי געענטפערט: „מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני", כ'בין פון א שטאָדט, וואו עס זענען פאַראַן אַ סך תלמידי-חכמים, וממילא בין איך ביי זיי נישט קיין יחסן און קיין יקר-המציאות...

(דברי יושר)

אם אתה נותן לי וכו' איני דר אלא במקום תורה... (ט.)

פון וואַנען אייגענטליך האָט עס רבי יוסי געוואוסט, אז דאָס אָרט, וואָס דער דאָזיגער אונבעקאַנטער מענש לעגט איהם פאָר צו וואוינען, איז נישט קיין מקום-תורה?—דערפון, וואָס דעם פאָרשלאַג „רצונך שתדור עמנו במקומנו" האָט איהם יענער געמאַכט נאָכדעם, ווי ער, רבי יוסי, האָט איהם שוין געהאַט געענטפערט: „מעיר גדולה של חכמים ושל סופרים אני", איז אָט דערפון האָט רבי יוסי געדרינגען, אַז די פאָרגעלעגטע שטאָדט מוז זיין אַ שטאָדט פון עמי-הארצים, מחמת תלמידי-חכמים, בשעת זיי געהען אויפנעהמען אַ נייעם רב איז זיי קיין נפקה-מינה נישט, וואו דער רב איז פריהער געזעסען אויפ'ן כסא-רבנות, צי שטאַמט ער פון אַ גרויסע לומדישע שטאָדט, אָדער נישט, דען זיי האָבען אַ ברירה אַליין צו פרובען איהם, צי ער איז אַ גדול-בתורה... אַנדערש אָבער איז, ווען די בעלי-הבתים, וועלכע געהען אויפנעהמען אַ נייעם רב, זענען עמי-הארצים; אַזעלכע זוכען דוקא, אַז דער נייער רב זאָל האָבען פריהער געוועזען רב אין אַ „עיר מלאה חכמים וסופרים", מחמת אַליין זענען זיי אוּף איהם און אויף זיין תורה קיין מבינים נישט...

(רבי יהושע'לע קוטנער)

אין מלוין לו לאדם לא כסף ולא זהב וכו'... (ט.)

דאָס זילבער מיט'ן גאָלד, כאָטש דער מענש איז מיט זיי במשך פון זיין גאַנצען לעבען אַזעלכע „נאָהנטע פריינד" געוועזען, דאָך בעגלייטען זיי איהם נישט און טרויערען נישט אויף איהם נאָך זיין טויט, דען אויף זיין אָרט, ווייסען זיי, וועלען זיך גלייך אויף זיי געפינען הונדערטער אַנדערע בעלנים, הונדערטער אַנדערע „פריינד"... די איינציגע, וועלכע בעדויערען און טרויערען אויף זיין טויט זענען די — „תורה ומעשים טובים בלבד", מחמת אויף זיי, ווייסען זיי נעביך, וועלען זיך קיין אַנדערע בעלנים אַזוי גיך נישט געפינען...

(רבי מרדכי באָנעט)